STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02549

# FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון אונזער אלטען אוצר

(צווייטע זאמלונג)

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און כל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים, איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

דריטער באנד } בראשית / שמות / ויקרא

וואַרשא — תרצ״ד

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1934 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1934.

Druk. „GRAFJA", W—wa, Nowolipki 7. || גשזעצט ביי ר. ראָטענבערג, וואַרשא, מילא 52

# ספר בראשית

# בְּרֵאשִׁית

## בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ... (א.א.)

די תורה הויבט זיך אָן מיט אַ ב׳, און אויך די גמרא הויבט זיך אָן יעדע מסכת מיט דף ב׳, נישט מיט דף א׳, כדי מרמז צו זיין, אַז וויפיעל מיר זאָלען נישט לערנען און וויפיעל מיר זאָלען נישט פאָרשען און חקרנ׳ען, זענען מיר נאָך אַלץ נישט צוגעקומען צו דער א׳. מיר ווייסען נאָך גאָרנישט און מיר האַלטען נאָך אַלץ פאַר׳ן אָנהויב...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

---

„אָמר רבי יצחק לא הי׳ צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם וכו׳". (רש״י)

אין פיעל ספרים, צווישען זיי אויך אין „נחל קדומים" פון חיד״א, ווערט געבראַכט, אַז רבי יצחק, וואָס ווערט דאָ דערמאָהנט, איז דער נאָמען פון רש״י׳ס פאָטער און לכבודו הויבט רש״י אָן דעם פירוש אויף תורה מיט׳ן פאָטער׳ס אַ מאמר.

באמת אָבער געפינט זיך דער דאָזיגער מאמר אין זהר פ׳ בא דף ל״ט: „אמר רבי יצחק לא היה צריך למכתב אורייתא אלא מהחדש הזה לכם וכו׳". דער זעלבער מאמר ווערט אויך געבראַכט אין בראשית רבה פ״א אין נאָמען פון „רבי יהושע דסכנין בשם רבי לוי" און אין מדרש רבה שיר-השירים, אויפ׳ן פסוק „הביאני המלך חדריו", אין נאָמען פון ר׳ ינאי.

(פרדס יוסף)

---

## ויאמר אלקים נעשה אָדם... (א. כו.)

בשעת בריאת-האדם, ווערט געזאָגט אין מדרש, האָבען חסד און צדק מסכים געווען: „יִבָּרֵא", זאָל דער מענטש בעשאַפען ווערען, דאַגעגען אמת און שלום האָבען געזאָגט: „אַל יִבָּרֵא", ער זאָל נישט בעשאַפען ווערען. „מה עשה הקב״ה? נטל אמת והשליכו לארץ", איז ממילא שוין געווען אַ מעהרהייט, מען זאָל דעם מענש יאָ בעשאַפען.

פרעגט מען דערויף די אַלט-בעקאַנטע קשיא: פאַרוואָס האָט מען גראָד אַראָבגעוואָרפען דעם „אמת" און נישט דעם צווייטען געגנער — „שלום"?

האָט געענטפערט דערויף רבי מענדעלי קאָצקער: ווייל, ווען מען וואָלט אַראָבגעוואָרפען דעם „שלום" און דער „אמת" וואָלט ווייטער געבליבען מיט זיין טענה: „אל יברא, שכולו שקרים", וואָס וואָלט שוין דאַן געהאָלפען די פערטיידיגונג פון חסד: „שהוא גומל חסדים" און דער לימוד-זכות פון „צדק": „שהוא עושה צדקות", וויבאַלד סיי די צדקות און סיי די חסדים זענען אין דער ווירקליכקייט נישט מעהר ווי שקר...

(אוהל תורה)

---

וואָס איז געווען די פעולה, וואָס „השליך הקב"ה אמת ארצה", וואָס מען האָט בעזייטיגט דעם „אמת"? עס איז דאָך דאַן נאָך געבליבען דער „שלום", וועלכער איז דאָך אויך געווען פון די געגנער און גע'טענה'ט: „אל יברא", און איהם האָט מען דאָך נישט בעזייטיגט?

דער תירוץ איז: אויב מען וואַרפט אַוועק דעם אמת, קאָן שוין דאַן זיין שלום...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

---

— דעריבער — פלעגט זאָגען דער רבי ר' בונם — האָט מען אַראָבגעוואָרפען דעם „אמת" און נישט דעם „שלום", ווייל אָהן שלום קאָן גאָרנישט זיין, קאָן מען נישט עקזיסטירען, דאַגעגען אָהן אמת, אויב מען מיינט לשם שלום, קומט מען שוין שפעטער צום אמת אויך...

---

## וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד...
## (א. לא.)

„טוב זה מלאך החיים, מאד זה מלאך המות". (ילקוט)

„טוב" — דער, וואָס לאָזט זיך בעגנוגענען מיט'ן ביסעל גוטס, וואָס ער האָט און ער איז אַ שמח בחלקו, „זה מלאך החיים", דערלענגערט עס און פערזיסט איהם דאָס לעבען, דאַגעגען „טוב מאד", ווען דער מענש איז קיינמאָל נישט צופרידען און ער יאָגט זיך נאָכ'ן „מאד", נאָך לוקסוס און מותרות — „זה מלאך המות", איז דאָס זיין מלאך-המות, וואָס איז איהם מקצר די יאָהרען...

(דובנער מגיד)

## וויטע ד׳ אלקים גן בעדן מקדם... (ב. ח.)

אַ חדוש, וואָס אין דער צייט, וואָס עס האָט זיך שוין איינגעגעבען צו ענטדעקען אַלע פערבאָרגענסטע און געהיימסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, איז נאָך פונדעסטוועגען עד-היום נישט געלונגען אויסצוזוכען דאָס אָרט פון גן-עדן, וועגען וועלכען עס ווערט אין דער תורה אָנגעוויזען דייטליכע סימנים, וואו עס געפינט זיך?

נאָר גאַנץ מעגליך, אַז פערשידענע רייזענדע האָבען שוין לאַנג אויסגעזוכט און געפונען דעם גן-עדן און דאָס, וואָס מיר ווייסען נישט וועגען דעם, איז דערפאַר, ווייל ווער פון זיי וועט עס זיין אַזאַ נאַר און וועלען פון דאָרט צוריקקומען?...

(ספר התשבי פון ר׳ אלי׳ בחור)

---

— אין פלוג — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — קאָן זיך אויסדוכטען, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען דער גן-עדן מיטן גיהנום וואָלטען זיך געפונען דאָ אויף אונזער וועלט, כדי אַלע זאָלען זעהען, ווי מען איז די רשעים מעניש פאַר זייערע זינד און די צדיקים בעקומען שכר פאַר זייערע מעשים-טובים, און דער מוסר-השכל זאָל אַלעמען שטעהן פאַר די אויגען... באמת אָבער איז בעסער, וואָס ס׳איז נישט אַזוי. וואָרום שטעלט אייך פאָר, ווען מיר זעהען, ווי מען נעהמט אַ איד, וואָס אַלע האָבען איהם ביי זיין לעבען געהאַלטען פאַר אַ צדיק תמים, און מען פיהרט איהם גאָר פלוצים אַריין אין גיהנום, וואָס וואָלטען מענשען דאַמאָלס געזאָגט? זיי וואָלטען דאָך דאַמאָלס גרויס תרעומות געהאַט אויפ׳ן רבונו של עולם... און דעריבער זאָגט טאַקי דוד המלך: „מה רב טובך אשר צפנת ליראיך, פעלת לחוסים בך, נגד בני אדם״. דעריבער האָט מען דאָס אַלץ בעהאַלטען אויף שפעטער — „נגד בני אדם״, כדי די בני אדם, די מענשען, זאָלען פערשפאָרען קשיות צו פרעגען...

---

— רבונו של עולם — פלעגט זאָגען אַ געוויסער צדיק — ווען די זינדיגע תאוות און דער יצר-הרע וואָלטען געווען בלויז דערמאָהנט אין דער תורה, דאַנצען דעם גן-עדן מיט׳ן גיהנום וואָלטען מיר געהאַט ביי זיך און זיי וואָלטען געשטאַנען איטליכען פאַר די אויגען, וואָלט דאַמאָלס זיכער קיין שום בשר-ודם נישט געזינדיגט. איצט אָבער, ווען ס׳איז לײדער פערקעהרט: ווען דער יצר-הרע און די אַלע זינדיגע תאוות געפינען זיך אין

אונז, און דער גן-עדן מיט'ן גיהנום — אין דער תורה, טא וואס איז דער חידוש, וואס דער מענש האלט אין איין זינדיגען?...

(אור הנר)

## ויניחהו בגן-עדן לעבדה ולשמרה... (ב. טז.)

השי"ת האט געוואלט אויספרובען דעם ניי-בעשאפענעם מענש, ווי אזוי ער וועט זיך אויפפיהרען, ווען ער וועט זיך געפינען אין א גן-עדן, ארומגערינגעלט מיט בלויז גוטס, און אט האט זיך ארויסגעוויזען, אז דוקא דארט, זייענדיג פערזארגט מיט כל-טוב, איז ער דעם ערשטען חטא בעגאנגען...

(דברי חכמים)

## לעבדה ולשמרה...

„לעבדה — זו מצות עשה, ולשמרה — זו מצות לא תעשה" (רש"י)

געוועהנליך טייטשט מען, אז דאס בעציהט זיך בכלל אויף די מצות, די עשה'ס און לא-תעשה'ס פון דער תורה.

דער מגן-אברהם אבער אין זיין ספר „שמן ששון" טייטשט גאנץ איינפאך, אז דאס רעדט זיך וועגען ערד-ארבייט. „לעבדה — זו מצות עשה", עס איז א מצות-עשה, פונקט ווי יעדע אנדערע מצוה פון דער תורה, צו בעארבייטען די ערד, „ולשמרה — זו מצות לא-תעשה", אויב מען היט נישט די ערד און מען לאזט זי וויסט און אונבעארבייט, איז מען עובר אויף א לא-תעשה...

## האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל (ג. יב.)

וואס פאר אנ'ענטפער איז עס, אז דעריבער האט ער עובר געווען אויפ'ן צווי פון השי"ת, דערפאר, ווייל דאס ווייב האט אים געהייסען?... נאר — ווערט געזאגט דערויף בדרך-הלצה — דער עונש אויפ'ן עץ-הדעת איז געווען, אז „ביום אכלך ממנו מות תמות", האט זיך אדם הראשון אלזא מתנצל געווען, אז דעריבער האט ער עובר געווען אויפ'ן געבאט, ווייל „האשה אשר נתת עמדי", ווייל מען האט איהם געגעבען א ווייב, און ווען ער וואלט נישט געפאלגט דאס ווייב, וואלט ער געהאט אויסצושטעהן א

פיעל הארבערען עונש, דען — „אשה רעה מר ממות״, זי איז נאך פיעל ערגער פונ׳ם טויט...

(מאמר אברהם)

## ועפר תאכל כל ימי חייך... (ג. יד.)

אויב די ערד וועט איהם בעפרידיגען, ערנעהרען און שטילען דעם הונגער, טא וואס פאר א קללה איז עס? אדרבה, דאס איז דאך אזא שפייז, וואס וועט איהם קיינמאל נישט אויספעהלען, וואס ער וועט שטענדיג פאר זיך האבען גרייט?

נאר טאקי אין דעם גופא, וואס ער וועט זיך נישט דארפען יאגען נאך דער שפייז און זי וועט איהם קיינמאל נישט אויספעהלען, ליגט די קללה. די הנאה און פרייד פון לעבען בעשטעהט אין די ערפילטע וואונשען און שטרעבונגען, אינ׳ם דערגרייכען דאס, וואס פעהלט, און דאס איז דער פשט: „בורא נפשות רבות וחסרונן״, אויך דער „וחסרונן״ געהער צו דער ברכה. די העכסטע צופרידענהייט פונ׳ם מענש איז, ווען מ׳איז איהם ממלא דאס, וואס פעהלט איהם... און פערשאלטען איז דאס בעשעפעניש, וואס האט קיין שום וואונש און פאדערונג נישט, וואס עס פעהלט איהם גארנישט און עס דארף גארנישט...

(שמחת ישראל)

## ויבא קין מפרי האדמה... (ד. ג.)

„ויבא קין מפרי האדמה, תנא בן ארבעים שנה היה קין כשהרג את הבל״ (מדרש)

פון וואנען נעהמט עס דער בעל-המדרש, אז קין, בעת ער האט גע־הרג׳עט הבל׳ען, איז ער אלט געווען פירציג יאהר?

דען אין א צווייטען ארט אין מדרש ווערט געזאגט: „ויבא קין מפרי האדמה, מן הפסולת שלא נגמר בישולן״, און אין ר״ה זאגען די חז״ל: „מלמד שכל מעשה בראשית בקומתן נבראו״, אז די מעשה בראשית זענען בעשאפען געווארען אינגאנצען פערטיג, געראטען און פערפולקאמט. איז אויב אזוי, פרעגט זיך, טא פון וואנען האט דאן קין גענומען „מן הפסולת שלא נגמר בישולן״? מוז מען אלזא זאגען, אז קין האט געבראכט זיין קרבן פון דער צווייטער זריעה, פון די פירות, וואס זענען געוואקסען נאך די מעשה בראשית, און אין מדרש, ווי אויך אין ירושלמי, ווערט געזאגט, אז „קודם דור-המבול היו זורעין צחת לארבעים שנה״, וממילא קומט אויס, אז דעם

קרבן האָט ער געבראַכט נישט פריהער, ווי אין פיערציג יאָהר אַרום נאָך מעשה בראשית, און דערפון איז אַלזאָ געדרונגען, אַז — „בן אַרבעים שנה היה קין כשהרג את הבל"...

(אור יקרות)

---

## ויאמר קין אל הבל אָחיו, ויהי בהיותם בשדה... (ד. ח.)

וואָס אַזעלכעס האָט קין געזאָגט צו הבל'ען? פאַרוואָס ווערט וועגען דעם אין פסוק גאָרנישט דערמאָהנט?

נאָר דער פשט איז: „ויאמר קין אל הבל", קין האָט רעדענדיג מיט הבל'ען, איהם כסדר גערופען בלשון חיבה: „אָחי"! ברודער! און מיט דעם ברודערליכען וואָרט האָט ער ביי איהם דעם צוטרוי געווינען, און דאַן „ויהי בהיותם בשדה", האָט ער איהם אין פעלד פערנאַרט און ערמאָרדעט...

(ווילנער גאון)

---

## וישם ד' לקין אות... (ד. טו.)

„רב אומר, עשאו אות לרצחנים" (מדרש רבה פ' כ"ב)

וואָס איז דאָ דער מדרש מוסיף צו די ווערטער פון פסוק און וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר די קללה פון קינ'ען איז געווען: „נע ונד תהיה בארץ", ער זאָל אייביג אַרומוואַנדערן מיט זיין חטא, מיט זיין אונרוהיג, געפייניגט געוויסען און קיין מנוחה נישט האָבען און דאָס איז: „עשאו אות לרצחנים", די דאָזיגע קללה פון „נע ונד תהיה בארץ" לויערט פון דאַמאָלס אָן אויף אַלע נאָכפאָלגער פון קינ'ען. עס איז אַ בעקאַנטע פסיכאָלאָגישע ערשיינונג, אַז דער פערברעכער און מערדער, נאָכ'ן אויספיהרען זיין טהאַט, האָט זיין גאַנצען לעבען קיין רוה נישט, ווערענדיג, פריהער צי שפעטער, געפייניגט פונ'ם ערוואַכענדען געוויסען, וואָס יאָגט איהם נאָך, ווי אַ בייז געשפענסט, און גאַנץ אָפט פאַסירט, אַז דער רוצח קומט אַליין זיך מודה זיין אין זיין פערברעכערישען מאָרד, וואָס ער איז בעגאַנגען מיט לאַנגע יאָהרען צוריק...

(קהלת יצחק)

---

# נֹחַ

## נח איש צדיק תמים היה בדורותיו... (ו. ט.)

„יש מרבותינו דורשים אותו לשבח וכו׳ ויש שדורשים אותו לגנאי" (רש"י)

היתכן? ווי אזוי קאָן מען דרשנ׳ען לגנאי, בעת די תורה אליין זאָגט אויף איהם עדות, אז „נח איש צדיק תמים היה"?

נאָר דער אמת איז, אז דער ווירקליכער צדיק תמים און מנהיג-הדור איז נאָר דער, וואָס „יש דורשים אותו לגנאי", וועלכער האָט אויף זיך אויך מתנגדים, געגנער, וואָרום דער, וואָס מען דרשנט איהם בלויז לשבח, איז א סימן, אז ער איז א שקרן, א חונף, וועלכער זוכט צוליעב בעקוועמליכ-קייט צו לעבען מיט אלעמען בשלום און אלעמען אונטערצושמייכלען...

(רבי יחזקאל מקאָזמיר)

---

## את האלקים התהלך נח... (ו. ט.)

פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס ביי זיך אין שטוב זענען זיי פרומע, אָבגעהיי-טענע אידען, דאַגעגען ווען זיי קומען אין גאַס, צווישען מענשען, שעמען זיי זיך מיט זייער אידישקייט, און פאַרהאַן ווידער אַזעלכע, וואָס אין שטוב ווען קיינער זעהט נישט, טהוען זיי אָב כל דאָס בייז און אין גאַס ציהען זיי אַרויף אויף זיך אַ יראת-שמים פנימ׳על. אָבער דער אמת׳ער גאַנצער איד איז דער, וואָס „תמים היה בדורותיו" — סיי צווישען מענשען, און סיי „את האלקים" — ווען ער איז מיט השי"ת אליין, יוען קיינער זעהט נישט...

(ילקוט הדרוש)

---

## ויולד נח את שם ואת חם ואת יפת... (ו. י.)

זעקס ערטער זענען פאַרהאַן אין תנ"ך, וואו עס שטעהען נאָכאַנאַנד פינף ווערטער צו צוויי אותיות, און נעמליך: „נח את שם את חם". — „כי גם זה

לך בן" (בראשית לה. יז). — „כי יד על כס י־" (שמות יז. טז.) — „על כן לא בא אל" (שמואל א׳ כ. סט.). — „זה כי אם רע לב" (נחמי׳ ב. ב.) און „גם לי גם לך לא" (מלכים א׳ כו.).

---

## כי מלאה הארץ חמס... (ו. יג.)

„לא נחתם גזר־דינם אלא על הגזל" (רש"י)

אויף זנות און אַנדערע עבירות האָבען זיי געקענט האָבען אַ תירוץ: זיי האָבען געגאָסען פון צופיעל גוטס (זעה מדרש רבה), און מרוב טובה, אַז מען באָדט זיך אין גוטס, זינדיגט זיך... אָבער אויב עס איז זיי יאָ אַזוי גוט געווען, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי געגזלט? און דעריבער — „לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל"...

(פנינים נבחרים)

---

## והנני משחיתם את הארץ... (ו. יג.)

„את הארץ — עם הארץ, שאף ג׳ טפחים של עומק המחרישה נמוחו ונטשטשו" (רש"י)

דערויף פערטייטשט דער שפתי־חכמים: „דג׳ טפחים עומק נקרא ארץ ומכאן ואילך נקרא אדמה".

און אין אור החיים פ׳ שלח (טז. לא.) ווערט געזאָגט פערקעהרט, אַז די אויבערשטע ערד־שיכט הייסט „אדמה" און די אונטערשטע שיכט, נאָך דריי טפחים — „ארץ", און אַזוי זאָגט אויך דער מלב"ים אין יתרו אויפ׳ן פסוק „מזבח אדמה"...

---

## צהר תעשה לתבה... (ו. טז.)

„יש אומרים חלון ויש אומרים אבן טובה" (רש"י)

די דאָזיגע צוויי־ערליי יש־אומרים זענען אייגענטליך די זעלבע, וועלכע זענען מחולק צווישען זיך אינ׳ם דרש אויפ׳ן פסוק „נח איש צדיק תמים היה בדורותיו", וואו אייניגע דרשנ׳ען לשבח: „כל שכן שאילו היה בדור צדיקים היה צדיק יותר", און אייניגע דרשנ׳ען לגנאי, אַז נור „לפי דורו היה צדיק".

דען דער חילוק פון „חלון" ביז „אבן טובה" איז, וואָס אויב עס איז

געווען אַ חלון, אַ פענסטער, איז נישט נור ליכטיג געווען אין דער תיבה, נאָר מען האָט אויך געקאָנט פון דאָרט אַרויסקוקען און זעהען, וואָס אויסער דער תיבה טהוט זיך; דאַגעגען ביי אַנ'אבן-טובה, איז אין דער תיבה טאַקי געווען ליכטיג, אָבער אַרויסקוקען פון דאָרט האָט מען נישט געקענט. די יש-אומרים, אַלזאָ, וועלכע זאָגען, אַז „חלון היה", האַלטען מיט די „יש דורשים לשבח", דאַנעגען די יש-אומרים, וואָס זאָגען: „אבן טובה היתה", האַלטען מיט די „יש דורשים לגנאי", אַז נח איז נישט געווען אַזאַ גרויסער צדיק און ער איז נישט ניצול געוואָרן אין זיין אייגענעם זכות און דעריבער איז נישט געווען אין דער תיבה קיין פענסטער, כדי ער זאָל נישט צוזעהען די מפלה פונ'ם דור המבול, ווי מיר געפינען ביי לוט: „המלט על נפשך אל תביט אחריך", און דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „אינך כדאי לראות בפורענותם ואתה ניצול"...

(רבי שלמה קלוגער)

---

## זכר ונקבה יהיו... (ו. יט.)

אויב דו וועסט זעהן „זכר רץ אחר נקבה", אַז דער זכר לויפט נאָך דער נקבה — קבלם, זאָלסטו זיי אַריינעהמען אין דער תיבה, אויב אָבער „נקבה רצה אחר זכר — אל תקבלם", זאָלסטו זיי נישט אַריינעהמען, דען דאָס איז אַ סימן, אַז זיי זענען טמאים...

(בראשית רבה)

---

## בשנת שש מאות שנה לחיי נח... (ז. יא.)

אין זוהר (וירא דף ק"ז) ווערט געזאָגט אויפ'ן דאָזיגען פסוק, אַז דאָס מיינט מען דאָס יאָהר ת"ר לאלף הששי „שאז יתפתחו תרעי ומבועי דחכמתא", אַז עס וועלען זיך עפענען אין יענער צייט די טויערען און קוואַלען פון חכמה (זעה דאָרט באַריכות)...

און דערויף האָט געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער, אַז ווירקליך האָט זיך פונ'ם דאָזיגען יאָהר אָנגעהויבען אַ גרויסע השכלה-בעוועגונג אין דער וועלט, סיי ביי די אומות העולם, סיי ביי אידען, עס זענען באמת געעפענט געוואָרען די קוואַלען פון חכמה ודעת, אָבער בעוונותינו הרבים האָט די סטרא אחרא גובר געווען און זיי זענען בעהערשט געוואָרען דורך די חיצונים און די כחות-הטומאה...

---

## וימחו מן הארץ... (ז. כג.)

אַ פלא אויפ'ן אבן-עזרא, וועלכער דריקט זיך דאָ אויס: „זאת תשובה על חסרי הדעת מאחינו שאומרים שלא הי' המבול בארץ ישראל". וועהרענד דאָס איז האָך אַ בפירוש'ע גמרא אין זבחים קי"ג, וואו עס איז וועגען דעם אַ פלוגתא צווישען רבי יוחנן און ריש לקיש: „מר סבר ירד מבול לא"י ומר סבר לא ירד"...

דער אבי-עזר פרובט אפילו צו געבען דערויף אַנ'ערקלערונג, אָבער — עס איז אַ תירוץ דחוק.

---

## וישאר אך נח... (ז. כג.)

פריהער, „בדורותיו", ווען ער איז געווען ארומגערינגעלט מיט רשעים, איז ער, אין פערגלייך מיט זיי, געווען אַ „נח איש צדיק תמים", אָבער איצט, ווען אַלע זענען אומגעקומען און ער איז געבליבען אַליין — „וישאר אך נח", איז ער שוין געווען נישט מעהר, ווי אַ „בלויזער נח"...

(תולדות יעקב יוסף)

---

## וישלח את היונה... (ח. ח.)

די טויב איז אַ סימן אויף דער כנסת-ישראל. „ולא מצאה היונה מנוח", די טויב האָט נישט געהאַט קיין מנוחה — אויך ישראל וועט אין גלות קיין מנוחה נישט האָבען. „ותשב אליו אל התבה", די טויב האָט זיך צוריק אומגעקעהרט אין דער תיבה — אויך ישראל וועט סוף כל סוף זיך אומקעהרען אין זיין לאַנד. „ותבוא אליו היונה לעת ערב", געקומען איז די טויב צוריק אָוועגד-צייט — אויך ישראל וועט אויסגעלייזט ווערען לעת ערב, ווען עס וועט שוין גוט פינסטער זיין, ווי דער נביא זאָגט: „והיה לעת ערב יהיה אור"...

(מדרש אגדה)

---

## והנה עלה זית טרף בפיה... (ח. יא.)

„יהי' מזונותי מרורין כזית בידו של הקב"ה ואל יהי' מתוקים כדבש בידי בשר ודם (רש"י)

אין ברכת-המזון בעטען מיר: „ואל תצריכנו לא לידי מתנת בשר-ודם ולא לידי הלואתם". פאַרוואָס עפּעס ווערט ביי „מתנת" געברויכט אַ לשון-יחיד און ביי „הלואתם" — אַ מספר רבים?

אַ מתנה, אַ נדבה, דאָס בעטען מיר, זאָלען מיר חלילה צו קיינעם נישט דאַרפען אָנקומען, אפילו צו אַ יחיד. דאַגעגען אַ הלואה, קרעדיט, דאָס איז שוין אַזאַ זאַך, אָהן וועלכער עס איז אונמעגליך אויסצוקומען, אויך אַ נגיד נויטינט זיך אַמאָל „מיד ליד" אין אַ גמילות-חסד, און דאָ איז בלויז די בקשה: „ולא לידי הלואתם", אַז בשעת מיר נויטיגען זיך אין אַ הלואה, זאָלען מיר עס גלייך בעקומען און נישט דאַרפען אַרומלויפען צו אַ רבים, פון איינעם צום צווייטען...

(שיחת חכמים)

---

## והנה עלה זית טרף בפיה... (ח. יא.)

פונ'ם דאָזיגען פסוק דרינגט דער ש"ך (יו"ד ס"ק כ'), אַז זית איז אַ דבר-חריף, דען די גמרא (עירובין י"ח) דרשנ'ט דערויף: „אמרה יונה יהי' מזונותי מרודים כזית".

ווייזט אָבער אָן רבי שמעלקי ניקעלשבורגער, אַז אין פסחים ל"ו איז פאַרהאַן אַ בפירוש'ער תוספות, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז נור דער אילן הזית איז ביטער, אָבער נישט דער זית, די פרי אַליין...

---

## כי יצר לב האדם רע מנעוריו... (ח. כא.)

אַ מערקווירדיגען מאַמר געפינען מיר אין מדרש הנעלם פ' תולדות קל"ח און נעמליך: „אצטריך יצר-הרע לעולם כמטרא לעולם דאלמלא יצר-הרע חדוותא דשמעתא לא ליהוי".

דער יצר-הרע, הייסט עס, איז נויטיג פאַר דער וועלט, ווי רעגען, דען ווען נישט דער יצר-הרע, וואָלטען מיר אפילו די פרייד פון תורה-לערנען נישט געפיהלט...

---

## ויחל נח איש האדמה ויטע כרם... (ט. כ.)

נאָכ'ן דור-המבול, וועלכער איז אומגעקומען, ווייל די מענשען זענען געווען פול מיט חמס וגזל, האָט זיך נח אַרומגעזעהען, אַז נור ביים פער-נעהמען זיך מיט ערד-אַרבייט איז דער מענש אימשטאַנד צו פיהרען אַ עהרליך און אַנשטענדיג לעבען און — „ויחל נח איש האדמה ויטע כרם"...

(אוצרו של יוסף)

---

## יפת אלקים ליפת וישכון באהלי שם... (ט. כז.)

אויב די שטוב איז „אהלי שם״, איז פול מיט שם, מיט אידישקייט, שאַדט נישט ווען מען עפענט אַ ביסעל די פענסטער פאַר דער „שענקייט פון יפת״, פאַר וועלטליכקייט. שלעכט איז אָבער, ווען די אידישע שטובען זענען „אהלי יפת״, זענען דורך און דורך פול מיט וועלטליכקייט און דעם „שם״ האַלט מען פעררוקט אין אַ ווינקעל, אַלס זכר, אַלס דעקאָראַציע...

(הרב שמעון ניימאַן)

---

## ובני גומר אשכנז... (י. ג.)

פון וואַנען עס נעהמט זיך, וואָס גערמאַניען, דייטשלאַנד, ווערט אָנגערופען אין העברעאיש „אשכנז״, איז נישט קלאָר. לויט די אַלטע קוועלען איז „אשכנז״ אַ מדינה אין קליין-אזיען, נישט ווייט פון אַרמעניען, נאָהנט צום באַרג אַררט, ווי עס איז צו זעהען פון פסוק: „אררט מני ואשכנז״ (ירמי׳ נא, כז.) און אזוי איז אויך משמע פון תרגום יונתן און פון בראשית רבה (פ׳ ל״ז). ערשט אין די ימי הגאונים האָט מען גענומען אָנווענדען דעם נאָמען „אשכנז״ אין בעצוג צו גערמאַניען. רב עמרם גאון איז דער ערשטער, וועלכער שרייבט: „קהלות ישראל שבארץ אשכנז״, און דאַן געפינען מיר דאָס שוין אויך ביי רב סעדיה גאון, ביי רב האי גאון, שפּעטער ביי רש״י און דאַן שוין אין אַלע ספרים. ווי אזוי אָבער, אויף וועלכען גרונד דער דאָזיגער נאָמען האָט זיך איבערגעטראָגען אויף גערמאַניען, דאָס, ווי געזאָגט, איז עד-היום שווער פעסטצושטעלען...

# לֶךְ לְךָ

## ואעשך לגוי גדול וכו׳ והיה ברכה... (יב. ב.)

„ואעשך לגוי גדול זה שאומרים אלקי אברהם, ואברכך זה שאומרים אלקי יצחק, ואגדלה שמך זה שאומרים אלקי יעקב" (רש"י)

עס האָט אַמאָל אַ כומר — דערצעהלט די וועלט — געזאָלט פרעגען דעם מהר"ל: פאַרוואָס ווערט נישט דערמאָהנט אין דער שמונה-עשרה, אוי-סער די אָבות, אויך משה רבינו, וועלכער איז דאָך געווען דער רבי און מנהיג פון די אידען און ווערט ביי זיי אַזוי פערהייליגט?

— עס איז דערפאַר — זאָל איהם דער מהר"ל האָבען געענטפערט מיט אַ שטאָך — ווייל ער האָט געהאַט אַ פסול אין דער משפחה, האַבענדיג אַ שוועהר — אַ גלח...

---

## ויעבור אברם בארץ וכו׳ וירא ד׳ אל אברם... (יב. ו. ז.)

ערשט דאַן, ווען אברהם האָט בעטרעטען דעם באָדען פון ארץ ישראל, איז — „וירא ד׳ אל אברם", האָט זיך השי"ת בעוויזען צו איהם. פריהער, איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, האָט ער דערצו נישט געקענט זוכה זיין, דען די שכינה בעווייזט זיך נישט אין

---

## ויבן שם מזבח... (יב. ז.)

„א"ר אלעזר שלשה מזבחות בנה, אחד לבשורת א"י ואחד לקנינה ואחד שלא יפלו בניו בעי" (בראשית רבה)

אברהם האָט דערמיט מרמז געווען די קינפטיגע אידישע דורות, וויפיעל מזבחות עס וועלען נויטיג זיין און וויפיעל קרבנות מען וועט אויף די דאָזיגע מזבחות דאַרפען מקריב זיין, ביז מען וועט דאָס אידישע לאַנד

ערוועריבען. דער ערשטער מזבח, די ערשטע קרבנות, אָהן אַ שיעור מיה און אָנשטרענגונגען וועלען נויטיג זיין אום צו בעקומען קודם-כל די „בשורת הארץ״, די בשורה און די פעלקער-דעקלאַראַציע וועגען דער אויפריכטונג פון דער „נאַציאָנאַלער היים״, וועגען דער ערלויבניש פאַר אידען צו בויען ארץ ישראל. אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. אַ צווייטער און פיעל גרעסערער מזבח מיט לאין-ערך פיעל שווערערע קרבנות וועט דאַן נויטיג זיין „לקנינה״, אויף צו שאַפען די נויטיגע קאַפּיטאַלען און פאָלקס-פאָנדען, בכדי אויסצוקויפען און אויסצולייזען דעם באָדען פון ארץ ישראל און צו פערוואַנדלען דאָס לאַנד אין איין גרויסען אידישען ישוב. אָבער אויך דאָס איז נישט גע-גוג. אַ דריטער מזבח מיט פיעל מסירת-נפש, בטחון און אויסדויער, וועט נויטיג זיין — „שלא יפלו בניו בעי״, אַז ווי גרויס עס זאָלען נישט זיין די שטערונגען און די שווערע נסיונות, וואָס מען וועט פון צייט צו צייט אָנ-טרעפען אויפ׳ן וועג, עהנליך צו דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט, בשעת די אידען זענען דאָס ערשטע מאָל בימי יהושע אַריין קיין ארץ ישראל, און ווי נאָר זיי זענען אַריבער די גרעניצען פון לאַנד און צוגעקומען צו דער שטאָדט עי, זענען זיי, טראָץ די בעקומענע הבטחות און די פריהערדיגע זיכערקייט, פּלוצלינג בעפאַלען געוואָרען און עס זענען אומגעקומען פון זיי זעקס און דרייסיג מאַן — אַז נישט קוקענדיג אויף אַלע שווערע מכשולים און צייטווייליגע מיספּערפאָלגען זאָלען זיי נישט אַראָבפאַלען ביי זיך, נישט פער-לירען דעם מוט און זיך נישט מייאש זיין...

(הרב י. לעווינסאָן)

---

## הנה נא ידעתי כי אשה יפת-מראה את... (יב. יא.)

„עד עכשו לא הכיר בה...״ (רש״י)

פרעגט מען דערויף: אברהם אבינו האָט דאָך מקיים געווען אַלע דינים פון תורה שבכתב ושבעל פה. און דער דין איז דאָך: „אָסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה״?... ענטפערט מען: דער גאַנצער טעם פונ׳ם דאָזיגען איסור איז דאָך נור צוליעב דעם, ווייל „שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו״, און דער דאָזיגער חשש איז ביי אַברהמ׳ען נישט שייך גע-ווען, ווייל—ער האָט דאָך בכלל, אויך שפּעטער, נישט געקוקט אויף איהר...

(מרגניתא דרב)

---

## הנה אשתך קח ולך... (יב. יט.)

אין אַ סך חומשים פון די אַלטע דפוסים (ווי אויך אין די מקראות

גדולות) ווערט געזאָגט אין בעל-הטורים אויפ'ן דאָזיגען פסוק: „ה' במסורת הכא וכו' נהג ולך באבישג השונמית וכו'".

די ווערטער „נהג ולך" ווערען געזאָגט ביי דער שונמית פון אלישע'ן (מלכים ב. ד.): „ותחבוש האתון ותאמר אל נערה נהג ולך". און אינ'ם גאַנצען קאַפּיטעל דאָרט ווערט לגמרי נישט דערמאָהנט דער נאָמען „אבישג". נאָר בלויז „שונמית", און עס איז דאָך אונמעגליך צו זאָגען, אַז דער נאָמען „שונמית" בעדייט אויף „אבישג השונמית" פון דוד'ן, מחמת ערשטענס, איז דאָך עס אונגלויבליך, אַז זי זאָל האָבען געלעבט אַזוי פיעל דורות און יזי זאָל נאָך דאַן האָבען געווען אַ בת-בנים. צווייטענס, ווערט דאָך געזאָגט אין סנהדרין כ"ב: „אבישג דדוד אסורה לינשא לכל אדם"...

באמת אָבער איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות-הדפוס און עס דאַרף צוגעגעבען ווערען דאָס וואָרט „אחותה", דען אַזוי טאַקי ווערט געזאָגט אין פרקי דר' אליעזר (פרק יג.) אַז די שונמית פון אלישע איז געווען „אחותה דאבישג".

(ר. פייגענבוים)

---

# ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב — וילך למסעיו... (יג. יב.)

„בחזרתו פרע הקפותיו" (רש"י)

און דעריבער איז „כבד מאד", דערפאַר איז איהם אַזוי שווער געווען צו טראָגען דאָס כסף וזהב, ווייל ער איז געווען אַ בעל-חוב, עס איז געווען פרעמד געלד און — אַן ערליכען מאַן איז שווער צו טראָגען ביי זיך פרעמד געלד...

(אמרי שפר)

---

# ואברם כבד מאד וכו' וילך למסעיו...

אַברהם, כאָטש ער איז פלוצים נתעשר און רייך געוואָרען, דאָך — „וילך למסעיו", איז ער זיך ווייטער געגאַנגען זיין פריהערדיגען וועג און זיך אַבסאָלוט נישט געענדערט...

(דברי שאול)

---

## ואברם כבד מאד וכו׳ ויקרא שם אברם בשם ד׳ (יג. ד.)

דעריבער האָט אַברהם זיך פערזאָרגט מיט אַזוי פיעל כסף וזהב, ווייל — „ויקרא שם אברם בשם ד״, ווייל ער האָט גענומען אויף זיך צו פערשפרייטען אין דער וועלט גאָטס וואָרט, און כדי זיינע ווערטער זאָלען געהערט ווערען, איז דערצו נויטיג געווען, ער זאָל זיין אַן׳עושר, אַ נגיד, אַנדערש וואָלט זיך קיינער אויף איהם נישט אומגעקוקט, דען — „חכמת המסכן בזויה״...

(ברית אברהם)

---

און דערפאַר בעת שלמה המלך האָט געבעטען ביי השי״ת חכמה: „ונתת לעבדך לב שומע לשפוט את עמך״, האָט איהם השי״ת געענטפערט: „וגם אשר לא שאלת נתתי לך גם עושר״, דען חכמה אָהן עשירות האָט קיין ווערט נישט, אַן׳אָרימער חכם האָט קיין חשיבות נישט ביי מענשען...

(אסם בושם)

---

## ואנשי סדום רעים וחטאים... (יג. יג.)

„רעים — בגופם, וחטאים — בממונם״ (סנהדרין ק״ט, געבראַכט אין רש״י)

דער תרגום אונקלוס דאַגעגען טייטשט פערקעהרט: „בישין—בממונהון, וחיבין — בגויתהון״...

---

## ויגד לאברם העברי... (יד. יג.)

דעריבער האָט ער געהייסען „אַברם העברי״, ווייל „כל העולם כלו מעבר אחד״, די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען פון איין זייט, „והוא מעבר אחר״, און ער איינער אַליין — פון דער צווייטער זייט...

(בראשית רבה)

---

## ומלכי צדק מלך שלם... (יד. יח.)

לויט איינינע מבארים זאָלען די ווערטער „מלך שלם״ זיין אַ פירוש און ערגענצונג צו „מלכי צדק״. דער פסוק דערצעהלט אונז, אַז דער, וואָס איז אַנטקעגענגעגאַנגען אַברהמ׳ען מיט לחם ויין, איז געווען דער מלך פון

„צדק״ און דערויף ווערט גלייך צוגעגעבען, אז דערמיט ווערט נעמליך גע־מיינט דער מלך פון „שלם״, עס הייסט פון ירושלים, וואס טיילמאל ווערט זי גערופען מיט'ן נאמען „צדק״, ווי „עיר הצדק״ (ישעיה א. כא.), „נוה צדק״ (ירמי' לא. כג.), „שערי צדק״ (תהלים קיח. יט.) און טיילמאל—„שלם״.

---

אין פלוג וואלטען די ווערטער „הוציא לחם ויין״ געדארפט קומען צום סוף, און סטיליסטיש וואלט געדארפט זיין: „ומלכי צדק מלך שלם והוא כהן לאל עליון הוציא לחם ויין״.

— נאר—ענטפערט מען דערויף בדרך־הלצה — פריהער דערצעהלט אונז דער פסוק בפשטות, אז „ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין״. אבער דאס אליין איז נאך נישט אזא גרויסער חידוש, דען עס איז דאך גאנץ נאטיר־ליך, אז א קעניג זאל מכבד זיין א גאסט מיט ברויט און וויין. דאס וואונ־דערליכסטע אבער דערביי איז — פיהרט אויס דער פסוק — וואס „והוא כהן לאל עליון״, וואס דער זעלבער מלכי צדק איז געווען גלייכצייטיג א כהן און אלס כהן איז ער בטבע געוועהנט געווען צו נעהמען, נישט צו געבען, און דאך האט ער דאס מאל געבראכען די געוועהנהייט און מכבד געווען אברהמ'ען מיט לחם ויין — און דאס איז טאקי א גרויסע רבותא!...

---

## ויאמר וכו' במה אדע כי אירשנה... (טו. ח.)

פרעגען אלע מפרשים, פארוואס האט אברהם געבעטען אן־אות נאר אויף דער צווייטער הבטחה וועגען ירושת־הארץ, און נישט אויך אויף דער ערשטער הבטחה, אז „לא יירשך זה כי אם אשר יצא ממעיך״?

האט געענטפערט דערויף רבי חיים וואלאזשינער: דאס, וואס אברהם האט געזאגט: „במה אדע כי אירשנה״, איז נישט דערפאר, ווייל ער זאל חלילה האבען אויף איין רגע געצווייפעלט אינ'ם אויבערשטענס הבטחות, נאר ער האט געוואלט האבען דערויף א דייטליכע און קלארע בעשטעטיגונג, אז אויך אנדערע זאלען דערין גלויבען. איז בנוגע די הבטחה צו האבען קינ־דער, זענען די עטליכע ווערטער פאר איהם פולקאם גענוג געווען. דא דארף ער זיך געגען קיינעם נישט בעווארענען. עס וועט קיינער צו איהם וועגען דעם ענין קיין טענות נישט האבען... אנדערש אבער איז מיט דער הבטחה וועגען ירושת־הארץ, וועלכע ער וועט דארפען צוגעהמען ביי אנדערע. דא וועט ער האבען אויסצושטעהן א שווערען קאמף און עס וועט וועניג זיין, וואס ער וועט זיך פעררופען אויפ'ן אויבערשטענס הבטחה, דען א חוץ אלע

אַנדערע טענות, וועט מען איהם אויך אָנווייזען, אַז אין דער געגעבענער הבטחה איז נישט אָנגעוויזען קיין בעשטימטער טערמין, פון ווען אָן דאָס לאַנד דאַרף געהערען צו איהם און צו זיינע קינדער, און קוים פעהלט דער געוויסער טערמין, איז ממילא די גאַנצע הבטחה נישט גילטיג. אַברהם האָט אַלזאָ פערלאַנגט אַ קלאָרען דאָקומענט: „במה אדע כי אירשנה", ווי אַזוי וועל איך וויסען און ווי אַזוי וועל איך אויך אַנדערע קענען איבערצייגען, אַז דער רצון פון השי"ת איז, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד זאָל צוגעטיילט ווערען פאַר מיר, אָדער פאַר מיינע קינדער, און פון ווען אָן דאַרף עס געהערען צו זיי? און דערויף איז געקומען די אויספיהרליכע תשובה, אין וועלכער עס ווערט קלאָר און דייטליך אָנגעוויזען, אַז — „ודור רביעי ישובו הנה, כי לא שלם עון האמורי עד הנה"...

---

## כה יהי' זרעך... (טו. ה.)

אַ משל צו איינעם, וועלכער האָט געוואַנדערט אין דער מדבר, און די היץ איז געווען גרויס און ער איז געווען פער'חלש'ט פון הונגער און דורשט. פלוצים דערזעהט ער אַ בוים, וואָס זיין שאָטען איז אַנגענעהם און זיינע פירות זענען זיס און ביי דער זייט פון איהם ציהט זיך אַ וואַסער-קוואַל. האָט דער מענש געגעסען פון דער פרוכט און געטרונקען דאָס וואַסער פונ'ם קוואַל און דאַן האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין זיין שאָטען און זיך אָבגעקיהלט פון דער היץ. און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען צו לאָזען זיך ווייטער אין וועג אַריין, האָט ער זיך געווענדעט צום בוים און געזאָגט: אילן, אילן, מיט וועלכע ברכה זאָל איך דיך בענשען? זאָל איך דיר זאָגען, אַז דיינע פירות זאָלען זיין זיס? — זיי זענען דאָך זיס. זאָל איך דיר זאָגען, אַז דיין שאָטען זאָל זיין אַנגענעהם? — ער איז דאָך אַנגענעהם. זאָל איך דיר זאָגען, אַז אַ קוואַל וואַסער זאָל זיך ציהען ביי דיינע וואורצלען? — ער ציהט זיך דאָך, דער קוואַל. בלויז מיט איין ברכה וועל איך דיך בענשען, אַז די נטיעות, וואָס מען וועט נעהמען פון דיר און מען וועט זיי פערפלאַנ-צען אין אַנדערע ערטער, זאָלען פונקט אַזוי געראָטען און מצליח זיין, ווי דו זעלבסט... אַזוי האָט אויך השי"ת געזאָגט צו אַברהם'ן: מיט וועלכע ברכה זאָל איך דיך בענשען? מיט כסף וזהב? — האָב איך דיך שוין גע-בענטשט: „ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב". מיט אַלע אַנדערע ברכות? — האָב איך דיך שוין געבענטשט: „וד' ברך את אברהם בכל". בלויז מיט איין ברכה וועל איך דיך בענשען: „כה יהי' זרעך"! אַז אויך דיינע קינדער זאָלען זיין געראָטען אין דיר, „שלא יפסקו מבניך ומבני בניך עד סוף כל הדורות דוגמא שלך"...

(מדרש הגדול)

---

## ועבדום וענו אותם בארץ לא להם... (טו. יג.)

זיי וועלן געפיינינגט ווערען אויך פון אזעלכע גוים, וועלכע וועלען זיך זעלבסט געפינען אין א„ארץ לא להם", וועלכע וועלען אליין אויך זיין פרעמדע, מינדערהייטען, אליין זיין נרדפים...

(מדרש שמואל)

---

## ואחרי כן יצאו ברכוש גדול... (טו. יד.)

הכי אורחא דקוב"ה — אזוי איז דער דרך פון אויבערשטען — בקדמתא ברא אסותא ולבתר מחי — פריהער בעשאפט ער די רפואה און נאכהער די קלעפ — כך בקדמיהון אתקין רכוש גדול ולבתר אייתא לן לגלותא — פריהער האט ער צוגעגרייט א רכוש גדול און ערשט דאן האט ער אונז געבראכט אין גלות אריין...

(זהר מקץ קצ"ו)

---

## והיית לאב המון גוים... (יז. ד.)

א מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר אין מס' סופרים פרק כ"א הלכה ט'. נעמליך: „האדם הגדול בענקים זה אברהם אבינו שאכילתו ושתייתו הי' כנגד שבעים וארבעה אנשים וכו'".

וואס ווערט געמיינט דערמיט?

ערקלערט עס דער ווילנער גאון: אין משפטים (כד. ט.) ווערט גע-זאגט: „ויעל משה ואהרן נדב ואביהוא ושבעים מזקני ישראל וכו' ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו", אז זייער אכילה ושתיה איז בעשטאנען אינ'ם „ויחזו את האלקים". און אט דער זעלבער שבח ווערט אויך געזאגט אויף אברהם אבינו, אז אויך ביי איהם איז די אכילה ושתיה געווען די זעלבע, וואס ביי יענע „שבעים וארבעה איש"...

---

## ואתה תבוא אל אבותיך בשלום... (טו. טו.)

„למדך שעשה תרח תשובה" (רש"י)

פון וואנען איז דא געדרונגען, אז תרח האט געטהון תשובה? אפשר האט תרח דערפאר זוכה געווען, ער זאל רוהען צוזאמען מיט'ן זוהן, ווייל דער זוהן איז געווען א צדיק און „ברא מזכה אבא"?

די ראיה איז — האט געזאגט דערויף דער חדושי הרי"ם — ווייל עס שטעהט נישט „אל אביך", נאר „אל אבותיך", א לשון רבים, פון וועלכען עס איז משמע, אז נישט בלויז דער פאטער, נאר אויך דער זיידע וועט רוהען צוזאמען מיט אברהם'ן, און א זיידע קאן דאך שוין נישט געניסען אין זכות פון אייניקעל, נור אין זכות פון זיין אייגענעם זוהן, און דערפון איז אלזא געדרונגען, אז „תרח עשה תשובה" און דער זיידע איז נתעלה געווארען א דאנק תרח'ן, דען — „ברא מזכה אבא"...

---

## ולא יקרא עוד את שמך אברם... (יז. ה)

„הקורא לאברהם אברם עובר בעשה וכו' ור' אליעזר אומר עובר בלאו וכו'" (ברכות י"ג)

דער אויסדרוק „עובר בעשה" און „עובר בלאו" ווערט דא נישט גע-מיינט אין בוכשטעבליכען זין, דען אנדערש וואלטען זיי דאך געדארפט אריינגערעכענט ווערען אינ'ם מנין המצות, אין דער אנגעגעבענער צאהל עשה'ס און לא תעשה'ס. פאקטיש אבער איז עס נישט מעהר ווי אנ'אסמכתא בעלמא, און אזעלכע עהנליכע אויסדריקען געפינען מיר גאנץ אפט, ווי: „השח שיחת חולין עובר בעשה" (יומא י"ט), „הנהגה מצר-עין עובר בלא תעשה" (סוטה ל"ח), „כל המחזיק במחלוקת עובר בלאו" (סנהדרין ק"י) וכדומה... (תורה תמימה)

---

## המול לכם כל זכר... (יז. י)

וועגען דעם זין פון מצות-מילה ווערען אנגעגעבען פערשידענע טעמים. דער הויפט-טעם איז, אז דאס זאל דינען פאר די בני-ישראל אלס נאציאנא-לער צייכען, אלס „אות ברית", וועלכער זאל זיי קערפערליך, פיזיש, אונ-טערשיידען פון אלע אנדערע פעלקער. דער דאזיגער טעם ווערט אויך דער-מאהנט אין רמב"ם (מורה-נבוכים ח"ג פמ"ט), און דאס זעלבע שרייבט אויך שפינאזא, וועלכער איז שטארק בעגייסטערט געווען פון דער דאזיגער מצוה, אויסדריקענדיג זיך, אז כל-זמן די אידען וועלען אבהיטען דעם מנהג פון מילה וועלען זיי זיך נישט אויסמישען צווישען די פעלקער און וועלען אייביג עקזיסטירען.

אויך פיעל קריסטליכע געלעהרטע חייזען אן, אז די מילה-אפעראציע איז זעהר געוואונשען פון מעדיצינישען און היגיענישען שטאנדפונקט און

אַז דאָס פערהיט דעם קערפער און הויפּטזעכליך די געשלעכטס-אָרגאַנען פון פערשידענע קראַנקהייטען.

---

## בעצם היום הזה נמול אַברהם וישמעאל בנו. (יז. כו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „בכרן יומא הדין בארבעת עשר שנין גזר אכרהם וישמעאל בריה".

אַ פלא! אין פריהערדיגען פסוק שטעהט דאָך בפירוש: „וישמעאל בנו בן שלש עשרה שנה בהמלו"?...

# וַיֵּרָא

## וירא אליו ד׳ באלוני ממרא... (יח. א.)

„וירא אליו — לבקר את החולה״ (רש״י)

פון וואנען איז עס געדרונגען פון פסוק, אז עס איז געווען לבקר את החולה?

ווייל שטענדיג, בעת השי״ת האט זיך באוויזען צו אברהם, ווערט דער־ביי געזאגט, וואס ער האט גערעדט מיט איהם. דא אבער שטעהט סתם: „וירא אליו ד׳״ און עס ווערט לגמרי נישט דערמאהנט, ער זאל האבען מיט איהם גערעדט, טא צוליעב וואס דען האט ער זיך צו איהם באוויזען? און דערפון דרינגט דער דרש: „לבקר את החולה״, און השי״ת האט דער־מיט געוואלט לערנען מיט אונז מדת דרך־ארץ, אז בשעת מען קומט איינעם מבקר־חולה זיין, דארף מען זיך מיט איהם נישט אריינלאזען אין קיין גע־שפרעכען, דען — „דיבורא קשי לעיני ומעלי לאשתא״ (נדרים מ״א)...

(קהלת משה)

---

דער קראקאווער רב, רבי שמעון סופר, איז אמאל, זייענדיג אין מא־רינבאד, דארט קראנק געווארען. גראד האט זיך אין דער זעלבער צייט גע־פונען אין מארינבאד אויף קוראציע איינער פון די פרומע ראטשילדס, ר׳ שמעון וואלף ראטשילד, און ער איז אוועק צו איהם מבקר־חולה זיין. פער־ברענגט האט ער ביי איהם ס״ה עטליכע מינוט און אויף דער פראגע פון רבי שמעון סופר, פארוואס ער איילט זיך אזוי, האט איהם ראטשילד גע־ענטפערט: די מצוה פון בקור־חולים ווערט אין דער גמרא גע׳דרשנ׳ט פון פסוק „את הדרך אשר ילכו בה״, און דערפון איז אלזא משמע, אז ביי בקור־חולים דארף זיין „אשר ילכו״, מען זאל נישט צו־לאנג זיצען ביים קראנקען, נישט צופיעל איהם מטריח זיין מיט׳ן וויזיט...

(חוט המשולש)

---

## והנה שלשה אנשים נצבים עליו... (יח. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „אחד נדמה לו בדמות סדקי (סוחר תבואה) והשני בדמות נווטי (מנהיג ספינות) והשלישי בדמות ערבי״.

וואָס עפּיס גראָד אין די דאָזיגע דריי געשטאַלטען?

דען די וועלט, זאָגען די חז״ל, איז איינגעטיילט געוואָרען אין דריי חלקים: „שליש ישוב, שליש ימים, שליש מדבריות״ און אויף יעדען חלק איז ממונה אַ בעזונדערער מלאך. אַלע דריי ממונים זענען אַלזאָ געקומען אַברהם׳ן מבקר-חולה זיין; דער ערשטער, אין געשטאַלט פון אַ סוחר-תבואה — אַלס ממונה איבער׳ן ישוב, דער צווייטער, דער מנהיג-ספינות — אַלס ממונה איבער די ימים, און דער דריטער, דער ערבי — אַלס ממונה איבער די מדבריות...

(חרש בירך)

---

## שלש סאים קמח סולת... (יח. ו.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „שלש סאים לכל אחד״, אַז צוזאַמען האָט מען, הייסט עס, געבאַקען נישט קיין דריי, נאָר ניין סאים און דערויף פרעגט דער רמב״ן: נאָכוואָס האָט מען געדאַרפט האָבען אַזויפיעל פאַר דריי מענשען? האָט דער אָסטראָוּוצער רבי געענטפערט אויף דעם מיט פאָלגענדען חשבון:

ביי אַברהם׳ן אין הויז האָבען זיך געפינען 318 נפשות, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „וירק את חניכיו ילידי ביתו שמונה עשר ושלש מאות״. צוזאַמען מיט אַברהם, ישמעאל, אליעזר און די דריי מלאָכים — 324 נפשות. אַ סאה איז זעקס קבין, אַ קב איז פיער לוגין, אַ לוג איז זעקס בצים. יעדע סאה ענטהאַלט אַלזאָ 144 בצים, און ניין סאה—1296 בצים. אַן אַכילת פרס, זאָגען די חז״ל, פאַר אַ דורכשניטליכען מענש, האַלט פיער בצים, פאַר 324 נפשות זענען אַלזאָ נויטיג געווען 1296 בצים — אַקוראַט ניין סאה...

(פרדס יוסף)

---

אויפ׳ן פסוק „שלש סאים קמח סלת״ זאָגט רש״י: „סלת לעוגות קמח לעמלן של טבחים״.

פרעגט מען: לויט די דברי חז״ל, אַז ס׳איז דאַן געווען פסח און די חז״ל זאָגען דאָך, אַז „אברהם קיים את כל התורה ואפילו עירובי תבשילין״, טאָ ווי אַזוי האָט מען געמעגט זיך בענוצען מיט „עמלן של טבחים״, עס

איז דאך א בפירוש'ע משנה אין פסחים, אז „עמלן של טבחים" איז חמץ נוקשה?...

---

„כתיב קמח וכתיב סולת — מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים" (ב"מ פ"ז)

רבי שמשון סוכאוואליער איז געווען א איד אנ'אביון. די ארימע שכירות, וואס ער האט בעקומען פון קהל, האבען נישט געקלעקט פארן בני-בית צו קענען עסען בקויט צו דער זעט, אבער רבי שמשון האט זיך דערמיט נישט גערעכענט און ער פלעגט צו יעדער סעודה מיטברענגען מיט זיך א פאר אורחים פון בית-המדרש. איינמאל האט ער בעמערקט, ווי דאס ווייב, די רבי'צין, בעהאנדעלט נישט די אורחים ווי עס דארף צו זיין און זי דער־לאנגט זיי זעהר קארגע פארציעס. האט עס איהם פערדראסען און ער רופט זיך אן צו איהר: נישט אומזיסט זאגען אונזערע חכמים „אשה עיניה צרה באורחים".

ענטפערט איהם דערויף מניה וביה די רביצין, וועלכע האט אגב גע־שמ'ט אלס גרויסע מלומדת:

— דער דאזיגער מאמר איז נישט געזאגט געווארען בנוגע צו דער רביצין פון סוכאוואליער רב, ווארום ווען דער סוכאוואליער רב מיט זיין גראשענדיגע פענסיע זאל נאך דערצו וועלען האבען א גוט עין, וואלט פון רב שוין לאנג געווארען — רעב...

---

דער מאמר „מכאן שאשה צרה עיניה באורחים" ווערט געברענגט אין דער גמרא אין נאמען פון רב יצחק, וועלכער האט בכלל, ווי עס איז צו זעהען פון פערשידענע שטעלען, געהאט א נעגאטיווע בעציהונג צו פרויען, אזוי ווייט, אז ער האט זאגאר א לאנגע צייט נישט געוואלט הייראטען, ווי מיר געפינען: „עולא איקלא לפומבדיתא וכו' חזייה לרב יצחק בריה דרב יהודה דגדל ולא נסיב וכו'" (קידושין ע"א), ווי אויך: „מקרי ליה רב יהודה לרב יצחק בריה ומוצא אני מר ממות את האשה, אמר ליה כגון מאן? כגון אמך" (יבמות ס"ג)...

(ברוך פרענקעל)

---

## דיקת חמאה וחלב... (יח. ח.)

ואילו לחם לא איתי לקמייהו — אמר אפרים מקשאה תלמידו של רבי מאיר משמיה דרבי מאיר וכו' שרה אמנו אותו היום פירסה נדה" (ב"מ פ"ז)

צוליעב וואס ווערט דא צוגעגעבען אזא באריכות'דיגע הקדמה, אז דער מאמר שטאמט פון רבי מאיר?

דען אין פלוג איז דאָך קשה: אויפ'ן פסוק ביי לוט „ומצות אפה ויאכלו" זאָגען די חז"ל: „ליל פסח היה", קומט דאָך אויס, אַז בייטאָג, בשעת די מלאָכים זענען געווען ביי אַברהם'ן, איז געווען ערב פסח. געקומען זענען זיי אַהין „כחום היום" און „כחום היום", ווערט ערקלערט, מיינט מען די פינפטע שעה פון טאָג. איז אויב אַזוי, טאָ נאָכוואָס דאַרף איך אָנקומען צום תירוץ פון „שרה אמנו פירסה נדה", ס'לאָזט זיך דאָך ערקלערען גאַנץ פשוט, אַז דערפאַר האָט אַברהם נישט דערלאַנגט קיין ברויט, ווייל לויט'ן דין טאָר מען שוין דאַן נישט עסען קיין חמץ? און דעריבער איז די גמרא מדייק און בעטאָנט: „אמר אפרים מקשאה וכו' משמיה דרבי מאיר", רבי מאיר האַלט דאָך, אַז „אוכלין כל חָמֵש", אַז ערב פסח מעג מען עסען חָמֵץ גאַנצע פינף שעה און דערפאַר מוז ער אָנקומען צו דער ערקלערונג, אַז „שרה אמנו וכו'"...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

---

## ויאמר לא כי צחקת.. (יח. טו.)

„ר' יוחנן בשם ר' אליעזר בר' שמעון אומר, לא מצינו שדבר הקב"ה עם אשה אלא עם שרה בלבד שנאמר ויאמר לא כי צחקת" (ירושלמי סוטה פ"ק ה"א)

אַ פלא'דיגער מאמר! עס ווערט דאָך דייטליך געזאָגט אין פסוק, ביי חוה'ן: „ויאמר ד' א' לאשה" און „אל האשה אמר", ווי אויך ביי רבקה — „ויאמר ד' לה"?...

(ר. אשכנזי)

---

## ושמרו דרך ד' לעשות צדקה ומשפט... (יח. יט.)

אַ גאַנצער איד, אַנ'אמת'ער שומר דרך ד', איז נאָר דער יעניגער, וועלכער היט־אָב ביידע זאַכען: צדקה און משפט, וועלכער איז מקיים סיי די מצות שבין אָדם למקום, סיי שבין אָדם לחברו, נישט ווי מיר זעהען עס, בעוונותינו הרבים, אַז די עושי־צדקה פטרין זיך עפ"י רוב פון „משפט" און די עושי־משפט — פון „צדקה"...

(רבי משה פאָלאָק)

---

„ושמרו דרך ד' לעשות צדקה".

דאָס איז אַ וואָרנונג צו די גבאים און מנהיגים פון די פּערשיע-

דענע צדקה-חברות, וועלכע זענען זיך נוהג איינצואָרדנען בעלער, קאָנצער-טען און טאַנץ-אָוועגדען מיט׳ן היתר, אַז די הכנסה געהט אויף צדקה, פאַר אָרימע לייט.

נישט אַזאַ צדקה פערלאַנגט די תורה. „ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה״! צדקה דאַרף געזאַמעלט ווערען דורכ׳ן ריינעם מאָראַלישען וועג, דורכ׳ן „דרך ד׳״, נישט דורך פריצות און אויסגעלאַסענהייט!...

(ילקוט הגרשוני)

## השופט כל הארץ לא יעשה משפט... (יח. כה.)

„אמר אברהם להקב״ה: אם עולם אתה מבקש אין דין — ווילסטו האָבען אַ וועלט, קאָן קיין דין נישט זיין — ואם דין אתה מבקש אין עולם — ווילסטו דין, קאָן קיין וועלט נישט זיין — מה את תופש החבל בתרין ראשין״! — מען קאָן נישט האַלטען דעם שטריק פאַרביידע עקען...

(בראשית רבה)

## אולי יש חמשים צדיקים... (יח. כב.)

ווען עס וואָלט זיך נישט געהאַנדעלט וועגען סדום, וואָלט נאַטירליך אונמעגליך געווען, אַז אין אַ שטאָדט זאָלען זיך געפינען גאַנצע פופציג צדיקים און אברהם זאָל פון זיי נישט וויסען. אַנדערש אָבער איז עס מיט סדום. דאָרט ווען עס זאָלען אפילו זיין צדיקים, וואָלטען זיי זיך געמוזט אויסבעהאַלטען, ווארום מען וואָלט זיי פערפאָלגט און גע׳רודפ׳ט. סדום׳צי-קעס האָבען פיינד צדיקים...

(שושנת אברהם)

## ואנכי עפר ואפר... (יח. כז.)

„עפר״ שטאָלצירט מיט דער צוקונפט; אָבוואָהל עס איז איצט אַ ניש-טיגע, ווערטלאָזע זאַך, האָט עס אָבער האָפנונג, אַז שפּעטער, ווען מענש-ליכע הענד וועלען עס ווי געהעריג בעאַרבייטען, וועט עס נושא-פירות זיין און דער וועלט פיעל נוצען ברענגען. „אפר״ דאַגעגען שטאָלצירט מיט דער פערגאַנגענהייט; איצט איז עס גאָרנישט מעהר, אָבער פריהער, איידער עס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש, איז עס אַ בעדייטענדע זאַך געווען און גע׳אָרט אין דער וועלט פערנומען. אברהם האָט אין זיין ענוות זיך געגלי-כען צו ביידע זאַכען, צו „עפר ואפר״, אַז זיין פערגאַנגענהייט איז „עפר״

און זיין צוקונפט — „אפר", אַז זיין פּערזאָן האָט קיינמאָל נישט געהאַט און וועט קיינמאָל קיין שום חשיבות און בעדייטונג נישט האָבען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

## האחד בא לגור וישפוט שפוט... (יט׳ ט.)

זיין פערברעך ווערט נאָך שווערער דערמיט, — האָבען די אַנשי סדום געטענה'ט צווישען זיך — וואָס „וישפוט שפוט", וואָס דער דאָזיגער פערברעכער, וועלכען מען האָט געכאַפּט ביים חטא פון הכנסת-אורחים, איז נישט קיין געוועהנליכער בשר-ודם, נאָר אַ שופט („אותו היום מינוהו שופט עליהם"), אַ ריכטער, אַ היטער פון געזעץ און אָרדנונג, וועלכער דאַרף מיט זיין אויפפיהרונג דיענען אַלס ביישפּיעל פאַר׳ן פאָלק, און אַריינפיהרענדיג צו זיך אורחים אין שטוב, האָט ער געקענט חלילה גורם זיין, אַז אויך אַנדערע זאָלען זיך פון איהם אַראָבלערנען די דאָזיגע מדה רעה...

(דובנער מגיד)

## הנה לך כסות-עינים וכו׳ ואת כל ונוכחת... (כ׳ טז.)

ווי עס דערצעהלען די היסטאָריקער, איז ביי די אור-אַלטע פעלקער געווען איינגעפיהרט, אַז אויב אַ קעניג האָט איינמאָל געלעבט מיט אַ פרוי, ווען אַפילו זי האָט נאָכהער ביי איהם דעם חן פערלוירען און ער האָט מעהר מיט איהר קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט, האָט זי שוין פונדעסטוועגען דעם גאַנצען לעבען נישט געטאָרט מעהר פערלאָזען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ.

דערמיט אַליין, אַלזאָ, וואָס שרה איז געוואָרען אַרויסגעלאָזען אויף דער פריי, איז „ואת כל ונוכחת", האָט דאָס איהר געדיענט פאַר אַלעמען אַלס בעווייז, אַז אבימלך האָט זיך צו איהר נישט צוגעריהרט, דען אַנדערש וואָלט זי שוין געמוזט, לויט די דאַן הערשענדע מנהגים, זיצען דאָרט איינגעשלאָסען דעם גאַנצען לעבען...

(אורח חיים)

## ותהר ותלד שרה לאברהם בן לזקוניו... (כא. א.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אור החיים: „בן זה לאברהם ולא ישמעאל לאברהם כי לא יקרא שמו בן אברהם, והגם שמצינו שאמר הכתוב „ותלד הגר לאברם בן", שם נקרא אברם, אבל אחר שנעקר שם אברם וכו׳ ישמעאל אין לו ליקרא בן אברהם".

א פלא! אין פ׳ חיי שרה (כה. יב.) האָבען מיר דאָך בפירוש: „ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם״, און אויך אין פ׳ תולדות (כח. ט.): „ויקח את מחלת בת ישמעאל בן אברהם״?...

די דאָזיגע פראַגע ווערט געפרעגט אין אַ סך ספרים. אַן׳ענטפער דערויף געפינען מיר אין ספר „אור הגנוז״. און נעמליך: אין די אַלע ערטער, וואו עס ווערט געזאָגט סתם „זרע״, אָדער „בן אברהם״, בעציהט זיך עס אויף יצחק׳ן, הגם עס ווערט דערביי נישט אָנגעגעבען יצחק׳ס נאָמען. דאַגעגען דאָרט וואו עס רעדט זיך וועגען ישמעאל׳ן, ווערט ער אָנגערופען דייטליך מיט׳ן נאָמען: „ישמעאל בן אברהם״...

---

## כל השומע יצחק לי... (כא. ו.)

דען „ליצני הדור היו אומרים מאבימלך נתעברה שרה וכו׳ מה עשה הקב״ה? צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק״.

אָבער דאָס איז בלויז אַ בעוואָרעניש פאַר די נאָהנטע, אויפ׳ן אָרט, וועלכע וועלען האָבען די מעגליכקייט זיך איינצוקוקען אין יצחק׳ס קלסתר פנים און זיך איבערצייגען אינ׳ם אמת. דאַגעגען אָבער „כל השומע״, די וואָס וועלען הערען פונוויטענס — „יצחק לי״, וועלען ווייטער לאַכען, דען זיי וועלען דאָך יצחק׳ס פנים נישט זעהען...

(נחלת יעקב)

---

## ויאמר אבימלך לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה וכו׳... (כא. כו.)

אינ׳ם דאָזיגען פסוק קומט־פאַר אייגענטליך אַ געשפּרעך צווישען עטליכע פערזאָן. פריהער האָט זיך אַבימלך געווענדעט צו אַברהם׳ן און געזאָגט: „לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה״, און דאַן האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ פראַגע צו פיכל׳ן: „וגם אתה לא הגדת לי״? האָט איהם פיכל געענטפערט: „וגם אָנכי לא שמעתי בלתי היום!״...

(אלשיך)

---

## וכרתו שניהם ברית... (כא. כז.)

כאָטש אַברהם האָט געשלאָסען אַ ברית מיט אַבימלך׳ן, זענען זיי

פאָרט געבליבען „שניהם״. אויך נאָכ׳ן כריתת ברית איז אַברהם געבליבען — אַברהם, און אַבימלך — אַבימלך...

(רבי בונם מפשיסכע)

---

## ויקח שני נעריו אתו... (כב. יג.)

רבי שלמה קלוגער, וועלכער איז געווען, כידוע, אַ מתנגד, האָט זיך אַמאָל צונויפגעטראָפען מיט אַ געוויסען חסידישען רבי׳ן, וועלכער האָט מיטגעפיהרט מיט זיך צוויי משמשים, רופט זיך אָן צו איהם רבי שלמה קלוגער:

— די תורה דערצעהלט אונז וועגען אַברהם׳ן, אַז אין תחילת, בשעת ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, „ויקח את שני נעריו אתו״, האָט ער מיטגענומען מיט זיך צוויי משמשים. וואָס זשע שטעהט ווייטער? — „וירא את המקום מרחוק״, אַז צוליעב דעם האָט ער געזעהן דעם אויבערשטען פון דערווייטענס... און דעריבער טאַקי האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו זיי און געזאָגט: „שבו לכם פה״! כ׳וויל נישט מעהר קיין משמשים, מחמת ווי איך זעה, האָט דער אויבערשטער נישט ליעב, אַז אַ איד שלעפט זיך אַרום מיט צוויי משמשים אין וועג...

---

## והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים... (כב. יז.)

טיילמאָל ווערען די בני ישראל געגליכען אין פסוק צו די שטערען, טיילמאָל — צו חול אשר על שפת הים, און טיילמאָל — צו עפר. יעדער פון די דאָזיגע פערגלייכען בעציהט זיך אויף אַ׳אַנדערע צייט; דאָס פערגלייכען די בני־ישראל צו די שטערען בעציהט זיך אויף יענער גלאַנץ־עפּאָכע, ווען די אידען האָבען זיך געפונען (בימי דוד ושלמה) אויף דער העכסטער שטופע פון גליק און וואוילשטאַנד, צופרידענהייט און מנוחה. ווי די שטערען האָבען זיי דאַן געפינקעלט אין דער וועלט מיט זייער גדלות און דערהויבענקייט; שפּעטער, ווען זיי זענען געוואָרען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט שונאים, זייענדיג געצוואונגען צו פיהרען אונאויפהערליכע מלחמות, זענען זיי געוואָרען געגליכען „כחול אשר על שפת הים״, צום זאַמד אויף די ברעגען פון ים, וועלכע די צאָרניגע כוואַליעס ווילען אָבשווענקען און קענען זיי נישט בייקומען. נאָך שפּעטער, ווען די אידען זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות און צוזייהט און צושפרייט געוואָרען צווישען די פעלקער,

זענען זיי געגליכען צו עפר, צו דער סאַמע נידריגסטער מדרגה פון שפלות, צו דער ערד אונטער די פיס, אויף וועלכען אלע טרעטען און וועגען דער דאָזיגער צייט ווערט געזאָגט: „כי שחה לעפר נפשינו — קומה עזרתה לנו״ און — „התנערי מעפר קומי!״...

(נבל־יקר)

# חַיֵּי שָׂרָה

## וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וכו׳... (כג. א.)

„בת ק׳ כבת כ׳ לחטא, מה בת כ׳ לא חטאה וכו׳ אף בת ק׳ בלא חטא" (רש״י)

איז דאָך עס אין פלוג אַנ׳אונלאָגישער פערגלייך. אַ רבותא וואָלט גע-ווען, ווען מען זאָל זאָגען: „בת כ׳ כבת ק׳ לחטא", אָבער „בת ק׳ כבת כ״? דאָ; איז דאָך גאָר אַ להיפוכ׳דיגער ביישפיעל, דען צו צוואַנציג יאָהר איז דאָך געוועהנליך אַ מענש מעהר גענייגט צו זינדיגען, ווי צו הונדערט?...

נאָר די כונה פונ׳ם דאָזיגען פערגלייך איז, אַז צו הונדערט יאָהר איז שרה פונקט אַזוי פול געווען מיט לעבען און איהר פרומקייט האָט זיך דאַן געגומען נישט פון אַלטקייט, נאָר פון צניעות, פונקט ווי צו צוואַנציג יאָהר, וואָס דאַמאָלס איז דאָך זיכער איהר פרומקייט און צניעות געווען אַנ׳אמת׳ע און אויפריכטיגע, דאַמאָלס האָט מען דאָך זיכער נישט געקענט זאָגען, אַז דאָס איז פון אַלטקייט...

(קרני ראם)

---

## וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ... (כג. ב.)

„מהיכן בא, מהר המוריה בא" (מדרש רבה).

אָט דאָס גופא איז געווען דער אינהאַלט פונ׳ם הספד, וואָס אַברהם האָט געהאַלטען אויף שרה׳ן. ער האָט אין זיין הספד דערצעהלט פאַר׳ן עולם, אַז „מהיכן בא, מהר המוריה בא", אַז דאָס קומט ער פון הר-המוריה, וואו ער האָט געפיהרט מקריב זיין יצחק׳ן, און שרה, די אַלטע מאַמע פונ׳ם איינ-ציגען זוהן, האָט זיך נישט געגענגעשטעלט דעם געטליכען פערלאַנג און האָט מסכים געווען...

(ילקוט הדרוש)

---

אויף די ווערטער „לספוד לשרה ולבכותה" זאָגט רש"י: „ונסמכה מיתת שרה לעקדת יצחק לפי וכו'".

פאַרוואָס ברענגט נישט רש"י דעם דאָזיגען דרש אויפ'ן אָנהויב פסוק: „ותמת שרה בקרית אַרבע"? דאָרט איז דאָך עס מעהר אויפ'ן אָרט?

(פרדס יוסף)

---

„סימן טוב למת שלא נספד כהלכה" (סנהדרין מ"ז)

געוועהנליך זענען זיך די רבנים און דרשנים נוהג, אַז בשעת זיי זע־נען מספיד אַ נפטר, וועגען וועלכען זיי האָבען נישט קיין סך צו זאָגען, מחמת ער האָט זיך אין זיין לעבען נישט אויסגעצייכענט מיט קיין איבריגע מעלות ומדות טובות, פילען זיי אויס דעם הספד מיט פערשיעדענע דברי־הלכה און פשט'לעך, כדי עס זאָל לענגער דויערן. עס איז, אַלזאָ, אַ סימן טוב פאַר אַ מת „שלא נספד כהלכה", אַז מען דאַרף נישט דעם הספד זיי־נעם אויספולען מיט דברי־הלכה, מחמת מען האָט וועגען איהם גענוג וואָס צו זאָגען...

(הרב מאיר הכהן מקראָקאָ)

---

## בכסף מלא יתננה לי... (כג. ט.)

אין איינע פון זיינע שאלות־ותשובות (יו"ד סי' שכ"ט) שרייבט דער חתם סופר געגען די חברא־קדישא'ס, וועלכע רייסען די הויט ביי די יורשים פון יעדען נפטר.

„אין די אַלע ערטער—שרייבט ער—וואו איך האָב זיך אויפגעהאַלטען, האָב איך זיך געגענגעשטעלט געגען זיי מיט כח, ביז עס איז מיר געלונגען מבטל צו מאַכען דעם דאָזיגען מנהג רע. אין איין אָרט איז געשטאָרבען אַ געוויסע עשירה, וועלכע האָט אַ חוץ דערוואַקסענע קינדער אויך איבערגע־לאָזען אַ יתום־קטן און די חברא־קדישא האָט פון זיי פערלאַנגט זעקס רענד־לעך צושטייער אויפצובויען אַ פאַרקאַן אַרום בית־הקברות, אָבער איך האָב זיך געשטעלט אַלס עומד פאַר דעם יתום־קטן און האָב נישט געלאָזט געבען קיין איין פרוטה פון דער ירושה, דערביי האָב איך זיי געדראָהט, אַז אויב זיי וועלען זיך איינ'עקשנ'ען, וועל איך דינגען פרעמדע מענשען, זיי זאָלען קובר־זיין דער מת. און איך האָב געהאַט גרויס מיה ביז איך האָב פון דאָרט אויסגעראָטען דעם שלעכטען מנהג, און אַזוי דאַרף אויך טהון יעדער רב אין זיין שטאָדט, דען מיט דעם דאָזיגען מנהג־רע איז מען מבטל די מצוה פון גמילת־חסדים"...

## אַךְ אם אַתּה לוּ שמעני נתתּי כסף השדה... (כג. יג.)

„נתתי — הלוא נתתי לך כבר" (רש"י)

וואָס עפּיס „נתתי לך כבר"?

דען „אַרבע מאות שקל כסף ביני ובינך מה הוא" ווערט געטייטשט בדרך-הלצה, אַז דעריבער האָט עפרון פאַרלאַנגט פון אַברהם'ן „אַרבע מאות שקל", ווייל „ביני ובינך", דאָס מיטעלסטע אות פון מיין נאָמען און פון דיין נאָמען (סיי אינ'ם וואָרט „אַברהם", סיי אין „עפרון" איז דאָס מיטעלסטע אות אַ ר׳) בעטרעפען צוזאַמען „אַרבע מאות"...

האָט דעריבער אַברהם געזאָגט צו איהם: „הלואי נתתי לך כבר", הלואי וואָלט איך דיר געגעבען דאָס געלד פריהער, איידער נאָך איך האָב געהייסען „אַברהם", נאָר „אַברם", וואָלט איך זיך דאַן איינגעשפּאָרט צוויי הונדערט שקלים, דען דאַמאָלס איז נאָך די ר׳ נישט געווען אין מיין נאָמען קיין מיטעלסט אות...

(הרב שמואל זאב מבאיא)

---

## ואַברהם זקן וכו׳ וד׳ ברך את אַברהם בכל... (כד. א.)

„לפי שנאמר למען אֲשר יצוה את בניו וכו׳ ושמרו דרך ד׳, לכן וד׳ ברך את אַברהם בכל..." (בראשית רבה)

וואָס האָט עס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג?

נאָר אַזוי איז שוין דער דרך-העולם. אַפילו פאַר אַן'אייגענעם טאַטען האָבען קינדער דרך-ארץ און פאָלגען איהם און רעכענען זיך מיט זיינע ווערטער נאָר דאַמאָלס, ווען דער טאַטע איז רייך. אַן'אָרימער טאַטע האָט אויף די קינדער קיין איינפלוס נישט... און דאָס אַלזאָ איז אויסען דער מדרש: „לפי שנאמר למען אשר יצוה את בניו וכו׳ ושמרו דרך ד׳", ווייל אַברהם האָט געשטרעבט מדריך צו זיין די קינדער אין דרך-הישר, לכן, איז דעריבער האָט ער עס געקענט אויספיהרען, ווייל — „וד׳ ברך את אברהם בכל", ווייל ער איז געבענשט געווען מיט עשירות, און דערפאַר האָט ער געהאַט אויף זיי די געהעריגע השפעה...

(תכלת מרדכי)

---

און דערפאַר איז אויך „אין הנבואה שורה אלא על חכם גבור ועשיר": אין פלוג: מיט וואָס איז עס דער עשיר אַזאַ יחסן, אַז ער זאָל צוליעב עשירות זוכה זיין צו נבואה? נאָר די אויפגאַבע פונ'ם נביא איז צו מוסר'ן

דאָס פאָלק און עס מעורר צו זיין צו מעשים-טובים, און אוּם זיין וואָרט זאָל געהערט ווערען און האָבען די נויטיגע ווירקונג, איז געוואונשען, אַז ער זאָל דערצו אויך זיין אַן עושר, וואָרום אַנדערש ווערט מען זיך פון איהם אויסלאַכען און חוזק מאַכען, דען — „חכמת המסכן בזויה"...

(דרשות הר"ן)

---

צו דער מדה פון „בכל", צו בעגנוגענען זיך און צו זיין בעפרידיגט מיט דעם וואָס מען האָט, קאָן אַ מענש דערגרייכען נאָר דאַן ווען ער איז שוין אַ „זקן בא בימים", דען אין די יונגערע יאָהרען, וויפיעל אַ מענש זאָל נישט האָבען, איז איהם אַלץ ווייניג...

(תפארת עוזיאל)

---

דער לובלינער רב, דער בעל „נודע בשערים", איז אויסער רב אויך געוועזן אַ גרויסער וואַלד-סוחר, וועלכער האָט עקספּאָרטירט סחורות נאָך דאַנ-ציג. דער דאָזיגער רייכער רב פלעגט שטענדיג איינ'טענה'ן מיט דעם דיין זיינעם, אַ איד אַ אביון, אַז יעדער מענש דאַרף זיין אַ שמח בחלקו, זיך קיינמאָל נישט קלאָגען און ווי שלעכט עס זאָל איהם נישט זיין, איז „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה".

ויהי היום, האָט דער רב אַוועקגעשיקט נאָך דאַנציג אַ גרויסען טראַנס-פּאָרט האָלץ, וואָס האָט אָנגעטראָפען אַ הון רב, און אויפ'ן וועג האָט זיך לא-עלינו געטראָפען אַנ'אומגליק, אַ פערפלייצונג איז אויסגעבראָכען און פונ'ם גאַנצען געהילץ איז קיין שריד-ופליט נישט געבליבען.

היות ווי קיינער פון די פער'דאַגה'טע בני-בית האָט נישט געוואָגט אַריינצוגעהן אָנזאָגען איהם די טרויעריגע בשורה, האָט די דאָזיגע מיסיע גענומען אויף זיך דער דיין. ער איז אַריין צום רב און מיט איהם פער-פיהרט אַ שמועס איבער זיין בעליעבטע טעמא וועגן „חייב אָדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה", און דאַן איז ער פאָרזיכטיג צוגעטרעטען צום ענין:

— נו, און איהר — מאַכט ער — רבי, פיהלט איהר טאַקי ביי זיך, אַז איהר וואָלט אימשטאַנד געווען מקיים צו זיין דעם דאָזיגען מאמר?

— געוויס. זיכער. ווי דען?

— אויב אַזוי, איז זייט זשע וויסן, אַז... אייער געהילץ איז פער-פלייצט געוואָרען.

דער רב ווערט שרעקליך בלייך און צוטומעלט:

— האַ?!...

— רבי — מאַכט צו איהם דער דיין — אויך דער „האַ״ איז איבריג...
און פון דאַן אָן געהט טאַקי אַרום אין לובלין אַ ווערטעל: „אויך דער האַ איז איבריג״...

---

## וכל טוב אדוניו בידו... (כד. י.)

מיט דער מיסיע, וואָס אַברהם האָט איהם איבערגעגעבען, אויסצוזוכען אַ פרוי פאַר זיין זוהן יצחק, איז אין אליעזר׳ס הענד געלעגען „כל טוב אדוניו״, זיין גאַנץ גליק, זיין ווייטערער שיקזאַל, זייענדיג פון איצט אָן אָנגעוויזען דערויף, וואָס פאַר אַ שנור אליעזר וועט איהם ברענגען אין שטוב אַריין: צי וועט זי זיין אַזעלכע, וועלכע וועט פעראייניגען אין זיך די גוטע מדות פון דער פערשטאָרבענער שרה, און פיהרען דאָס הויז אין איהר גייסט, אָדער חלילה אַ מרשעת, וואָס וועט דעם שווער איהרען אויף די עלטערע יאָהרען דאָס לעבען פערביטערען...

(המגיד)

---

## ויושם לפניו לאכול ויאמר לא אוכל עד אם דברתי דברי... (כד. לג.)

פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט פריהער עסען?

ווערט געענטפערט דערויף מיט אַ לומדיש פשט׳ל: אין טור אבן-העזר ווערט בעטראַכט דער פאַל פון „השולח סבלונות לבית חמיו״, אויב דער חתן האָט געשיקט מתנות צו דער כלה און נאָכהער איז אָבגעגאַנגען דער שידוך, צי האָט דער חתן דאָס רעכט צו פאָדערען די מתנות צוריק, אָדער נישט? פסקנ׳ט דאָרט דער רמ״א, אַז עס איז געווענדעט: אויב דער חתן פלעגט במשך פון דער צייט קומען צו דער כלה אין הויז און דאָרט עסען, דאַרף מען איהם די מתנות נישט אומקעהרען, אויב אָבער ער האָט קיינמאָל דאָרט נישט געגעסען, מוז מען איהם צוריקגעבען די מתנות.

אין פסוק ווערט פריהער דערצעהלט, אַז אליעזר (און אַ קיימא-לן האָבען מיר דאָך, אַז שלוחו של אדם כמותו) האָט געגעבען רבקה׳ן מתנות: „נזם זהב ושני צמידים וכו׳״, און היות ווי ער איז דאָך נישט זיכער געווען, צי פונ׳ם שידוך וועט עפּיס ווערען, צי די עלטערען וועלען מסכים זיין, איז אויב ער וועט דערווייל אַוועקזעצען זיך עסען און נאָכהער וועט חלילה פון שידוך גאָרנישט ווערען, וועט ער דאָך לויט׳ן דין נישט קענען מאָהנען צוריק די סבלונות, די געגעבענע מתנות, און דעריבער האָט ער

ערקלערט: „לא אוכל עד אם דברתי דברי״, פריהער וויל איך אלץ אָברעדען און וויסען, צי איהר זענט מסכים אויפ'ן שידוך, טאָמער נישט — זאָל ער נישט דאַרפען היזק האָבען די מתנות...

(משנת דר׳ אליעזר)

---

מען האָט אמאָל דעם דובנער מגיד גערופען אויסצוגלייכען א סכסוך צווישען צוויי מחותנים. געהאַנדעלט האָט זיך וועגען א זעהר אָריגינעלען סכסוך: דער אבי-הכלה, וועלכער האָט פערבעטען צו זיך די מחותנים און געפּראַוועט פאַר זיי א סעודה, איז אַליין געווען א בעל-אַכסניא און דערצו אַ מורא'דיגער קמצן. נאָכדעם ווי דער שידוך איז שוין געהאַט געשלאָסען געוואָרען און מען האָט זיך דערלאַנגט תקיעת-כף, האָט ער פערלאַנגט פון די מחותנים, זיי זאָלען איהם בעצאָהלען פאַר דער סעודה, מיט וועלכע ער האָט זיי מכבד געווען, מחמת בשעת מען האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש עסען — האָט ער גע'טענה'ט — זענען זיי נאָך דאַמאָלס קיין מחותנים נישט געווען, נאָר געוועהנליכע געסט, וועלכע ער, אלס בעל-אַכסניא איז נישט געוועהנט צו קאַרמענען בחנם...

אויסהערענדיג די אָריגינעלע טענות, רופט זיך אָן דער דובנער, אַז איצט איז איהם פערענטפערט, פאַרוואָס אליעזר האָט געזאָגט: „לא אוכל עד אם דברתי דברי״. איז פלוג: פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט פריהער עסען? נאָר דאָס איז משמעות דערפאַר, ווייל אליעזר האָט דערזעהען, אַז ער האָט צו טהון מיט אַ לבן, האָט ער דעריבער מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט זיך אַוועקזעצען עסען איידער פון שידוך איז נאָך עפּיס געוואָרען, וועט זיך לבן דער מחותן הייסען שפּעטער דערפאַר בעצאָהלען מי-יודע וויפיעל...

---

## אולי לא תלך האשה אחרי... (כד. לט.)

„אלי כתיב, בת היתה לו לאליעזר וכו׳...״ (רש״י)

לויט'ן כתיב פון „אלי״, וואָס פאַר אַ זין האָבען די ווערטער און ווי אַזוי לאָזט זיך דאָן טייטשען דער פסוק: „אלי לא תלך האשה אחרי״ (צו מיר זאָל די פרוי נישט געהן)?...

רבי יהודה לייב מזאקליקוב, אין זיין ספר לקוטי מהר״ל, וויל דערי-בער האָבען, אַז עס איז אַ וועלט-גרייז, וואָס דאַרף אויסגעבעסערט ווערען. עס דאַרף זיין נישט „אֻלַי כתיב״, מיט אַ פתח, נאָר „אֵלִי כתיב״, מיט אַ

חירק, און דער זין איז, אליעזר האָט מתפלל געווען: „אָלַי! מיין גאָט, לא תלך האשה אחרי". הלואי זאָל די פרוי נישט וועלען געהן מיט מיר"...

---

## וָאָבֹא היום אל העין... (כד. מב.)

„היום יצאתי והיום באתי, מכאן שקפצה לו הארץ" (רש"י)

מיט וואָס האָט ער זיי געקענט איבערצייגען, אַז עס איז אמת?

מיט די „מגדנות". אויפן „ומגדנות נתן לאחיה ולאמה" זאָגט רש"י: „מיני פירות", און ביי פירות זאָגען די חז"ל אין ביצה, לאָזט זיך לייכט דערקענען, צי זיי זענען אָבגעריסען געוואָרען פון בוים אינ'ם זעלבן טאָג...

(רבי עקיבא קדיניצער מקראָקא)

---

אויפ'ן פסוק „וכל טוב אדוניו בידו" זאָגט רש"י: „שטר מתנה נתן לו ליצחק". לויט'ן דאַטום פון שטר האָט מען אַלזאָ גלייך געקענט פעסטשטע-לען, ווען ער איז אַרויס פון אַברהמ'ס הויז...

(רבי ר' העשעל)

---

## ויאמרו נקרא לנערה ונשאלה את פיה... (כד. נז.)

פאַרוואָס האָבען זיי פריהער געענטפערט: „הנה רבקה לפניך קח ולך" און מיטאַמאָל האָבען זיי זיך פלוצים גענומען וואַקלען און ערקלערט „נקרא לנערה וכו'?" — ווייל פריהער, זעהענדיג, אַז אליעזר האָט מיט זיך אַזוי פיעל כלי-כסף וכלי-זהב, זענען זיי זיכער געווען, אַז אויך זיי וועלען בע-קומען דערפון אַ חלק, האָבען זיי דעריבער מסכים געווען אויפ'ן שידוך און זיך אָנגערופען: „הנה רבקה לפניך, קח ולך!" נאָכהער אָבער, בעת עס איז געקומען צו דער חלוקה און זיי האָבען דערזעהן, אַז „ויוצא העבד כלי כסף וכלי זהב ובגדים ויתן לרבקה", אַז אַלע ווערטפולע חפצים האָט ער אַוועקגע-געבען רבקה'ן און — „ומגדנות נתן לאחיה ולאמה", זיי האָט ער בלויז אָבגע'פטר'ט מיט אַ ביסעל פירות, האָבען זיי גענומען חרטה האָבען אויפ'ן גאַנצען עסק און געמורמעלט: „נקרא לנערה ונשאלה את פיה"...

(אלשיך)

---

## אחותנו, את היי לאלפי רבבה... (כד. ס.)

לבן הארמי — פלעגט זאָגען דערויף רבי חיים וואָלאָזשינער — האָט

מסתמא געוואוסט פונם כלל, אַז קינדער געראָטען אַריין אין דער מאַמע׳ס ברידער, האָט ער איהר דעריבער געוואונשען: „את היי לאלפי רבבה״, אַז זי זאָל האָבען אַ סך קינדער, כדי עס זאָלען זיין אַ סך רמאים אויף דער וועלט...

## ויתן אַברהם אַת כל אַשר לו ליצחק, ולבני הפילגשים וכו׳ נתן אַברהם מתנות... (כה. ה. ו.)

דער לעצטער פסוק געהט אַלס הסבר און ערקלערונג צום ערשטען פסוק. דער דין איז: „הכותב כל נכסיו לאחד מבניו אין מתנתו מתנה, שייר כל־שהוא מתנתו מתנה״. פריהער, אַלזאָ, דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז „ויתן אברהם כל אשר לו ליצחק״ און כדי עס זאָל נישט זיין קיין פראַגע, ווי אַזוי האָט ער געמעגט אַוועקגעבען דאָס גאַנצע פערמעגען יצחק׳ן, דער דין איז דאָך „הכותב כל נכסיו לאחד מבניו אין מתנתו מתנה״? ווערט באַלד דערויף צוגעגעבען: „ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אַברהם מתנות״, אַז עפּיס דערפון האָט ער איבערגעלאָזען פאַר די בני־הפילגשים און — „שייר כל־שהוא מתנתו מתנה״...

(אבני שהם)

# תּוֹלְדוֹת

## ויעתר יצחק לד׳ לנוכח אשתו כי עקרה היא (כה. כא.)

דערויף זאָגט דער תּרגום יונתן: „ארום עקרא הות עשרין ותרתין שנין״. פרעגט זיך: אין פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה״ און — „ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם״, איז זי דאָך, אַלזאָ, געווען אַנ׳עקרה נאָר צוואַנציג יאָהר, נישט קיין צוויי און צוואַנציג?

איינעגע מבארים ווילען דעריבער האָבען, אַז דאָ איז אריינגעפאַלען אַ טעות און דאָס וואָרט „ותרתין״ איז איבריג.

(פרדס יוסף)

---

## ויתרוצצו הבנים בקרבה... (כה. כב.)

און פון דעמאָלט אָן איז נישטאָ קיין שלום צווישען יעקב און עשו. שוין אין דער מאַמעס בויך איז אויסגעבראָכען צווישען זיי דער ערשטער צוזאַמענשטויס, די ערשטע מלחמה, וואָס האַלט-אָן ביז׳ן היינטיגען טאָג...

(באר יצחק)

---

„ויתרוצצו — כשהיתה עוברת על פתחי-תורה של שם ועבר יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי ע״ז עשו מפרכס לצאת״ (רש״י)

עס איז אַלץ אָבהענגיג אין דער מוטער, מיט וועמען זי חבר׳ט זיך און אין וועלכע סביבה זי פערקעהרט. פערברענגט זי אין אַ סביבה פון שם ועבר׳ס, איז אַ „יעקב מפרכס לצאת״, האָט זי שאַנסען אויסצוהאָדעווען אַ יעקב; איז זי אָבער אַנ׳איינגעהערין אין די בתי-ע״ז, דאַן קומט פון איהר אַרויס אַנ׳עשו...

(גחלי אש)

---

## ושני לאומים ממעיך יפרדו... (כה. כג.)

בדרך הלצה: דער פירוד צווישען יעקב און עשו איז קענטיג אויך אין די מעים. ביי יעקב'ן, דער סימבאָל פון צדיק, איז — „ותורתך בתוך מעי", דאַגעגען ביי עשו'ן, דעם רשע, איז — ובטן רשעים תחסר"...

(עיר גבורים)

---

## ורב יעבוד צעיר... (כה. כג.)

עס לאָזט זיך נישט פעסטשטעלען דער גענויער זין פונ'ם דאָזיגען פסוק. ווען עס וואָלט געשטאַנען: „ורב יעבוד את צעיר", וואָלט משמע גע־ווען, אַז דער עלטערער ברודער, עשו, וועט דינען דעם יונגערען. ווען ווידער עס וואָלט געזאָגט געווען: „ואת רב יעבוד צעיר", וואָלט עס בעדייט להיפוך, אַז דער יונגערער ברודער וועט דינען דעם עלטערען. אַזוי אָבער לאָזט זיך עס טייטשען אויף ביידע אופנים, דען טיילמאָל וועט עשו גובר זיין און טיילמאָל יעקב, טיילמאָל וועט דער עלטערער ברודער דינען דעם יונגערען און טיילמאָל — פערקעהרט..

(רבי יוסף אבן כספי)

---

איבריגענס איז טאַקי שווער פעסטצושטעלען, וועמענס איינפלוס אויף וועמען עס איז גרעסער און ווער עס פיהרט אָן מיט וועמען — צי דער עלטערער ברודער מיט'ן יונגערען, אָדער פערקעהרט... עס איז אַן'אַלטע שקלא-וטריא, איבער וועלכען מען אַמפערט זיך שוין זייט טויזענדער יאָהרען...

(אמרי חן)

---

## ויעקב איש תם... (כה. כז.)

„מי שאינו חריף לרמות קרוי תם" (רש"י)

דער — פלעגט דערויף זאָגען דער רבי פון לובלין — וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי יענעם צו נאַרען, איז ער אַ תם, דער אָבער, וועלכער ווייסט יאָ ווי אַזוי, נאָר ער בענוצט זיך נישט דערמיט, סיידען אין אַ נויטהווענדיגען פאַל, ווי יעקב, וואָס אין זיינע עסקים מיט לבנ'ען האָט ער עדות געזאָגט אויף זיך: „אחיו אני ברמאות", אַזעלכער הייסט „איש תם", אַ בעל-הבית, אַ מושל איבער'ן תמימות...

---

## ויקראו שמו עשו... (כה. כה.)

דאָ שטעהט „ויקראו", אַ לשון-רבים, דאַגעגען ביי יעקב'ן ווערט גע-זאָגט: „ויקרא שמו יעקב", אַ לשון-יחיד. דאָס שלעכטע האָט שטענדיג מעהר אָנהענגער, ווי דאָס גוטע...

(כלי יקר)

---

## ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו... (כה. כח.)

רבי מאיר'ל פרימישליאַנער דערצעהלט, אַז זיין רבי, דער בעל „באר מים חיים", האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער איז נישט געגאַנגען בדרך-הישר און דאָך פלעגט ער איהם נישט מרחק זיין פון זיך און איהם געבען אויף אַלע זיינע הצטרכות'ן. דערביי פלעגט ער גאַנץ אָפט אויפהויבען די אויגען צום הימעל און זאָגען: רבונו של עולם! זיי דיך נוהג מיט דיינע קינדער, ווי איך בין זיך נוהג מיט מיין קינד. אויך איך האָב דאָך אַ שלעכט קינד, פונדעסטוועגען בין איך זיך מרחם אויף איהם און איך געב איהם אַלץ, וואָס ער דאַרף!...

און דאָס — האָט דער פרימישליאַנער דערויף אויסגעפיהרט — איז אויך דער פשט פון „כי ציד בפיו". יצחק אָבינו האָט פאָרויסגעזעהען, אַז לעתיד-לבא, ווי די חז"ל דערצעהלען אונז (שבת פ"ט), וועט השי"ת זיך ווענדען צו איהם און זאָגען: „בניך חטאו", און ער וועט דאַרפען פערטיי-דיגען די קינדער זיינע, און דעריבער „ויאהב יצחק את עשו", האָט ער דער-פאַר עשו'ן ליעב געהאַט, „כי ציד בפיו", כדי ער זאָל דאַדורך האָבען אַ שטאַרק בעוואָפענטע טענה אין מויל, אַז אויך ער האָט ליעב געהאַט זיין קינד, כאָטש ער איז געווען — אַן עשו...

(פרדס יוסף)

---

## ויגדל האיש וילך הלוך וגדל... (כו. יג.)

געוועהנליך איז צו בעמערקען ביי עשירים, אַז וואָס מעהר עושר אַלץ וועניגער „איש", וואָס העכער זיי וואַקסען אין עשירות, אַלץ נידריגער ווע-רען זיי אין מענשליכקייט... די רבותא ביי יצחק'ן איז אַלזאָ געווען, אַז צוזאַמען מיט'ן „וילך הלוך וגדל" איז אויך — „ויגדל האיש", איז ער אויך געוואַקסען און געשטיגען אַלס מענש...

(רבי יצחק טאָרטשינער)

---

## ויריבו רועי גרר עם רועי יצחק וכו׳ (כו. כ.)

פריהער, בעת עס איז צווישען זיי אויסגעבראָכען דער סכסוך צוליעב דעם ערשטען ברונעם, איז „ויקרא שם הבאר עשק״: ס׳איז אַ געוועהנליכער „עסק״, ווי אַלע עסקים, ביי וועלכע מען בענוצט זיך מיט שווינדעל, מיט גנבה, ווי דער שטייגער איז... שפּעטער אָבער, ביי׳ם „ויחפרו באר אחרת ויריבו גם עליה״, ווען זיי האָבען אויך די צווייטע ברונעם פערכאַפּט און דאָס מאָל שוין אָהן די פריהערדיגע טענה פון „לנו המים״, דאַן — „ויקרא שמה שטנה״, האָט ער גענומען איינזעהען, אַז דאָס איז נישט סתם שווינדעל און רמאות, נאָר — צוליעב שנאה ווערט עס געטהון, צוליעב רשעות...

(מטה אהרן)

---

## עד כי גדל מאד... (כו. יג.)

„שהיו אומרים, זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של אבימלך״ (רש״י)

גאָר פשוט: דעם זבל בענוצט מען צו בעמיסטיגען און פעט צו מאַכען די ערד. דער דאָזיגער זבל, נאָך וועלכען ס׳איז געקומען אַן אויסערגעוועהנליך גערעטעניש, האָט איהם אַלזאָ אַריינגעבראַכט אַ ן׳אונגעהויער עשירות, ווי דער פסוק דערצעהלט — „ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא מאה שערים״...

(רבי שמעון סופר)

---

## בעבור תברכך נפשי בטרם אמות... (כז. ד.)

דער איד הקדוש פון פשיסכע פלעגט זאָגען:

מען פרעגט אַ מענש: וואָס האָרעוועסטו אַזוי פיעל? ענטפערט ער: פאַר מיר וואָלט איך געווען אַ שמח בחלקי, מען מוז אָבער אין זינען האָבען די קינדער, מען מוז די קינדער פערזאָרגען...

ווען דאָס קינד ווערט גרויס, נעמט עס אויך האָרעווען צוליעב דעם זעלבען צוועק — „אַלץ פאַר די קינדער״.

— איך וואָלט שוין אָבער אַמאָל אַ בעלן געווען צו זעהען — האָט פערענדיגט דער איד הקדוש — דאָס ריכטיגע קינד, פאַר וועלכען אַלע דורות זאָרגען און האָרעווען אַזויפיעל...

---

## ותלבש את יעקב בנה הקטן... (כז. טו.)

— ווי אזוי — האט זיך אמאל א משכיל געווענדעט מיט אנ׳איראנישע שאלה צום רבי׳ן ר׳ בונם — אין וואסערע שטייגער מלבושים האט זיך יעקב געקליידעט?

— ער האט געזעהען — האט איהם דערויף רבי ר׳ בונם געענטפערט, — ווי אזוי עשו קליידעט זיך — האט ער זיך געקליידעט אנדערש...

---

## עורות גדיי העזים הלבישה על ידיו ועל חלקת צואריו... (כז. טז.)

רבי הירש אלימלך דינאווער האט שטארק געקעמפט געגען קליידען זיך אין גוי׳אישע הלבשה. איינמאל איז געקומען צו איהם זיינער א חסיד, א גביר׳ישער איד, א סוחר און געבעבעדיג איהם „שלום״ האט איהם דער דינאווער געגומען מוסר׳ן, הלמאי ער טראגט אויפ׳ן האלז א שטייפען קראגען, וואס דאס איז חוקת הגוי.

גראד איז דארט געזעסען רבי הערשעלע זדיטשעווער, וועלכער איז נישט געווען אזא שטארקער מקפיד אויף הלבשה, רופט ער זיך אן צום דינאווער: מה רעש? וואו שטעהט דען אין דער תורה, אז מען טאר נישט טראגען א שטייפען קראגען?

איז דערביי געשטאנען רבי הירש אלימלך׳ס יונגעל (רבי דוד׳ל), רופט ער זיך אן: אוודאי שטעהט אין דער תורה... עס ווערט דערצעהלט אין חומש, אז רבקה האט אנגעטהון יעקב׳ן „עורות גדיי העזים״ אויף די הענד און אויפ׳ן האלז, איז אויב יעקב וואלט געטראגען א קראגען, וואלט זי דאך איהם נישט געדארפט פערדעקען דעם האלז...

(עשר צחצחות)

---

דער בעקאנטער אפיקורס און שפעטערדיגער משומד, יחזקאל הארג, וועלכער איז פריהער געווען כלומרשט א חסיד, איז איינמאל געקומען קיין לובלין צום „חוזה״ אנגעטהון אין א מאנטעל, אין וועלכען די קנעפלעך זענען געווען אנגענעהט לינקס, לויט׳ן גוי׳אישען גאנג.

רופט זיך אן צו איהם דער חוזה: „כך דרכו של יצר, היום אומר לו עשה כך ומחר עשה כך, עד שאומר לו לך ועבוד עבודה-זרה״.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך געשמדט, פלעגט ער זאָגען, אַז ער האָט עס געטהון דערפאַר, ווייל — „מצוה לשמוע דברי חכמים"...

---

אין וואָלאָזשינער ישיבה האָט אַ בחור זיך אָנגעהויבען קליידען מאָ־דערן; אַז מען האָט דאָס אָבגעטראָגען צום ראש־ישיבה, צום נצי"ב, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— מה רעש? וואָס איז, אַז מען געהט אין אַ גוי'אישער הלבשה? וואָס איז די הלבשה שולדיג?

און זעהענדיג, ווי די בחורים חדוש'ן זיך, הלמאַי ער פערטיידיגט די גוי'אישע הלבשה, איז ער זיי מסביר:

— פערשטעהט איהר מיך, בשעת אַ זייגערל ווערט קאַליע, זענען נישט שולדיג דערין די אויסערליכע ווייזערס, נאָר דאָס אינערליכע געווערק... און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער הלבשה... די הלבשה אַליין איז נישט שולדיג. די הלבשה ווייזט נאָר, אַז אינוועניג איז עפּיס נישט אין אָרדנונג...

---

צו רבי אייזיל סלאָנימער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן אין אַן'עלעגאַנטען מאַנטעל, אין וועלכען די קעשענעס, ווי ס'איז דאַן אַרויסגע־קומען אַ מאָדע, זענען געווען אָנגענעהט אין דער הויך, נעבען די לאַצען.

— אָ, — מאַכט צו איהם רבי אייזיל — איהר זענט דאָך געוואָרען גאָר מיט אַ שטיק איד קלענער!

— וואָס הייסט? — חדושט זיך יענער — מיט וואָס?

— דען געוועהנליך זאָגט מען: „אַ איד ביז צו דער קעשענע". נו, אַז איהר האָט אָנגעהויבען טראָגען די קעשענעס העכער, איז דאָך דער „איד" ביי אייך קלענער געוואָרען...

---

## גשה נא ואמשך בני... (כז. כא.)

פערלירענדיג דעם חוש־הראיה, האָט יצחק זיך בעמיהט צו דערקענען עשו'ן מיט דער הילף פון די איבריגע פיער חושים. פריהער האָט ער אָנ־געשטרענגט דעם חוש־המישוש: „גשה נא ואמשך בני", דאַן — דעם חוש־השמיעה: „הקול קול יעקב", דאַן — דעם חוש־הטעם: „הגישה לי ואוכלה", און דאַן — דעם חוש־הריח: „וירח את ריח בגדיו"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## הקול קול יעקב והידים ידי עשו... (כז. כב.)

דאָס וואָרט „הקל" איז געשריבען חסר (אָהן אַ ו׳), דען נישט שטענדיג איז יעקב אימשטאַנד צו שרייען. גאַנץ אָפט בשעת עס צווילדעווען זיך געגען איהם די „הידים ידי עשו", מוז דאַן אויך יעקב׳ס קול בלייבען ליידער פערשטומט, חסר... אפילו שרייען לאָזט מען איהם נישט...

(צלותא דאברהם)

---

## יעבדוך עמים... (כז, כט.)

אַמאָל האָבען מיר געמיינט, אַז עס איז אַ ברכה, אַז עס וועט זיין פאַר אונז אַ גרויס גליק דער „ועמדו זרים ורעו צאנכם". ליידער אָבער איז עס פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קללה. „יעבדוך עמים", די גוים אַרבייטען, און מיר געהען אַרום און שלינגען די לופט...

(אמרי חן)

---

## משמני הארץ יהיה מושבך... (כז. לט.)

„זו איטליא של יון" (רש״י)

וואָס איז רש״י אויסען מיט דער דאָזיגער בעמערקונג?

נאָר רש״י וויל דערמיט פערענטפערען, פאַרוואָס ביי ברכת יעקב שטעהט פריהער „מטל השמים" און נאָכהער „ומשמני הארץ", דאַגעגען ביי ברכת עשו פערקעהרט, פריהער „משמני הארץ" און נאָכהער „ומטל השמים"? מיט דער בעמערקונג „זו איטליא של יון" ווערט די דאָזיגע קשיא פערענטפערט. דען די חז״ל זאָגען (סנהדרין כ״א): „בשעה שנשא שלמה בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה שרטון ועליו נבנה כרך גדול וזו אטליא של יון". יעקב׳ן האָט ער דעריבער געבענשט פריהער מיט „טל השמים", דען זיין לאַנד, ארץ ישראל, האָט דאָך שוין עקזיסטירט און זיך גלייך געניטיגט אין טל. עשו׳ס לאַנד אָבער, „איטליא של יון", איז דאָך נאָך אויף דער וועלט נישט געווען און וואָס טויג איהם שוין דער טל? האָט ער איהם אַלזאָ פריהער געבענשט מיט „משמני הארץ יהיה מושבך", פריהער האָב אַ לאַנד און ערשט דאַן — „ומטל השמים מעל"...

(רבי ר׳ העשעל)

---

## לא תקח אשה מבנות כנען... (כח. א,)

„לעולם — זאָגען די חז"ל — ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם".

אויב איינער — ווערט דערויף געטייטשט בדרך-הלצה — געהט נעהמען א מיוחסה, א בת תלמיד-חכם, זאָל ער פריהער פאַר דער חתונה פערקויפען אַלץ, וואָס ער פערמאָגט, וואָרום אויב ער וועט עס נישט טהון פאַר דער חתונה, וועט ער עס זיין געצוואונגען צו טהון נאָך דער חתונה...

(אסם בושם)

---

## אל לבן וכו' אחי רבקה אם יעקב ועשו... (כח. ה.)

זאָגט רש"י: „איני יודע מה מלמדנו".

דער פסוק — ערקלערט דערויף רבינו אפרים מגרמיזא — לערנט אונז און פערענטפערט דערמיט די פראַגע פון „אל לבן בן בתואל הארמי אחי רבקה". זאָלסט זיך נישט וואונדערען, הייסט עס, וואָס ער איז געווען אַ רשע און די שוועסטער — אַ צדיקת, דען אויך רבקה איז געווען „אם יעקב ועשו", אַ מאַמע פון צוויי קינדער, קאָנטראַסטען, אַ צדיק און אַ רשע...

---

אין מדרש-רבה פון דער היינטיגער סדרה (סוף פ' ס"ד) ווערט גע-בראַכט פאָלגענדער מאַמר:

„ויבואו עבדי יצחק, אין אָנו יודעין אם מצאו אם לא מצאו, מן זה דכתיב וימצאו שם באר מים חיים הוי שמצאו מים".

עס איז אַן'אונפערשטענדליכער מאַמר, אויף וועלכען די פערשידענע פשטים מאַטערען זיך צו זאָגען פשט, אָבער פון אַלע פשטים שיינט צו זיין דער ריכטיגסטער די ערקלערונג פון חדושי הרש"ש און נעמליך:

פאַר די בעלי-המדרש איז נישט געווען קלאָר, צי עס קומט אינ'ם דאָזיגען פסוק „לו" מיט אַ ו', אָדער „לא" מיט אַ א', צי מען דאַרף לייע-נען: „ויאמרו לו, מצאנו מים", אָדער: „ויאמרו, לא מצאנו מים", און דע-רויף קומט דער אויספיהר: „מן זה דכתיב וימצאו שם באר מים חיים הוי שמצאו מים". און עס דאַרף אַלזאָ זיין „לו" מיט אַ ו'.

---

# וַיֵּצֵא

## ויצא יעקב מבאר שבע... (כח. י.)

„מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם" (רש"י)

ערשט דאַן, ווען דער צדיק געהט אַרויס פון שטאָדט, מאַכט עס אַ רושם, ערשט דאַמאָלס כאַפּט מען זיך, אַז מען האָט געהאַט ביי זיך אַ צדיק... פריהער אָבער, בעת ער זיצט אין שטאָדט, זעהט מען עס נישט און עס קוקט זיך קיינער נישט אום אויף איהם. — „אין נביא בעירו"...

(בית יעקב)

---

## ויחלום והנה סולם מוצב ארצה... (כח. יב.)

דעם מענש — פלעגט זאָגען רבי מאיר'ל פּרימישליאַנער — דערקענט מען לויט'ן שלאָף, לויט די חלומות, וועלכע חלום'ן זיך איהם בשעת ער שלאָפט... פרעה, אַז ער שלאָפט, חלום'ן זיך איהם בהמות, קיה, פעטע קיה און מאָגערע קיה א. אַ. וו. יעקב'ן אָבער חלום'ן זיך — „מלאכי אלקים" און „והנה ד' נצב עליו" וכו'

---

אין קעלם איז געווען אַ ראש-הקהל אַ געוויסער שולם (משולם) לייב, אַ רייכער איד, אַ תקיף, וועלכער פלעגט אַלעמען דערגעהן די יאָהרען און אַלע האָבען פאַר איהם געציטערט, מחמת ער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים דאָרטיגען פריץ.

שטאָדט-מגיד איז דאַן געווען דער בעקאַנטער קעלמער מגיד, וועלכער פלעגט נישט קיינעם נושא-פנים זיין, האָט ער איינמאָל אין פ' ויצא געהאַלטען אין שוהל אַ פייערדיגע דרשה, כדרכו, און אָבשטעלענדיג זיך אויפ'ן פּסוק „והנה סולם מוצב ארצה", האָט ער אויסגעשריען:

-- „והנה סולם מוצב ארצה"! שולם („סולם"), רבותי, ווערט סוף כל

סוף ליגען אין דער ערד, אָבער דערווייל בעוונותינו הרבים, איז „וראשו מגיע השמימה", דערגרייכט זיין רשעות ביז צום הימעל...

אָבער פאַר דער דאָזיגער דרשה האָט דער קעלמער טייער בעצאָהלט. נאָך אין דער זעלבער וואָך האָט מען איהם ענטזאָגט פון פּאָסטען און ער איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען די שטאָדט...

(ספר הזכרונות. א. א. פרידמאַן)

---

## הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה... (כח. יג.)

די פּאַקטישע נתינה פון ארץ ישראל פאַר אידען הויבט זיך אָן פון יעקב'ן: „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה", און דעריבער רופען מיר זיך „בית ישראל", „עם ישראל", אויף יעקב'ס נאָמען, דען פון דאַמאָלס אָן הויבען מיר זיך אָן רעכענען אַלס אומה, וואָס ס'איז נישט שייך כל-זמן מען האָט קיין אייגען לאַנד נישט...

(רבי חיים וויטאַל)

---

„הארץ אשר אתה שוכב עליה" — פלעגט טייטשען דער קאָזשעניצער מגיד — דאָס לאַנד, אויף וועלכען דו האָסט זיך פערלעגט — „לך אתננה", וועט צו דיר געהערען... אידען האָבען זיך פערלעגט אויף ארץ ישראל, עס איז דער „אבן אשר שם מראשותיו", וואָס דער איד האָט זיך פעסט אַריינ- גענומען אין קאָפּ אריין, און דעריבער מוז עס זיין און וועט זיין זיינס...

(השבה לטובה)

---

## והיה זרעך כעפר הארץ... (כח. יד.)

אַלע טרעטען אויף דער ערד, אָבער סוף כל סוף טרעט זי שפּעטער אויף אַלעמען. וד"ל...

(צרור המור)

---

## ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש... (כח. כ.)

מיט דריי שווערע נסיונות זענען די אָבות געפּרובט געוואָרען. אַברהם איז געוואָרען געפּרובט מיט'ן נסיון פון עשירות: „ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב", און ער איז דעם נסיון בייגעשטאַנען. נישט קוקענדיג אויף

זיין רייכטהום איז ער אַרומגעגאַנגען פערשפרייטען גאָט׳ס וואָרט אויף דער וועלט און — „ויקרא שם אברם בשם ד׳״.

יצחק איז געפרובט געוואָרען מיט׳ן נסיון פון דער עקידה, פון מסירת-נפש, פון לאָזען זיך איינגאַנצען מקריב זיין פאַר׳ן אויבערשטען — און ער האָט דעם נסיון אויסגעהאַלטען.

יעקב איז געפרובט געוואָרען מיט׳ן נסיון פון אָרימקייט, בעטענדיג אַזש אויף „לחם לאכל ובגד ללבוש״ און קלאָגענדיג זיך, אַז „ביום אכלני חורב וקרח בלילה״ — און ער האָט דעם נסיון אויסגעהאַלטען און נישט פערלוירען דעם בטחון צו גאָט.

אויך מיר אידען, אַלס פאָלק, האָבען די דאָזיגע דריי נסיונות מיטגע-מאַכט. אין אונזער גלאַנץ-עפּאָכע, זיצענדיג אויף אונזער ערד, אין אונזער היים, זענען מיר געבענשט געווען מיט עשירות, מיט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו״ — און אין יענער צייט האָבען מיר דער וועלט אַ תנ״ך געגעבען.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבען פאַר אונז די צייט פון עקידות, פון שחיטות והריגות — און מיר האָבען אויסגעהאַלטען און די וועלט ערשטוינט מיט אונזער עקשנות.

איצט איז אויף אונז נגזר געוואָרען אויסצוהאַלטען דעם דריטען נסיון, דעם שווערסטען, הגם דעם שטילסטען פון אַלע נסיונות, דעם נסיון פון אָרימקייט — און אויך דאָס וועלען מיר מיט גאָטס הילף אויסהאַלטען...

(אש דת)

---

## וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך... (כח. כב.)

די אָבות — זאָגען די חז״ל — האָבען מקיים געווען כל התורה כולה „ואפילו עירובי תבשילין״. און דאָך, פון די אַלע מצוות, וואָס זיי האָבען מקיים געווען, ווערען דערמאָהנט אין דער תורה נאָר צוויי זאַכען: הכנסת אורחים („וירא וירץ לקראתם״), און צדקה („עשר אעשרנו לך״)...

(אמרי חן)

---

## עוד היום גדול לא עת האסף המקנה... (כט. ז.)

האָבען זיי דען אַליין, די פּאַסטוכער, נישט געוואוסט דעם זמן פון זון-אונטערגאַנג, אַז דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס? נאָכוואָס האָט זיי דאָס יעקב געדאַרפט דערצעהלען?

דערפאַר, ווייל מיט אַ טאָג פריהער, בשעת יעקב איז געגאַנגען אויפ׳ן וועג קיין חרן, ווערט דערצעהלט אין פסוק, אַז „וילן שם כי בא השמש״,

אויף וואָס עס ווערט געזאָגט: „ששקעה לו חמה פתאום שלא בעונתה״. בשעת די פּאַסטוכער אין פעלד האָבען אלזאָ געכטען דערזעהען, אַז די זון איז פערגאַנגען פריהער, ווי לויט׳ן געוועהנליכען נאַרמאַלען חשבון, זענען זיי זיכער געווען, אַז די צייט פון זונען-אונטערגאַנג האָט זיך געענדערט און אַז אויך היינט וועט מסתמא די זון אונטערגעהן פריהער און זיי האָבען זיך דעריבער צוגעאיילט און צוזאַמענגעטריבען בעצייטענס די טשערעדעס פון פעלד, האָט זיי יעקב, אלזאָ, געפינען דערפאַר פאַר נויטיג צו אינפאָרמירען: „עוד היום גדול, לא עת האסף המקנה״. איהר האָט זיך נישט וואָס צו איילען, דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס. דער נעכטיגער פלוצלונגער זון-אונטערגאַנג איז געווען בלויז אַנ׳אויסנאַהם און היינט וועט זיך עס מעהר נישט איבער׳חזר׳ן...

(אבני שוהם)

---

## ויאמר לו לבן אך עצמי ובשרי אתה... (כט. יד.)

„שלשה שותפים באדם״ זאָגען די חז״ל (נדה ל׳). דער פאָטער איז מוליד די גידין ועצמות, די מוטער — דעם בשר ודם וכו׳. וויבאַלד, אלזאָ, איינער איז מיט דעם צווייטען פערוואַנדעט מצד דעם פאָטער, ווערט ער אָנגערופען „עצם״, און אויב מצד די מוטער — „בשר״. לבן איז געווען אַ קרוב מיט יעקב׳ן פוןביידע צדדים. איינמאָל מצד רבקה׳ן, וועלכע איז געווען זיין שוועסטער, און איינמאָל מצד יצחק׳ן, דען יצחק׳ס פאָטער, אברהם, מיט לבנ׳ס זיידע, נחור, זענען געווען לייבליכע ברידער... און דעריבער — „עצמי ובשרי אתה״, דאָפּעלט פערוואַנדעט.

(ווילנער גאון)

---

## ורחל היתה יפת תאר ויפת מראה... (כט. יז.)

טאָ פאַרוואָס זאָגט שלמה המלך: „שקר החן והבל היופי אשה יראת ד׳ היא תתהלל״, ווערענד אין דער תורה, ווי מיר זעהען, ווערט שענקייט יאָ געריהמט און אָנערקענט אַלס מעלה?

נאָר דער פשט איז: „שקר החן והבל היופי״, בלויז חן און יופי האָבען קיין ווערט נישט, „אשה יראת ד׳ היא תתהלל״, די דאָזיגע מעלות האָבען נאָר דאַמאָלס אַ בעדייטונג, ווען מען איז דערצו אויך אַ „אשה יראת ד׳״...

(דרך אבות)

---

דער רבי ר׳ בונם פלעגט זאָגען:

„שקר החן״, דאַמאָלס ווען דער שקר וועט האָבען ביי מענשען חן, „והבל היופי״, און דער הבל וועט בעטראַכט ווערען אַלס יופי, דאַן „יראת השם היא תתהלל״, וועט מען שטאַרק דאַרפען ריהמען ווען עס וועט זיך איינער אַרויסווייזען אַלס ירא-שמים. עס וועט זיין אַ זעלטענהייט, אַן-אויסנאַהם...

---

## ויאמר לבן לא יעשה כן במקומנו... (כט. כו.)

אין תוספות, אין קידושין, ווי אויך אין ש״ך יו״ד ווערט גע׳פסקנ׳ט להלכה, אַז מען טאָר נישט חתונה מאַכען די יונגערע טאָכטער פאַר דער עלטערע.

פרעגט זיך: אַזוי איז דאָך נור אייגענטליך געווען לבנ׳ס מיינונג, דאָס האָט דאָך לבן געזאָגט: „לא יעשה כן במקומנו לתת הצעירה לפני הבכירה״. יעקב אָבער האָט דערויף נישט מקפיד געווען, טאָ ווי געשיקט זיך עס, אַז מיר זאָלען פסק׳ענען ווי לבן און נישט ווי יעקב?...

(תכלת מרדכי)

---

## ויאמר לבן הן לו יהי כדבריך... (ל. לד.)

אַזוי איז שוין דער שטייגער פון יעדען רמאי און שווינדלער. דוקא ער פערלאַנגט פון צווייטען, ער זאָל איהם חלילה נישט אָבנאַרען, ער זאָל האַלטען וואָרט. דוקא לבן דער שקרן וואָרענט יעקב׳ן: „לו יהי כדבריך!״...

(מטה אהרן)

---

## ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה... (לא. א.)

ס׳שטעהט נישט: „את כל העושר הזה״, נאָר — „את כל הכבוד הזה״ און דערפון איז אַלזאָ צו זעהען, אַז שוין דאַמאָלס זענען דיביידע זאַכען געווען צווישען זיך ענג פערבונדען. ווער עס איז געווען אַן עושר — דער האָט אויך געהאַט כבוד...

(באר יצחק)

---

## שוב אל ארץ אבותיך וכו׳ וישלח יעקב לרחל וללאה וכו׳ (לא. ג.)

בעת יעקב האט דערהערט דעם רוף: „שוב אל ארץ אבותיך״! האט ער קודם־כל, איידער ער האט אנגענומען א בעשלוס, זיך דורכגעשמועסט מיט די פרויען, רחל ולאה, וועלענדיג וויסען, צי זיי זענען ראוי צום דאזיגען נייעם שריט אין לעבען, צי זיי זענען נישט דורכגעזאפט מיט דעם גייסט און מיט דער ערציהונג, וואס זיי האבען בעקומען ביי לבן׳ען, און ערשט דאן, ווען ער האט דערהערט פון זיי די ערקלערונג: „אין לנו חלק ונחלה בבית אבינו״, אז זיי האבען מיט׳ן לבנ׳יזם מעהר קיין שום געמיינזאמעס נישט, האט ער זיך ענדליך דעצידירט עולה צו זיין מיט זיי קיין ארץ־ישראל...

(אמרי דרוש)

---

## ויאמר ללבן מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי... (לא. לו.)

דער בעלזער רבי, רבי יהושע רוקח, איז אמאל געקומען אויף עטליכע טעג קיין לעמבערג. צווישען די פערשידענע פערזאנען, וועלכע זענען געקומען צו איהם געבען שלום, האבען זיך אויך געפונען עטליכע לעמבערגער משכילים, די אנפיהרער פון דער דארטיגער חברה „שומר ישראל״. דער רבי האט זיי זעהר פריינדליך אויפגענומען, צומארגענס זענען זיי ווידער געקומען און ער האט ווידער מיט זיי א געוויסע צייט פערבראכט אין א פריינדליכען שמועס. ביני לביני האט מען אין די חסידישע קרייזען גענומען מורמלען, הלמאי דער רבי חבר׳ט זיך מיט די דאזיגע לייט, וועלכע האבען אין שטאדט א שם אלס אפיקורסים און פושעים. דאס דאזיגע מורמלעניש איז דערגאנגען צום בעלזער און ווען די דערמאהנטע משכילים זענען א דריטען מאל צו איהם געקומען, האט ער זיך אנגערופען צו זיי:

— א פלא והפלא אויף יעקב׳ן, בשעת זיין בעגעגעניש מיט לבנ׳ען, האט לבן, ווי עס איז צו זעהען פון פסוק, גערעדט צו איהם זעהר פריינדליכע ווערטער: „למה נחבאת לברוח וכו׳ ולא הגדת לי ואשלחך בשמחה ובשירים בתוף וכנור״, דוכט זיך — גאנץ איידעל, לסוף ענטפערט איהם יעקב מיט רוגזה: „מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי!״... היתכן?

נאר די מעשה איז: בעת יעקב האט דערזעהן, אז לבן, זיין פיינדליכער געגנער, האט פלוצלונג אנגעהויבען צו רעדען צו איהם מיט אזא

האַרציזען לשון, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען און זיך געטראַכט, אַז ניט אַנדערש, נאָר מסתמא האָט לבן בעמערקט אין איהם, אַז ער איז שוין ניט מעהר דער זעלבער יעקב ווי פריהער, אַז אויך ער הויבט שוין אָן צו זינדיגען און צו געהן אין לבנ׳ס דרכים... און ער האָט זיך אַלזאָ געווענדעט צו איהם און געפרעגט: „מה פשעי מה חטאתי כי דלקת אחרי״, וואָס האָב איך אַזעלכעס געטהון, וואָסערע חטאים האָסטו דערזעהן אין מיר, וואָס דו לויפסט מיר אַזוי נאָך און חבר׳סט זיך אַזוי מיט מיר...

---

## את עניי ואת יגיע כפי ראה אלקים ויוכח אמש (לא. מב)

„ויוכח אמש״, אַ ראַיה און אַ בעווייז דערויף, אַז ווען נישט די מורא פאַר גאָט וואָלט לבן פון איהם אַלץ צוגענומען, איז דער — „אמש״, דאָס, וואָס לבן האָט זיך אַליין פריהער אויסגעדריקט: „יש לאל ידי לעשות עמכם רע ואלקי אביכם אמש אמר אלי לאמר השמר לך וכו׳״.

(כלי יקר)

---

## ויאמר יעקב לאחיו לקטו אבנים... (לא. מו)

דערויף זאָגט רש״י: „לאחיו — הם בניו שהיו לו אחים נגשים אליו לצרה ולמלחמה״. דאַגעגען אויפ׳ן ווייטערען פסוק: „ויקרא לאחיו לאכל לחם״, מאַכט רש״י: „לאחיו — לאוהביו של לבן״. פאַרוואָס טייטשט רשי דאָ דעם „אחיו״ אַנדערש ווי דאָרט?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף רבי יחיאל מאיר מאָגלניצער בדרך-הלצה — אינ׳ם צווייטען פסוק רעדט זיך וועגען עסען, און אַז עס קומט צום עסען, דאָ ווערען אַלע גוטע פריינד אמת׳ע ברידער. פריהער אָבער רעדט זיך וועגען אַ טובה, אין ווען יעקב האָט זיך גענויטיגט, וועגען צוהעלפען איהם אין אַן׳ארבייט, אויפקלויבען שטיינער, דערביי האָטן ער זיך שוין געמוזט בענוצען מיט די אייגענע קינדער, דען — גוטע פריינד זענען נאָר צום עסען...

---

# וַיִּשְׁלַח

## כה תאמרון לאַדוני לעשו... (לב. ה.)

בשעת יעקב אָבינו האָט גערופען עשו'ן „אַדוני", האָט השי"ת געזאָגט צו איהם: „דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך ערנידריגט פאַר עשו'ן און איהם גערופען „אדוני", שווער איך דיר, אַז אַלס עונש וועלען פון עשו'ס קינדער פריהער קיניגען אַכט מלכים, איידער פון דיינע קינדער, אַנטקעגען די אַכט מאָל „אדוני", וואָס דו האָסט איהם גערופען.

(מדרש אגדה)

---

דאָגעגען ווערט געזאָגט אויפ'ן זעלבען פסוק אין „נועם אלימלך":

„כה תאמרון לאדוני לעשו"... די תורה הקדושה לערנט אונז, ווי אַזוי מיר האָבען זיך אויפצופיהרען אינ'ם ביטערען גלות, אונטער וועלכען מיר וועלען זיין אונטערגעוואָרפען אונטער דער הערשאַפט פון די אומות. ביז השי"ת וועט זיך אויף אונז דערבאַרמען דאַרפען מיר אַלץ אויף זיך מקבל באהבה זיין און אונטערטעניג זיין אונטער די אומות און זיי רופען „אדוני"... כה תאמרון לעשו, אַזוי זאָלסטו רופען די עשו'ס: — „אדוני"...

---

## ויהי לי שור וחמור וכו' ואשלחה להגיד לאַדוני... (לב. ו.)

שיקענדיג אַ גרוס צו עשו'ן האָט יעקב פערשטאַנען, אַז עשו וועט אַוודאי ביי זיך טראַכטען: אויב אַ ברודער שיקט אַ גרוס, איז מסתמא דאַרף ער שוין פון מיר עפּיס אַ טובה, אַנ'אונטערשטיצונג... האָט ער דעריבער בעפּוילען די שליחים זיינע, אַז באַלד ביי די ערשטע ווערטער זאָלען זיי איהם דערצעהלען, אַז ער איז ב"ה אַ פערמעגליכער מענש, אַנ'עושר, וואָס דאַרף חלילה צו קיינעם נישט אָנקומען...

(קול יהודה)

---

## וגם הולך לקראתך וארבע מאות איש עמו... (לב. ז.)

„הלך ונטל אגרומי ממצרים, אמר אין יבילנא ליה הא טב, ואם לאו אנא אימא ליה איתי מכסא ומגו כן אנא קאים עליו וקטילנא ליה" (מדרש רבה)

ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט שטייער-בעאַמטע, שטייער-עקזעקוטאָרען פון מצרים, און ער האָט געזאָגט: וועל איך איהם אזוי קענען בייקומען איז גוט, אויב נישט—וועל איך זאָגען צו איהם: געב מכס, שטייערען! און אַזוי אַרום וועל איך אויפשטעהן אויף איהם און איהם דער׳הרג׳נען.

ווי מיר זעהען, אַלזאָ, האָט שוין אין יענער צייט עשו געוואוסט פון דעם סוד, אַז איינס פון די מיטלען צו רואינירען יעקב׳ן און אונטערצו-ברעכען זיין עקזיסטענץ איז — אַרויפצולייגען אויף איהם ריזיגע שטייערען...

## הצילני נא מיד אחי מיד עשו... (לב. יב.)

זיי מיך מציל — האָט יעקב מתפלל געווען — אַז איך זאָל נישט בעקו-מען קיין „ידי עשו". וואָרום ווען יעקב׳ס ידים ווערען חלילה פערוואַנדעלט אין ידי-עשו זענען זיי פיעל געפעהרליכער, מחמת בענוצט ווערען זיי דאַ-מאָלס נישט געגען אַנדערע, נישט געגען די פרעמדע שונאים, נאָר — געגען די אייגענע ברידער...

(דבש וחלב)

---

די בוימער אין וואַלד — זאָגט דער מדרש אַ משל — האָבען דערהערט דעם קלאַנג פון אייזען, פון פערשיעדענע כלי-משחית, וואָס מען האָט אין וואַלד אַריינגעפיהרט. האָבען זיי אָנגעהויבען צו ציטערען: וועה צו אונז, דאָס גרייט מען זיך אַוודאי אונזערע יונגע לעבענס אונטערצושניידען!...

רופט זיך אָן איין בוים צו די איבריגע בוימער און זאָגט: אויב דאָס זענען בלויזע אייזענס אָהן הילצערנע הענדטלעך, האָבען מיר נישט וואָס מורא צו האָבען. מיט אַ בלויזען אייזען קאָן מען קיין בוים נישט אונטערהאַקען. שלעכט איז נאָר, אויב דער אייזען איז בעהאַפטען מיט אַזעלכעס, וואָס שטאַמט פון אונזער אייגענעם מין, מיט אַ הילצערנעם הענדטעל...

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט בלויז אינ׳ם „הצילני נא מיד עשו", וואָלט דאָס אומגליק נישט געווען אַזוי גרויס. פיעל ערגער איז, ווען צום „יד עשו" איז גאַנץ אָפט ליידער אויך צוגעטשעפעט אַ „יד אחי", אַ הענד-טעל פון אייגענעם מין — ווען אין זיינע רשעות׳דיגע פלענער איז אָפט „יד ישראל באמצע"...

(תולדות יעקב יוסף)

---

## גמלים מיניקות ובניהם שלשים... (לב. טז.)

דערויף דרשנ'ען די חז"ל (ווערט אויך געבראכט אין רש"י): „ובניהם בנאיהם, זכר כנגד נקבה".

וואס צווינגט די חז"ל אזוי צו דרשנ'ען און פון וואנען דרינגען זיי דאס?

דען דער דין איז (אין מס' בכורות), אז אויב איינער זאגט צום צווייטען: „פרה מיניקה אני מוכר לך", האט ער נישט געמיינט, אז צוזאמען מיט דער פרה פערקויפט ער איהם אויך דאס ולד, דען מיט'ן ווארט „מיניקה", נעהמט מען אן, איז ער בלויז אויסען געוועזן צו לויבען איהר מילך. אויב אבער ער זאגט: „גמל מיניקה אני מוכר לך" האט ער דאס מאל מיט'ן ווארט „מיניקה" זיכער געמיינט אוועקצוגעבען איהם אויך דאס ולד פאר'ן זעלבען פרייז, ווארום די מילך פון א גמל איז דאך נישט ראוי לשתיה... וויבאלד, אלזא, עס ווערט דא געזאגט אין פסוק: „גמלים מיניקות", זענען דאך שוין ממילא אויך די בניהם, די ולדות, אין כלל, טא נאכוואס ווערט בעזונדער דערמאהנט דאס ווארט „ובניהם"? — דערפון דרינגען, אלזא, די חז"ל, אז מיט'ן ווארט „ובניהם" ווערט דא געמיינט — „בנאיהם", די זכרים...

(ווילנער גאון)

---

## ותעבור המנחה על פניו... (לב. כב.)

„על פניו, אף הוא שרוי בכעס, שהיה צריך לכל זה" (רש"י)

דאס לשון „אף הוא" (און אזוי איז אויך דער נוסח אין מדרש-רבה), וואס עס בעדייט, אז אויך ער איז געוועזן אין כעס, איז דא עפיס נישט אויפ'ן ארט, ווארום ווער נאך איז דען געוועזן אין כעס, א חוץ איהם?...

באמת אבער, בעמערקען דערויף אייניגע מבארים, דארף דער דאזיגער זאץ געטיילט ווערען און עס דארף זיין אזוי: „על פניו — אף". פריהער ווערט פערטייטשט, אז דאס ווארט „פניו" האט דא די בעדייטונג פון „אף", צארן, כעס, און דאן קומט דער אויספיהר, וועגען וואס פאר א כעס עס רעדט זיך דא און עס ווערט ערקלערט: „הוא שרוי בכעס שהיה צריך לכל זה"...

---

## ויותר יעקב לבדו... (לב. כה.)

„שכח פכים קטנים" (רש"י)

אויפ'ן פסוק „ופנית הבית", אין פרשת נגעים, ווערט געזאגט אין זוהר:

מה־דאַך אויף פּכים קטנים האָט הקב"ה חס געהאַט, און ער האָט בעפוילן, מען זאָל זיי פריהער אַרויסנעהמען פון שטוב, כדי זיי זאָלן נישט טמא ווערען, קל-וחומר צו אַ תלמיד-חכם, אַז ער דאַרף חס האָבען אויף זיך און נישט אַרויסגעהן אַליין, כדי צו זיין אָבגעהיטען פון מזיקים.

און דאָס ווערט אַלזאָ געמיינט: „ויותר יעקב לבדו — שכח פכים קטנים", ער האָט פערגעסען דעם קל-וחומר פון „פכים קטנים"...

(תפארת צבי)

---

בשעת רבי צבי אָרנשטיין, וועלכער איז פריהער געווען לעמבערגער רב, האָט אָנגענומען דאָס כסא-רבנות אין בריסק, האָט ער דעם ערשטען שבת געפּראַוועט אַ קידוש, צו וועלכען עס זענען געוואָרן איינגעלאַדען אַלע שטאָדטישע בעלי-בתים. איינעם פון די בעלי-בתים, אַ איד אַ מחוצף, איז נישט געפעלען געווען, הלמאי מען האָט צום דערלאַנגטען כיבוד אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש צו-קליינע גלעזלעך און ער רופט זיך אָן בקול-רם צו דער רבי'צין, אַז די דאָזיגע גלעזלעך האָט זי געמעגט איבערלאָזען אין גאַליציען, נישט מיטברענגען זיי קיין בריסק...

בעקומט ער דערויף מניה וביה אַנ'ענטפער פון רב:

אויפ'ן פסוק „ויותר יעקב לבדו" זאָגען די חז"ל: „שכח פכים קטנים". איז דאָך קשה: האָט איהם געלוינט צוליעב אַזאַ קליינינקייט זיך מטריח צו זיין און נאָכאַמאָל צוריקצוגעהן? נאָר דער תירוץ איז: יעקב האָט געהערט, אַז עשו קומט צו איהם צו-גאַסט נישט אַליין, נאָר מיט גאַנצע „אַרבע מאות איש", וועלכע מען וועט דאַרפען, ווי דער שטייגער איז, מכבד זיין מיט משקה, און אַז אַזאַ חברה וועלען זיך נעהמען צום טרינקען, קענען זיי דאָך אויסטרינקען אַ ים, האָט ער דעריבער בעשלאָסען מיטצוברענגען פון דער היים „פכים קטנים" — קליינע גלעזלעך...

---

## ויאָבק איש עמו... (לב. כה.)

לויט דער ערקלערונג פון רמב"ן האָט דאָס וואָרט „ויאבק" די בעדייטונג פון „ויחבק". אויף אַנ'עהנליכען אופן טייטשט אויך רש"י: „ויאבק — ויתקשר". גאַנץ אָפט געלינגט דעם „שר של עשו" ביי צוקומען יעקב'ן און צו דערפיהרען צום „ותקע כף ירך יעקב" דוקא דורך חבוק און התקשרות, דורך שליסען מיט איהם נאָהנטע חבר'שאַפט...

(חתם סופר)

---

„ויאבק איש עמו, רב שמואל בר אחא אמר, כתלמיד־חכם נדמה לו" (חולין צ"א)

חסידים זענען אמאל אריינגעקומען צום בלענדאָווער רבי'ן, רבי יעקב יצחק, דער בעל „אמת ליעקב", און האָבען איהם געטראָפען, ווי ער לויפט אַרום איבער'ן צימער, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט נאָך וועמען, און דאַן איז ער צוגעלאָפען צו דער ספרים־שאַנק, זיך אָבגעשטעלט און יאוש'דיג א מאַך געטהון מיט דער האַנד...

— וועה, וועה — מאַכט ער צו די חסידים — כ'האָב זיך געיאָגט נאָכ'ן יצר־הרע און איך האָב איהם שוין שיער־שיער נישט געכאַפּט, האָט ער זיך אָבער מיישב געווען, דער בעל־דבר, און „כתלמיד־חכם נדמה לי", ער האָט זיך בעהאַלטען צווישען די ספרים און דאָ קאָן איך מיך שוין מיט איהם קיין עצה נישט געבען...

---

אין דער „אידישער געשיכטע", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען אויף ענגליש דער רעפאָרמירטער ראַבינער אין אַמעריקא, יצחק מאיר ווייז, ווערט „ערקלערט" דער ענין פון „ויאבק איש עמו", אַז דאָ ווערט דערצעהלט איינפאַך וועגען א באַנדיט, אַנ'אַראַבישען גזלן, וועלכער איז בעפאַלען יעקב'ן אויפ'ן וועג און זיך געראַנגעלט מיט איהם און איהם אויסגעלענקט א פוס... דערויף האָט איהם דאַן אַנ'ארטאָדאָקסישער רב אָנגעפרעגט אין א בריעף, ער זאָל איהם אַזוי פריינדליך זיין און ערקלערען: ווי געשיקט זיך עס, וואָס יעקב האָט דורכאויס פערלאַנגט פונ'ם דאָזיגען גזלן, ער זאָל איהם בענשען, ערקלערענדיג: „לא אשלחך כי אם ברכתני", און דערצו נאָך איז דעם גזלנ'ס ברכה און דער נייער נאָמען, וואָס ער האָט איהם געגעבען, אַזוי חשוב געוען ביי איהם, אַז עד־היום רופען מיר זיך אַלע מיט'ן דאָזיגען גזלנ'ס נאָמען — „ישראל". היתכן?... דער ראַבינער און „געשיכטע פערפאַסער" האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און אין זיין תשובה צום רב האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט, ליידער, אַ טעות געהאַט אין פשט...

---

## על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה... (לב. לג.)

אין „כרתי ופלתי" שרייבט רבי יונתן אייבעשיץ, אַז א מנקר פון פראָג האָט איהם ערקלערט, אַז דער גיד־הנשה געפינט זיך נור ביי בהמות זכרים, און רבי יונתן פרעגט דערביי אַ קשיא פון סמ"ג, וואו עס ווערט בפירוש געזאָגט, אַז „גיד הנשה נוהג בזכרים ובנקבות".

די דאָזיגע שאלה רופט אַרויס ביי אַלעמען גרויס פערוואונדערונג, מחמת דער זין פון סמ"ג'ס ווערטער איז דאָך גאַנץ איינפאַך, אַז דער איסור נישט צו עסען דעם גיד הנשה איז חל סיי אויף זכרים, סיי אויף נקבות...

באמת אָבער, ווי עס ווערט אָנגעוויזען, איז אין „כרתי ופלתי" אַריינגעפאַלען אַ טעות. די ציטאַטע איז נישט פון סמ"ג, וואו עס געפינט זיך איבערהויפט נישט די געבראַכטע ווערטער, נאָר פון סה"ג (ספר הלכות גדולות) און דאָרט דף קכ"ט ווערט געזאָגט וועגען גיד-הנשה: „ומשקלא לדכר ונוקבא", ד. ה. אַז דער גיד-הנשה דאַרף בעזייטיגט ווערען סיי פון בהמות זכרים, סיי נקבות און דער „כרתי ופלתי האָט אַלזאָ קיין שום טעות נישט געהאַט אין פשט.

---

## וישקהו ויבכו... (לג. ד.)

ביידע האָבען געוויינט: עשו, ווייל ער דאַרף קושען אַ אידען, יעקב'ן... און יעקב, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער קוש וועט איהם טייער קאָסטען — עשו קושט נישט אומזיסט...

---

## כי על כן ראיתי פניך כראות פני אלקים... (לג. י.)

דעריבער בעט איך דיך: „ולקחת מנחתי מידי", ווייל „ראיתי פניך כפני אלקים", און פונקט אַזוי ווי ביים רואה פני אלקים ווערט געזאָגט: „ולא יראו פני ריקם", וויל איך אויך צו דיר נישט קומען מיט לעדיגע הענד. (כלי יקר)

---

## ויאמר למה זה אמצא חן בעיני אדוני... (לג. טו.)

די דאָזיגע ווערטער: „למה זה אמצא חן בעיני אדוני", זענען נישט קיין סתירה צום פריהערדיגען פסוק, אין וועלכען יעקב האָט דייטליך אויסגעדריקט זיין פערלאַנג נושא-חן צו זיין ביי עשו'ן, זאָגענדיג: „ואשלחה להגיד לאדוני למצא חן בעיניך".

יעקב האָט טאַקי געוואָלט ביי איהם נושא-חן זיין, אָבער עס ווענדעט זיך, ווי אַזוי, דורך וואָסערע מיטלען, פאַר וועלכען פרייז דאָס זאָל דערגרייכט ווערען. נושא-חן צו זיין ביי עשו'ן דורך אַ מנחה, דורך מתנות — דאָס יאָ, דאַגעגען אָבער איינצוקויפען זיך ביי איהם אין ליעבע דורך „נסעה ונלכה ואלכה לנגדך", דורך געהן צוזאַמען מיט עשו'ן אויף איין וועג —

דערפון האָט זיך יעקב אָבגעזאָגט און ערקלערט: „למה זה אמצא חן בעיני אדוני״; ניין, אַזאַ נשיאת־חן וויל ער נישט...

(בית יעקב)

## וישבו בארץ ויסחרו אותה... (לד. כא.)

אויף אידען זאָגט מען, אַז זיי זענען אַ מסחר־פאָלק, טאָ זעהט, אַדרבה, אויף וואָס עס זענען פעהיג אַנדערע, נישט קיין אידען: צוליעב דער בלוי־זער הבטחה פון „ויסחרו אותה״, אַז מען וועט מיט זיי האַנדלען און מאַכען געשעפטען, האָבען די איידעלע בני־שכם אָהן שום וואַקלעניש זיך אָבגעזאָגט פון זייער אמונה און זיך געלאָזט באַדיי מל זיין צוליעב מסחר...

(הגיונות הרמ״ה)

## ויתנו אל יעקב את כל אלהי הנכר אשר בידם ואת הנזמים... (לה. ד.)

אויך די נזמים, דאָס ציערונג, אויך דאָס איז אין כלל פון די „אלהי הנכר״, די אָבגעטער, צו וועלכע מענשען דיענען...

(קול שמחה)

## בני לאה בכור יעקב ראובן... (לה. כג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „ראובן בכור לבכורה״, פּער־טייטשט עס דער „מתנות כהונה״: „בכור לבכורה — שער ראובן לא נזכר במקרא בכור״״.

אַ פלא! מיר געפינען דאָך דאָס וואָרט „בכור״ עטליכע מאָל דערמאָהנט אין די פריהערדיגע סדרות, ווי אין פ׳ נח: „את צידון בכורו״ און אין פ׳ חיי שרה: „בכור ישמעאל נביות״...

(שמעון זאַקאָן)

## הוא ענה אשר מצא את הימים במדבר... (לו. כד.)

„את הימים — פרדים״ (רש״י)

און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין פסחים נ״ד: „רבי שמעון בן גמליאל

אומר פרד בימי ענה היה". פרעגט דאָרט דערויף דער מהרש"א אין נאָמען פון חזקוני: אויפ'ן פסוק „ויגדל האיש" זאָגען דאָך די חז"ל (מדרש רבה תולדות) „שהיו אומרים זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של יעקב", איז דאָך דערפון משמע, אַז דער מין פרדות איז שוין געווען בעקאַנט אַ סך פריהער, נאָך אין די צייטען פון יצחק?...

אויף דער דאָזיגער פראַגע ווערען געענטפערט פערשיעדענע תירוצים, וועלכע זענען אָבער לגמרי נישט נויטיג, דען דער דערמאָהנטער מדרש ווערט אויך געבראַכט אין תוספות בבא-מציעא פ"ח און דאָרט איז צו זע-הען, אַז די ריכטיגע גירסא איז — „זבל בהמותיו של יצחק".

(תורה תמימה)

# וַיֵּשֶׁב

## וישב יעקב בארץ מגורי אָביו... (לז. א.)

„בקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף" (רש"י)

כנוהג שבעולם, געוועהנליך, בשעת עשו איז אונצופרידען לאָזט ער אויס דעם כעס און די רוגזה צו יעקב׳ן... דאָס מאָל אָבער איז עשו גראָד געוועזען אין אַ גוטער שטימונג; די פריהערדיגע סדרה ענדיגט זיך מיט דער שילדערונג, ווי אַזוי די בני עשו האָבן זיך איינגעאָרדענט אין פאַרשיעדענע ישובים, וואו זיי זענען געוואָרען „אלופים" און הערשער. יעקב האָט אַלזאָ געגלויבט, אַז וויבאלד עשו איז רוהיג, קאָן ער שוין איצט אַליין אויך געני-סען פון אַ ביסל שלוה, אָבער דאָ ליידער — „קפץ עליו רוגזו של יוסף". אויב יעקב האָט שוין יאָ אַמאָל אַ ביסל מנוחה פון דרויסען, ווערט זי גלייך געשטערט פון אינעווייניג, פון אייגענע היימישע מענשען...

(חות יאיר)

---

„בקש יעקב לישב בשלוה וכו'"

די גזירת-השעבוד פון אַרבע מאות שנה הויבען זיך אָן, כידוע, צו רעכענען משנולד יצחק. פאַרוואָס פון יצחק׳ן? ווייל יצחק האָט זיך שטענדיג געפיהלט אין גלות און, כאָטש ער איז געוועזען גענוג רייך, האָט ער געזאָגט אויף זיך: „גר אנכי בארץ". יעקב אָבער „בקש לישב בשלוה", האָט גע-פּרובט זיך איינצואָרדנען אין גלות און איינצוזעצן זיך דאָ, ווי ביי זיך אין דער היים, און דעריבער — „קפץ עליו רוגזו של יוסף", איז געשעהען די מעשה מיט יוסף׳ן, צוליעב וועלכער ער איז נאָכהער געצוואונגען געוואָרען אויסצוואַנדערען אין אמת׳ן גלות אַריין...

(רבי שלמה קלוגער)

---

## וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום... (לז. ד.)

וואָלטען זיי אָבער גערעדט צווישען זיך, וואָלט אפשר יאָ געקומען צו אַ שלום.

די הויפּט-צרה פון יעדע מחלוקת איז, וואָס מען קאָן זיך נישט צונויפ-רעדען, וואָס איינער דעם צווייטען וויל נישט אויסהערען און פערשטעהן... וואָלט מען זיך צונויפגערעדט, וואָלט מען אין די מעהרסטע פאַלען זיכער זיך אַרומגעזעהען, אַז מען האָט זיך נישט צוליעב וואָס צו קריגען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו... (לז. ח.)

דעריבער האָבען די חלומות זיינע אַרויסגערופען ביי די ברידער אַזאַ שנאה, הגם אין פלוג, וואָס איז דער מענש שולדיג, אַז עס חלומ'ט זיך איהם? — „על דבריו", ווייל זיי האָבען אָנגענומען, אַז צוליעב דעם חלומ'ן זיך איהם אַזעלכע חלומות, ווייל ער רעדט און טראַכט שטענדיג דערפון און ס'איז דאָך ידוע, אַז — „כל החלומות הולכים אחר הפה" און „אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו".

(כלי יקר)

---

אַ מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר אין זוהר פ' מקץ:

„דוד מלכא לא חמא חלמא טבא — דוד המלך האָט קיינמאָל קיין גוטען חלום נישט געזעהן — כל יומוי הוה משתדל לאושדא דמן ואגח קרבין — ווייל כל ימיו האָט ער עוסק געווען אין שפיכת דם, אין פיהרען מלחמות — וכל חלמוי לא הוו אלא חלמין בישין חורבא ושוממותא" — און אַלע זיינע חלומות זענען דעריבער געווען שלעכטע חלומות וועגען חורבות און פערוויסטונגען...

---

## וימצאהו איש והנה תועה בשדה... (לז. טו.)

רבי חיים צאַנזער האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו אַ חשוב'ן בעל-הבית ער זאָל אַרויסגעהן מיט איהם אין שטאָדט אַריין צונויפנעהמען אַ נדבה פאַר אַ געוויסען יורד. יענער האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט, ערקלערענדיג, אַז ער האָט קיין צייט נישט. ער קאָן נישט מבטל זיין פון לערנען.

האָט עס רבי חיים'ן פערדראָסען און ער האָט איהם געענטפערט:

אויפ'ן פסוק „וימצאהו איש", ביי יוסף'ן, זאָגט רש"י: „זה גבריאל", דאַגעגען אויף „ויאבק איש עמו", ביי יעקב'ן, זאָגט רש"י: „הוא שרו של עשו". איז פון וואַנען ווייסט עס רש"י צו זאָגען, אַז יענער „איש" איז געווען גבריאל און דער „איש" איז שרו של עשו? — נאָר גאָר פשוט: דאָרט ווערט דערצעהלט, אַז נאָכדעם, ווי יעקב, ראַנגלענדיג זיך מיט'ן מלאך אַ גאַנצע נאַכט, האָט פון איהם געבעטען אַ קליינע טובה, ווי אַ ברכה, האָט איהם דער מלאך געענטפערט, אַז ער האָט קיין צייט נישט: „שלחני כי עלה השחר — וצריך אני לומר שירה". ער איז פערנומען מיט שירה זאָגען, מיט לערנען. פון אַזאַ תשובה איז אַלזאָ קלאָר, אַז דאָס איז שרו של עשו... ביי יוסף'ן דאַגעגען שטעהט: „וישאלהו האיש לאמר מה תבקש". זעהענדיג, ווי אַ מענש בלאָנדזשעט אין פעלד, האָט אים דער מלאך אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וואָס ער זוכט, מיט וואָס ער קאָן איהם דיענען, און דערפון איז אַ בעוויז, אַז דאָס איז געווען דער מלאך גבריאל, הגם ער זאָגט זיכער נישט ווייניגער שירה, ווי דער שר של עשו, האָט ער נאָך פונדעסטוועגען צייט צו שענקען אַ האַלבע שעה פאַר אַזעלכען, וואָס בלאָנדזשעט און בויטיגט זיך אין הילף...

---

## את אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ... (לז. טז.)

אין „תפארת שלמה" געפינען מיר אויפ'ן דאָזיגען פסוק פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע שטעלע:

ס'איז נישט גענוג, מיר זאָלען זיך מצער זיין אויף גלות השכינה, זי בויטיגט זיך נישט לגמרי אין אונזער רחמנות... „ואתה ד' לעולם תשב". דו, רבונו של עולם, ביזט אומעדום אויף דיין אָרט, מלא כל הארץ כבודך, דער עיקר וועהטאָגט אונז דאָס האַרץ אויף — „למה לנצח תשכחנו", פאַרוואָס דו פאַרגעסט אָן אונז. מיר, אַז מיר זענען נישט ביי זיך אין דערהיים, איז אונז טאַקי זעהר ביטער...

„את אחי אנכי מבקש"! אינטערעסירען דאַרפען מיר זיך הויפּטזעכליך מיט'ן גורל פון אונזערע ברידער און זייערע אויסטערלישע ליידען...

---

— איידער דו זאָלסט מקטרג זיין און מוסר זאָגען די אידען — האָט דער בעש"ט אַמאָל געזאָגט צו אַ מוכיח, וועלכער האָט אין זיין דרשה שטאַרק געשטראָפט דעם עולם — הלמאי זיי זענען נישט מקיים זייערע

פליכטן צום רבונו של עולם, זאָג בעסער אַ ביסעל מוסר דעם רבונו של עולם, הלמאי ער ערפילט נישט זיינע פּאַטערליכע פליכטען צו זיינע קינדער...

## וימאן להתנחם... (לז. לה.)

„אין אָדם מקבל תנחומין על החי" (רש"י)

פרעגט מען דערויף די בעקאַנטע קשיא: היתכן? אויך יעקב האָט דאָך געדאַרפט וויסען פונ'ם דאָזיגען כלל און דאָס גופא, אַלזאָ, וואָס ער האָט זיך נישט געקענט טרייסטען און פערגעסן אין יוסף'ן, האָט איהם געדאַרפט דיענען אַלס באַווייז, אַז יוסף לעבט?

אָט דאָס — האָט געזאָגט דערויף רבי יחזקאל שינאָווער — האָבען טאַקי די קינדער גע'טענה'עט צו איהם און דאָס אייגענטליך איז דער טייטש פון די ווערטער: „ויתאבל על בנו ימים רבים, ויקומו כל בניו וכל בנותיו לנחמו", זיי האָבען איהם געטרייסט דערמיט, וואָס ער איז אַ „ויתאבל על בנו ימים רבים", וואָס ער טרויערט אַזוי לאַנג אויף יוסף'ן און דערפון גופא איז אַלזאָ אַ בעוויז, אַז יוסף לעבט, וואָרום — אין מקבלין תנחומין על החי"...

## וירא שם יהודה בת איש כנעני... (לח. ב.)

„איש כנעני, יש אומרים סוחר וכו' ויתכן להיות כמשמעו" (אבן עזרא)

אויף די דאָזיגע לעצטע ווערטער פון „ויתכן להיות כמשמעו" בעמערקט דער אור-החיים: „נאמר לשתוק ולכתוב ודאי", בעסער, הייסט עס, וואָלט דער אבן-עזרא געשוויגען און געשריבען נאָר אַזאַ פשט, אין וועלכען ער וואָלט זיכער געווען, אַז עס איז אַ דבר ודאי, נישט ער זאָל צוליעב אַ ספק מוציא לעז זיין אויף יהודה'ן, אַז ער זאָל זיך האָבען אָבגעגעבען מיט איינע פון די בנות-כנען...

עס איז אָבער אַ גרויס חידוש, וואָס דער אור-החיים איז אַזוי מתרעם אויפ'ן אבן-עזרא, ווערהענד אויפ'ן פסוק „ויקומו כל בניו לנחמו" ווערט גע-זאָגט בפירוש אין מדרש-רבה (און רש"י ברענגט עס אויפ'ן אָרט): „ר' נחמיה אמר כנעניות היו". דעסגלייכען אין פ' ויחי אויפ'ן פסוק „ויעשו לו בניו כן כאשר צום", זאָגט רש"י: „על ישאו מטתי לא מצרי ולא אחד מבניכם שהם מבנות כנען"...

(עזרה להבין)

## וישלח יהודה את גדי העזים ביד רעהו העדלמי (לח.כ.)

יעדער מענש דארף האבען אזא חבר, אזא איבערגעגעבענעם טרייען פריינד, וועלכען ער זאל קענען אנטרויען זאגאר אזעלכע געהיימע, אינטימע זאכען, מיט וועלכע יהודה האט זיך פארטרויט פאר זיין חבר חירה העדלמי...

(רבי ר׳ בונם)

## היא מוצאת והיא שלחה אל חמיה לאמר וכו׳ (לח. כה.)

„מכאן אמרו נוח לו לאדם שיפיל עצמו לכבשן האש ואל ילבין פני חברו ברבים״ (רש״י)

אין רמב״ם דעות פ״ו ה״ג ווערט געזאגט: „המתכבד בקלון חברו אין לו חלק לעולם-הבא״, און דאס זעלבע אויך אין א צווייט ארט, אין תשובה פ״ג הי״ג. דערויף בעמערקט דארט דער כסף-משנה, אז עס איז איהם אונבעקאנט, וואו עס געפינט זיך ערגעץ אין די דברי חז״ל אזא מאמר.

ווייזט אבער אן רבי ישעי׳ פיק אין זיינע הגהות למשניות, אז דאס איז א בפירושער מאמר אין ירושלמי חגיגה פ׳ אין דורשין.

דערצו דארף צוגעגעבען ווערען, אז א חוץ אין ירושלמי געפינט זיך דער דאזיגער מאמר נאך אין אן ארט, אין בראשית-רבה א׳: „אמר ר׳ יוסי בר חנינא כל המתכבד בקלון חברו אין לו חלק לעולם הבא״.

(פרדס יוסף)

## ויהי ד׳ את יוסף ויהי איש מצליח... (לט. ב.)

ער איז געווען נאהנט צום רבונו של עולם אפילו דאמאלס, ווען עס איז איהם געגאנגען גוט, ווען ער איז געווען א „איש מצליח״...

(רבי ר׳ בונם)

אין דער תפילה פון ראש-חודש בענשען זאגען מיר: „חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא״ און דאן ווידער נאך אמאל: „חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים״. נאך וואס בעטען מיר עפיס צוויי מאל אויף יראת-שמים?

ווייל אינמיטען בעטען מיר דערוויל: „חיים של עושר וכבוד״, און קוים קומט אריין אין דער מיט „עושר וכבוד״, האלט עס שוין מיט׳ן פרי-הערדיגען יראת-שמים גאנץ שמאל און מען דארף פון דאס ניי בעטען אויף יראת-שמים...

(אין נאמען פון חפץ-חיים)

מערקווירדיג! — האָט אַמאָל רבי יוסף ענגעל געזאָגט אין אַ דרשה בדרך-הלצה — בעת עס האַנדעלט זיך וועגען „חיים ארוכים" זאָגען מיר: „ותתן לנו חיים ארוכים וכו' חיים של טובה, חיים של ברכה וכו'", זאָלסט אונז געבען — „לנו". דאַגעגען אָבער בשעת עס קומט צו יראת-שמים זאָגען מיר: חיים שיש בהם יראת-שמים ויראת חטא — „בהם" זיי זאָלסטו געבען...

---

## וימאן ויאמר אל אשת אדוניו וכו' (לט. ח.)

דער שפּאָלער זיידע פלעגט זאָגען: בשעת דער יצר-הרע רעדט דיך צו צו אַ שלעכטע זאַך, איז קודם-כל „וימאן", קודם שטויס איהם אָב פון זיך און ערקלער איהם, אַז דו ווילסט נישט און ווערסט איהם נישט פאָלגען, און ערשט דאַן — „ויאמר", מעגסטו זיך מיט איהם אויסשמועסען און איהם געבען צו פערשטעהען, פאַרוואָס דו ווילסט נישט...

(ווילנא דחיי)

# מקץ

## ואין פותר אותם לפרעה... (מא. ח.)

„שלא היה קולן נכנס באזניו" (רש"י)

פון דאנען — פלעגט זאגען רבי אייזעל סלאנימער — איז צו זעהען, אז פון אלע פשט׳לעך איז אמריכטיגסטען שטענדיג דער איינפאכער פשט. די פערשידענע חכמים האבען געענטפערט פרעה׳ן מיט פשט׳לעך. איינער האט געזאגט: „ז׳ בנות אתה מוליד", א צווייטער: — ז׳ מלכיות אתה מכבש" א. א. וו. איז „לא היה קולן נכנס באזניו". יוסף אבער האט איהם ערקלערט איינפאך: „פרות בריאות" און „שבלים מלאות" מיינט מען זאטע יאהרען, „פרות דקות" און „שבלים צנומות" — הונגעריגע יאהרען, און דער פשוט׳ער פשט האט זיך טאקי ארויסגעוויזען פאר׳ן ריכטיגסטען...

---

## ויעשה פרעה ויפקד פקידים... (מא. לד.)

ווי מיר זעהען, האט זיך יוסף זעהר קלוג געפיהרט: צוזונעהמען ביים עולם די תבואה, דאס האט ער איבערגעלאזט פאר פרעה׳ן: „יעשה פרעה ויפקד פקידים", זאל ער זיך דערמיט בעשעפטיגען, זאל ער זיך קויפען שונאים ביים פאלק, דאגעגען שפעטער ביים טיילען די תבואה — דאס האט שוין יוסף גענומען אויף זיך...

(אמרי שפר)

---

## הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו... (מא. לח.)

ווארום ווען איך וואלט געווען געפינען, וואלט איך אודאי נישט אוועקגעזעצט א אידען אויף אזא הויכען פאסטען, ליידער אבער האב איך נישט קיין אנדערען...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

---

„איש אשר רוח אלקים בו"... אַזאַ איד, וועלכער זאָל אי זיין אַ „מסלסל בשערו ומתקן בבגדיו", און גלייכצייטיג זאָל אויך זיין „אשר רוח אלקים בו" — דאָס איז אַ זעלטענהייט, וואָס ס'איז שווער צו געפינען...

(רבי ר' בונם)

## אין נבון וחכם כמוך... (מא. לט.)

געוועהנליך ווערען אידען געריהמט אַלס „עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה", דען אַזוי איז שוין די אידישע טבע: אידען זענען פריהער חכמים און נאָכהער נבונים, פריהער חכמה'נען זיי זיך און ערשט דערנאָך קלערען זיי אַריין, תופס צו זיין דעם ענין... יוסף אָבער איז געריהמט געוועזן דער־מיט, וואָס ער איז געוועזן אַ „נבון וחכם", פריהער — „נבון"...

(אמרי חן)

## אתה תהיה על ביתי ועל פיך ישק כל עמי... (מא. מ.)

„ג' דברים — זאָגען די חז"ל (ברכות נ"ה) — מכריז עליהם הקב"ה בעצמו ואלו הן רעב ושבע ופרנס טוב". הונגער און זאַטקייט אין לאַנד זע־נען, משמעות, אַ סך אָבהענגיג פון די פרנסים, פון די, וואָס פערוואַלטען מיט'ן קהל'שען געלד און ווי אַזוי, אויף וואָס דאָס געלד ווערט פערווענדעט.

און דעריבער: אחרי הודיע אלקים אותך את כל זאת", קוים ביזטו אַזאַ גרויסער מומחה אינם „רעב ושובע",—„ועל פיך ישק כל עמי", דאַרפסטו שוין אויך איבערנעהמען די דריטע זאַך און ווערען — פרנס...

(נפתלי שבע רצון)

אין פוילען איז אַמאָל געוועזן אַ מנהג, אַז פרנסים אין די אידישע קהלות פלעגען ווערען בעשטימט אום שביעי של פסח. האָט רבי אלימלך דינאָווער געזאָגט אַ טעם דערויף: „ג' דברים מכריז עליהם הקב"ה בעצמו וכו'", פון וואָס עס איז צו זעהען, אַז פרנס מיט פרנסה האָבען צווישען זיך אַ נאָהנטע שייכות, וואָסערע פרנסים—אַזאַ פרנסה... און אין שביעי של פסח, בעת קריעת ים סוף, דערמאָהנט מען זיך, אַלזאָ, אַז פונקט ווי עס קומט אָן שווער מיט פרנסה, דען „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", אַזוי קומט אויך אָן שווער צוצוקלויבען זיך פאַסענדע פרנסים...

## ויתן לו את אסנת בת פוטיפרע כהן און לאשה... (מא. מה.)

פרעה האט נישט געוואלט, אז דאס פאלק זאל זיך דערוויסען יוסף׳ס פערגאנגענהייט, אז ער איז א איד, א געוועזענער עבד, און היות ווי פוטיפרע, וועלכער האט אבגעקויפט יוסף׳ן פון די ישמעאלים, איז געווען דער איינציגער, וועלכער האט גענוי געוואוסט וועגען דעם אלעס, האט ער איהם דעריבער משדך געווען מיט זיין טאכטער און אזוי ארום וועט פוטיפרע געצוואונגען זיין צו האלטען די זאך בסוד; ער וועט דאך נישט געהן זיך אליין קאמפראמיטירען און דערצעהלען, אז זיין איידעם איז א איד און א געוועזענער קנעכט...

(דובנער מגיד)

---

און צוליעב׳ן זעלבען טעם האט איהם פרעה משנה השם געווען אויף „צפנת פענח״, כדי צו בעהאלטען זיין אידישען נאמען...

(תפארת יונתן)

---

## ותחילנה שבע שני הרעב לבא כאשר אמר יוסף... (מא. נד.)

דאגעגען ביי די „שנות השובע״, בשעת די יאהרען פון זאטקייט, שטעהט נישט „כאשר אמר יוסף״... אזוי איז עס שוין שטענדיג, אין אלע צייטען: יוסף׳ס נאמען דערמאהנט מען נאר דאמאלס, ווען עס איז א הונגער אין לאנד, אבער נישט ווען עס הערשט זאטקייט. דאן דערמאהנט מען נישט, אז דאס איז „כאשר אמר יוסף״, אז מען האט עס אין א געוויסער מאס יוסף׳ן צו פערדאנקען, אז אויך ער האט דערין א שטיקעל חלק..

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

---

## ותרעב כל ארץ מצרים... (מא. נה.)

צום לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאטאנזאהן, איז אמאל אריינגעקומען א דורכוואנדערנדער איד און איהם געבעטען, ער זאל איהם ערלויבען צו האלטען אין בית-המדרש א דרשה, מחמת ער איז נעביך א איד א נצרך, ער האט עטליכע בוגרות׳ן חתונה צו מאכען און נישט האבענדיג קיין אנדער פרנסה, פאהרט ער דעריבער ארום איבער דער מדינה האלטען דרשות.

רבי יוסף שאול האט איהם ערלויבט און ער האט אויך בייגעוואוינט די דרשה. ארויסגעוויזען האט זיך, אז א חוץ וואס דער איד קאן נישט די מלאכה פון דרוש, איז ער דערצו אויך א כבד-פה, א שטאמלער, און זיין זאגעכץ האט קיין אידישען טעם נישט געהאט.

נאך דער דרשה געהט צו דער דרשן צו רבי יוסף שאול'ן און פרעגט איהם, ווי עס איז איהם עפעס געפעלען די דרשה זיינע. ענטפערט איהם דערויף רבי יוסף שאול:

אין פ' מקץ ווערט דערצעהלט: „ותרעב כל ארץ מצרים, ויצעק העם אל פרעה ללחם, ויאמר פרעה וכו' לכו אל יוסף אשר יאמר לכם תעשו", דערויף זאגט רש"י: „לפי שהיה יוסף אומר להם שימולו". פרעגט זיך: פאר-וואס עפיס האט זיי יוסף געהייסען זיי זאלען זיך מל זיין? נאר די זאך איז פשוט: אין דער דאזיגער הונגער-צייט האבען זיך געפונען א סך פערזא-נען, וועלכע האבען זיך שוין פריהער געהאט פערזארגט מיט געהעריגע זא-פאסען תבואה, און פון יוסף'ן האבען זיי געוואלט ארויסבעקומען פרישע תבואה, כדי צו מאכען דערמיט געשעפט. און היות ווי ס'איז שווער געווען צו וויסען, ווער עס נויטיגט זיך באמת אין א ביסעל תבואה, ווייל עס פעהלט איהם אויס ברויט אין שטוב, און ווער עס וויל דערביי ציהען א פאסיק, האט דעריבער יוסף פערלאנגט פון זיי, זיי זאלען זיך מל זיין, און דער וואס וועט גרייט זיין דאס צו טהון, איז א סימן, אז ער איז באמת הונגעריג.

— כ'מוז אייך זאגען דעם אמת — פיהרט אויס רבי יוסף שאול — אז נישט צו אלע מגידים האב איך צוטרוי. בשעת זיי קומען צו מיר בעטען רשות צי דרשנ'ען, קלאגענדיג זיך, אז זיי הונגערען נעביך, אז זיי געהען אויס ל"ע מיט זייערע פאמיליעס פון דחקות, בין איך זיי אפט חושד, אז זיי נארען מיך, אז זיי טראגען ביי זיך „קניפלעך" מיט געלד. בשעת איך האב אבער געזעהן, ווי איהר, א איד א כבד-פה, שטעלט זיך אוועק זאגען א דרשה פאר'ן עולם, כאטש איהר האט די מינדעסטע השגה נישט אין דרוש, כאטש עס קומט אייך אן מיט אזוי פיעל צער און יסורים, איז עס פאר מיר א סימן, אז איהר זענט אנ'עהרליכער מאן, טאקי באמת נעביך א גרויסער נצרך.

---

## והרעב היה על כל פני הארץ... (מא. נו.)

„פני" מיינט מען די עשירים, פון זיי האט זיך אנגעהויבען דער הונגער. פארוואס רופען זיך די עשירים „פני"? — ווייל דער עושר ווייזט איטליכען זיין שמייכלענדיג פנים, דאגעגען דער ארימאן בעהאלט זיין פנים פון בושה. אנ'ארימאן האט קיין פנים נישט...

(מדרש רבה)

---

## למה תתראו... (מב. א.)

„למה תראו א"ע בפני בני ישמעאל ובני עשיו כאלו אתם שבעים" (רש"י)

נישטאָ קיין גרעסערע סכנה פאַר יעקב'ן, ווי צו זיין זאַט אין דער צייט, ווען עשו איז הונגעריג... און אַזוי זאָגט אויך דוד המלך: „נתת שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו, בשלום יחדו אשכבה ואישן (תהלים ד. ח.). מיין האַרץ פרעהט זיך בעת די גוים זענען פערזאָרגט מיט גענוג ברויט און וויין און איך שלאָף דאַן במנוחה, וואָרום טאָמער חלילה ווערען זיי הונגעריג — דאַמאָלס ציטערט אויף מיר די הויט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

זאַטקייט און עשירות דאַרף מען פאַר קיינעם נישט אַרויסווייזען, ווי די חז"ל זאָגען (ב"ב כ"ה): „הרוצה שיעשיר — יצפין", זאָל ער זיך בע-האַלטען דערמיט און וואָס ווייניגער אויפרייסען די אויגען... און דאָס איז אויך דער זין פון פסוק: „צאננו מאליפות מרובבות בחוצותינו אלופינו מסובלים וכו'" (תהלים קמ"ד). מען זאָל זיך נישט ריהמען פאַר קיינעם מיט'ן פער-מעגען, וואָרום בשעת „צאננו מאליפות", אויב מיר פערמאָגען למשל עטליכע טויזענד שאָף, „מרובבות בחוצותינו", ווערען זיי אין גאַס, ביי מענשען אין די מיילער, פערוואַנדעלט אין צעהנער טויזענדער. „אלופינו מסובלים", אונזערע אמת'ע אַלופים און עשירים האָבען דערפאַר דערגרייכט און זענען אָנגעלאָדען געוואָרען מיט אַזוי פיעל גוטס, ווייל — „אין פרץ ואין יוצאת ואין צווחה ברחובותינו", ווייל זיי האָבען זייערע פערמעגענס געזאַמעלט שטילערהייד, בעשיידען, אָהן פרסום און אָהן צו מאַכען רעדען פון זיך אין די גאַסען...

(מלאכת מחשבת)

---

## הי פרעה כי מרגלים אתם... (מב. טז.)

אין די צייטען פון רבי נחום'קע גראָדנער איז געווען אין גראָדנע אַ גובערנאַטאָר אַ שונא-ישראל, וועלכער האָט אָנגעטהון אידען צרות-צרורות. פון רבי נחום'קען אָבער האָט ער שטאַרק געהאַלטען, וויסענדיג, אַז ער האָט אַ שם פון אַ גרויסען צדיק, אַן'עהרליכער מאַן, אַן'איש אמת.

אין טאָג פון ניי-יאָהר זענען די פרנסים פון דער קהלה מיט רבי נחום'קען בראש געגאַנגען צום גובערנאַטאָר און איהם געוואונשען, ווי דער מנהג איז, „אַ ניי יאָהר און אַ ניי גליק".

אויסגעהערט די ברכות, האָט דער גובערנאַטאָר געגעבען אָנצוהערען די פרנסים, אַז זיי קענען שוין געהן, רבי נחום'קען אָבער האָט ער געבעטען צו בלייבען און דאַן ווענדעט ער זיך צו איהם און זאָגט:

— מיין נישט — מאַכט דער גובערנאַטאָר — אַז איך בין אַזאַ נאַר. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די אידען האָבען מיך נישט איבריג ליעב, מחמת קיין טובות האָבען זיי פון מיר נישט, און איך ווייס, אַז בשעת איהר האָט מיר צוגעווינשען צום נייעם יאָהר האָט איהר עס געטהון בלויז פון יוצא-ווענען, אויס מורא, אין האַרצען אָבער האָט איהר מיר בעת-מעשה זיכער נישט געווינשען קיין גוטס... אַזוי איז שוין אייער אידישע טבע. אויך יוסף, ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל, פלעגט שווערען ביי פרעה'ס לעבען, וואָס עס איז איהם מכלומרשט געווען זעהר טייער, באמת אָבער איז ער דערמיט אויסען געווען איהם צו שעלטען... איז מילא אויף די אידען, וואָס זענען מיטגעקומען מיט דיר, וואונדערט מיך נישט, דו אָבער? דו, וועלכער האָסט אַ שם אַלס הויפט עהרליכער מאַן, אַזאַ איש אמת ווי דו זאָל רעדען מיט'ן מויל אַנדערש, ווי דו טראַכסט אין האַרצען, היתכן?...

— חס-ושלום! — ענטפערט איהם דערויף רבי נחום'קע — דאָס, וואָס מיר האָבען דיר געוואונשען, האָבען מיר עס אַלע געמיינט מיט'ן גאַנצען האַרצען. מיר האָבען דיר געוואונשען אַ ניי יאָהר און אַ ניי גליק, וואָס הייסט פאַר דיר, אדוני גובערנאַטאָר, אַ ניי גליק? — דו זאָלסט דערהויבען ווערען צו אַ העכערער מדרגה, זאָלסט ווערען אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַ מיניסטער, אַ שני למלך, איז דאַמאָלס וועסטו דאָך אַוועק פון גראָדנע — און אַט דאָס, שווערען מיר דיר, ווינשען דיר אַלע אידען פון שטאָדט מיט'ן גאַנצען האַרצען...

---

## ויפתח האחד את שקו... (מב. כז.)

„הוא לוי שנשאר יחיד משמעון בן זוגו" (רש"י)

פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז דאָס איז געווען לוי? דען פון ווייטערען פסוק, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט, אַז „ויהי הם מריקים שקיהם והנה איש צרור כספו בשקו", אַז אַלע אַנדערע ברידער האָבען געפינען זייערע געלדער ליגען אין די זעק ערשט נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געהאַט אַהיימגעקומען, איז צו זעהען, אַז מען האָט איטליכען אריינגעלעגט דאָס געלד אויפ'ן סאַמע דנאָ פון זאַק, אין וועלכען עס האָט זיך געפינען די שפייז פאַר די אייזלען — און זיי האָבען עס אַלזאָ דערזעהען ערשט נאָכדעם ווי זיי האָבען אין דער היים געגומען אויסלעדיגען די זעק. לוי

אָבער, נאָכדעם ווי שמעון איז פערהאַלטען געוואָרען, האָט פון זיין זאַק געדאַרפט שפייזען אויפ׳ן וועג צוויי אייזלען: זיין אייזעל און דאָס אייזעל פון שמעון, זיין „בן-זוג״, זיין שטענדיגען פאַרטנער, וממילא איז דאָך איהם די שפייז פון זאַק אויסגעגאַנגען פריהער, נאָך אין מיטען וועג, און דעריבער האָט ער דעם „צרור כספו״ דערזעהען פריהער פון אַלע אַנדערע ברידער.

(שיחת חכמים)

---

## וירד ירדנו בתחלה לשבר אוכל... (מג. כ.)

צוליעב׳ן נישטיגען ביסען ברויט, צוליעב דער ביטערער פרנסה, מוזען מיר זיך נעביך ערנידריגען, מבזה מאַכען און טראָבפּאַלען פון די הויכע מדרגות, אין וועלכע אַ איד דאַרף זיך האַלטען...

(רבי מענדעל קאָצקער)

---

## הזה אחיכם הקטן וכו׳ אלקים יחנך בני... (מג. כט.)

בשעת זיי האָבען געבראַכט מיט זיך בנימינ׳ען, וועלכען זיי האָבען אָנגערופען פאַר יוסף׳ן: „ילד זקונים קטן״, איז ער שוין דאַן אַלט געווען (ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש רבה נשא פ׳ י״ד) דרייסיג יאָהר און געווען שוין אַ טאַטע פון צעהן קינדער. בשעת יוסף האָט איהם דערזעהן, האָט ער אַלזאָ אויסגערופען מיט פערוואונדערונג: „הזה אחיכם הקטן אשר אמרתם אלי״, אָט דער איז עס דער קליינער ברודער, וועגען וועלכען איהר האָט מיר געזאָגט? אָט דער?... אָ, „אלקים יחנך, בני״. ווי ער וואָלט זאָגען: קיין שום בייז אויג... אָהן עין-הרע... שוין איינמאָל אַ קליין ברודערל, אַ „ילד זקונים קטן״...

(רבי חיים וואָלאָזשינער)

---

## הן כסף אשר מצאנו וכו׳ השיבונו אליך וכו׳ ואיך נגנוב מבית אדוניך... (מד. ח.)

פרעגען דערויף די מפרשים: וואָס פאַר אַ קל-וחומר איז עס? מען האָט דאָך זיי געקענט דערויף ענטפערען, אַז ביים ערשטען מאָל האָבען זיי מורא געהאַט צו גנב׳ענען דאָס געלד, ווייל זיי האָבען זיך געשראָקען, טאָמער וועט יוסף מיט זיין כשוף-בעכער ענטדעקען די גנבה. דעם בעכער דאָגעגען האָבען זיי יאָ גע׳גנב׳עט, ווייל קוים געפינט זיך שוין דער כשוף-

בעכער אין זייערע הענד, האָבען זיי פאַר דער ענטדעקונג מעהר קיין מורא נישט?...

נאָר דער קל-וחומר איז דאָ אַ גאַנץ אַנדערער: לויט'ן אידישען דין איז „אַבידת עכו"ם מותר", דאַגעגען „גניבת עכו"ם" — איז אָסור, און דאָס אַלזאָ האָבען זיי גע'טענה'ט: מה-דאָך „כסף אשר מצאנו", דאָס געלד, וואָס מיר האָבען געפינען און וואָס לויט'ן אידישען דין האָבען מיר עס געמעגט צו-נעהמען, איז פונדעסטוועגען „השיבונו אליך", האָבען מיר עס אומגעקעהרט צוריק, איז „ואיך נגנוב", טאָ ווי אַזוי קענסטו אונז חושד זיין איצט אין גניבה, וואָס איז אָסור לויט'ן אידישען דין?...

(רבי ברוך האַלבערשטאם)

# וַיִּגַּשׁ

## יְדַבֶּר נָא עַבְדְּךָ דָבָר בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי... (מד. יח.)

ביי יהודה'ן איז ענטשטאַנען אַ חשד, אַז די אַלע פערדריסליכע אינצידענטען צווישען יוסף און די ברידער נעהמען זיך דערפון, וואָס דער איבערזעצער, דער „המליץ בינותם", גיט נישט איבער ריכטיג זייערע רייד, והא ראיה, אויף די ווערטער „שנים עשר עבדיך אַחים אֲנחנו" האָט יוסף געענטפערט: „הוא אשר דברתי מרגלים אתם", אַ תשובה, וואָס איז לגמרי נישט ממין הטענה... און דעריבער אַלזאָ האָט ער זיך געווענדעט צו יוסף'ן מיט'ן פאָרשלאַג: „ידבר נא עבדך דבר באזני אדני", אַז עס וואָלט געווען זעהר געוואונשען, זיי זאָלען זיך פאַרשטענדיגען דירעקט, אָן אַ מליץ, און אַזוי אַרום וועלען אַלע מיספערשטענדניסען אויסגעמיטען ווערען...

(רבי וואָלף מגיד)

---

אויף אַנ'עהנליכען אופן בדרך-הלצה:

„ידבר נא עבדך דבר באזני אדני", לאָמיר זיך צונויפרעדען דירעקט אָהן אַ מליץ, וועלכער פערדרעהט אונזערע ווערטער און דערפון נעהמט זיך דער גאַנצער רוגז. אַ בעווייז דערויף: „כי כמוך כפרעה", אָט זאָג איך איצט, למשל, צו דיר אַזעלכע דריי ווערטער, ווי „כי כמוך כפרעה". אין פלוג דוכט זיך גאַנץ איינפאַכע און אונשולדיגע ווערטער, וועלכע ענטהאַלטען נישט אין זיך קיין שום בייז און קיין שום באַליידיגונג, פערקעהרט, זייער פשוט'ער זין איז: „חשוב אתה בעיני כמלך", ולסוף ווי נאָר די דאָזיגע ווערטער ווערען איבערזעצט דורכן מליץ, אַזוי בעקומען זיי שוין אַ גאַנץ אַנדערען אינהאַלט מיט פערשיעדענע פירושים און אויסטייטשונגען און אָנצוהערענישען, אַז דאָס האָב איך דיך געזידעלט און געשאָלטען. איינער זאָגט, אַז דאָס האָב איך געמיינט: „סופך ללקות בצרעת כמו שלקה פרעה", אַ צווייטער: „מה פרעה גוזר ואינו מקיים אַף אתה כן", אַ דריטער: „אם תקניטני אהרוג אותך ואת פרעה" און אַזוי ווייטער... און דעריבער בעט

איך דיך: לאָמיר באַזייטיגען די אַלע איבערזעצער און מפרשים און — „ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני״...

(געהערט פון פלינסקער רב, הרב מיכלזאָן)

## אדוני שאל את עבדיו לאמר היש לכם אב או אח... (מד. יט.)

צוליעב וואָס האָט עס יהודה געדאַרפט נאָכאַמאָל איבער׳חזר׳ן די אַלע ווערטער, וואָס יוסף האָט איהם געזאָגט?

דען יוסף איז אַרויס געגען זיי מיט אַ בעשולדיגונג: „מה המעשה הזה אשר עשיתם, הלא ידעתם כי נחש ינחש איש אשר כמוני״, אַז זיי האָבען צוגע׳גנב׳עט ביי איהם אַ ווערטפולען בעכער, מיט וועלכען ער פלעגט מאַ־כען כישוף און דערגעהן אַלע געהיימניסען... האָט איהם יהודה, אַלזאָ, אין זיין פערטיידיגונג, געוואָלט אויפווייזען, אַז נישט-נאָר, וואָס די גאַנצע מעשה מיט דער גנבה איז אַ בלבול, נאָר, אַז אויך די טענה וועגען דעם טייערען בעכער מיט זיין מכלומר׳שט געהיימניספולען כח, אַז אויך דאָס איז שקר-וכזב, וואָרום והא ראיה: „אדוני שאל את עבדיו לאמר היש לכם אב או אח״, דו האָסט אונז געפרעגט, צי מיר האָבען אַ פאָטער, אָדער אַ ברודער. איז אויב עס זאָל אַלזאָ אמת זיין, אַז מיט׳ן דאָזיגען בעכער קאָן מען אַלע סודות דערגעהן, טאָ נאָכוואָס האָסטו עס אונז געדאַרפט פרעגען, האָסט דאָך געקענט פרעגען דעם בעכער?...

(משנת דרבי אליעזר)

## והיה כראותו כי אין הנער ומת... (מד. לא.)

צו רבי מענדעלע קאָצקער איז אַמאָל געקומען איינער פון זיינע חסידים, אַן׳עלטערער איד, און זיך געקלאָגט פאַר איהם, אַז ער לעבט ל״ע אין דחקות, אַז זיינע קינדער, פאַר וועלכע ער האָט זיך אַזויפיעל מוסר-נפש געווען און וועלכע זענען אַלע בעלי-פרנסה, ווילען פון איהם נישט וויסען און האָבען אויף איהם קיין שום רחמנות נישט.

— וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי? — האָט איהם רבי מענדעלע דערויף געענטפערט — מיר געפינען דאָך עס אין דער תורה. בשעת יוסף האָט פערהאַלטען בנימינ׳ען, האָט יהודה זיך געבעטען ביי איהם און גע־טענה׳ט, אַז דער פאָטער יעקב וועט נישט קאָנען איבערטראָגען דעם צער. „והיה כראותו כי אין הנער — ומת״. פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט ער איהם

נישט געזאָגט, אַז בנימין האָט געלאָזען אין דער היים צעהן קינדער און אַז די אַלע צעהן קינדער קענען חלילה אויסגעהן פון צער, דערזעהענדיג, אַז דער טאַטע איז נישטאָ? איז דערפון, אַלזאָ, געדרונגען, אַז קינדער זענען זיך נישט אַזוי שטאַרק מצער אויף אַ טאַטען, ווי אַ טאַטע אויף אַ קינד...

(אהל מועד)

---

דער טעם — פלעגט זאָגען דער אָסטראָווצער רבי — פאַרוואָס אַ טאַטע האָט מעהר רחמנות אויף זיין קינד, ווי אַ קינד אויף זיין טאַטען, איז דערפאַר, מחמת אַלע דורות ציהען זיך דאָך ווי אַן'אונאויפהערליכע קייט פון אדם הראשון און די מידות פון די עלטערען געהען איבער בירושה פון דור צו דור. איז בנוגע די אַנדערע גוטע, מענשליכע מידות, צווישען זיי אויך די מידה פון רחמנות אויף קינדער, זענען זיי אַלע איינגעוואָרצעלט געוואָרען אינ'ם ערשטען מענש, אין אדם הראשונ'ען, און פון איהם זענען זיי איבערגעגאַנגען צו די ווייטערע דורות, דאַגעגען די מידה פון רחמנות צו עלטערען האָט נישט געקענט אין איהם איינגעוואָרצעלט ווערען וממילא האָבען מיר זי נישט געקענט פון איהם איבערנעהמען, מחמת אדם הראשון האָט דאָך קיין טאַטען נישט געהאַט...

(פרדס יוסף)

---

## ועתה אל תעצבו... (מה. ה.)

נאָר נישט אריינפאַלען אין עצבות. פון דער דאָזיגער מידה מגונה דאַרף זיך דער מענש אַממעהרסטען מרחק זיין... „כי אגיד עוני אדאג מחטאתי" אויך דער „אדאג" געהער צו די חטאים...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

---

די איינציגע דאגה — פלעגט זאָגען רבי מרדכי לעכעוויטשער — וואָס אַ מענש מעג דאגה'ן איז — פאַרוואָס ער דאגה'ט...

---

## והנה עיניכם רואות וכו' כי פי המדבר אליכם (מה. יב.)

„והנה עיניכם רואות", וועגען מיין גרויסקייט זאָלט איהר דערצעהלען דעם טאַטען דאָס, וואָס איהר זעהט מיט אייערע אויגען, מיר אַליין ווילט זיך וועגען דעם קיין סך נישט רעדען, דען „כי פי המדבר אליכם"

און עס איז אונאַנגענעהם פאַר אַ מענש זיך אַליין צו ריהמען — יהללך זר ולא פיך"...

(בינה לעתים)

---

„כי פי המדבר אליכם — בלשון הקודש" (רש"י)

יוסף — שרייבט דערויף רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — האָט מורא געהאַט, אַז בשעת יעקב וועט דערהערן, אַז זיין זוהן איז משנה למלך אין מצרים, וועט ער זיך אַוודאי טראַכטען מיט שרעק: ווער ווייסט, ווי ער האַלט שוין דאָרט, חלילה, מיט אידישקייט? האָט ער איהם דעריבער געלאָזט דורך די ברידער מודיע זיין: „כי פי המדבר אליכם — בלשון הקודש", מיין שפראַך איז ווייטער העברעאיש און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז איך האָב זיך פונ'ם אידישקייט חלילה נישט דערווייטערט...

און דערפון — פיהרט-אויס רבי יוסף שאול — דאַרף מען זיך אַרויסנעהמען אַ מוסר-השכל אויף אונזערע צייטען, ווען מען מיאוס'ט זיך בעוה"ר מיט דער לשון-קודש'ער שפראַך, כדי צו קענען גילטען אַלס „לועזיים". השם ירחם!...

---

„הייליקע אידען"! מיר שעמען זיך פאַר אייך, ווי אַזוי איהר האָט פערגעסען אייער הייליגע טייערע שפראַך, לשון-קודש, וועלכע דערנעהטערט די ישועה און די אויסלייזונג. בעוונותינו הרבים איז די לשון-קודש'דיגע שפראַך געוואָרען ביי אונז ווי אַ פערזעסענע כלה-מויד, אַ באַליידיגטע און פערוועלקטע, און עס גיט זיך קיינער די מיה נישט צו רעדען אויפ'ן דאָזיגען הייליגען לשון"...

(רבי יונתן אייבעשיץ אין יערות-דבש)

---

## והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים... (מה. יג.)

היתכן? יוסף זאָל זיך בעריהמען מיט אַזאַ מידה מגונה, ווי כבוד און שטאָלצירען דערמיט?

— נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חדושי הרי"ם — יוסף האָט געהייסען איבערגעבען דעם טאַטען, אַז ער האָט שוין ב"ה דערגרייכט צו יענער מדרגה, ווען ער האָט שוין קיין מורא נישט פאַר כבוד, מחמת ער ווערט שוין מעהר לגמרי דערפון נישט נתפעל...

---

## ואתנה לכם את טוב ארץ מצרים ואכלו את חלב הארץ... (מה. יח.)

אזוי רעדט מען שטענדיג צו די אידען, בעת זיי קומען זיך בעזעצען אין א נייע לאנד. אנדערש אבער רעדט מען צו זיי שפעטער, ווען זיי זיצען שוין דארט...

(ירושלמי פסחים)

---

## ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים נושאים מטוב מצרים... (מה. כג.)

„כזאת — כחשבון הזה" (רש"י)

דען פריהער פאר דעם שטעהט: „ולבנימין נתן שלש מאות כסף". סתם כסף אין דער תורה, זאגען די חז"ל, מיינט מען א דינר, און „ולאביו שלח כזאת" איז משמע, אז אויך די פראדוקטען, וואס ער האט געשיקט דעם פאטער, האבען געהאט דעם ווערט פון שלש מאות דינרים, און היות ווי פיער דינרים איז א סלע, הייסט עס, אז זיי האבען בעטראפען 75 סלעים. די דורכשניטלעכע משא — זאגען ווידער די חז"ל — פון א חמור איז א לתך, א לתך איז ט"ו סאין. די משא אלזא פון עשרה חמורים איז 150 סאין, און וויבאלד די 150 סאין האבען געהאט דעם ווערט פון 75 סלעים, הייסט עס, אז צוויי סאין האבען בעטראפען א סלע. יוסף האט אלזא דער־מיט מודיע געווען יעקב'ן, אז ער מעג קומען פון ארץ־ישראל קיין מצרים, דען דער דין איז (בבא בתרא צ"א), אז — אין „יוצאין מארץ לחוץ־לארץ אלא אם כן עמדו סאתים בסלע"...

(עדות ביוסף)

---

## אל תרגזו בדרך... (מה. כד.)

„אל תתעסקו בדבר הלכה" (רש"י)

פארוואס האט זיי יעקב בשעת זיי זענען געפאהרען אהינוועגס קיין מצרים, נישט אנגעזאגט דאס זעלבע „אל תתעסקו בדבר הלכה"?

ווייל אהין זענען זיי געפאהרען הונגעריגע, פול מיט צער און עצבות. און בשעת א מענש איז הונגעריג און מלא צער האט ער במילא נישט דעם קאפ צו לערנען ובפרט נאך צו קריגען זיך בדבר הלכה. צוריק אבער זענען זיי געפאהרען זאט, אויפגערוימט, אנגעלאדען „מטוב מצרים", מיט

„בר ולחם ומזון". און דאַמאָלס גלויבט זיך שוין צו פּלפּל'ען זיך און דערי-בער איז שוין נויטיג געווען צו וואָרענען זיי: „אַל תרגזו בדרך — אַל תתעסקו בדבר הלכה"...

(רבי צבי הירש אָרנשטיין)

## אָנכי ארד עמך מצרימה ואָנכי אעלך גם עלה (מו. ד.)

ס'איז דיר שווער דאָס געהן קיין מצרים, דו ווילסט נישט געהן אין גלות אַריין, אָבער נאָך שווערער וועט שפּעטער זיין דאָס אַרויסנעהמען דיך פון דאָרט. „ואנכי אעלך גם עלה", בגופאָלד ממש וועל איך דיך פון דאָרט אַרויסשלעפּען, דען מיט'ן אייגענעם רצון וועסטו נישט וועלען געהן...

(רבי יעקב, הרב מליסא)

## ואָנכי אעלך גם עלה ויוסף ישית ידו על עיניך (מו. ד.)

בשעת השי"ת האָט געזאָגט צו יעקב'ן „אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אַעלך גם עלה" איז יעקב אַריינגעפאַלען אין פאַרצווייפלונג: ווער ווייסט, צי נאָך אַזאַ ירידה וועט שוין מעגלעך זיין אַנ'עליה, אויב מען הויבט אָן זינ-קען, געהט מען שוין אַזוי גיך צוריק נישט אַרויף... דערויף האָט איהם השי"ת געטרייסט: „ויוסף ישית ידו על עינך", זאָל יוסף דיר שטעהן פאַר די אויגען אַלס ביישפּיעל, אַז מען דאַרף זיך נישט מייאש זיין. אויך ער, יוסף, איז אַראָבגעפאַלען צו דער סאַמע נידריגסטע מדרגה, עד הדיוטא התחתונה, צו דער לאַגע פון אַנ'עבד אין אַ מצריש הויז און דאָך איז ער מיט איינמאָל נתעלה געוואָרען צו דער העכסטער שטופע פון אַ מושל אין מצרים, און דאָסזעלבע וועט אויך זיין מיט'ן פאָלק ישראל...

(קול יהודה)

## ובני אָשר וכו' ושרח אַחותם... (מו. יז.)

אינ'ם בעקאַנטען וכוח, וואָס דער רמב"ן האָט געהאַט מיט'ן דאָמיני-קאַנער פּאַבלא כריסטיאַני וועגען משיח'ן, האָט דער דאָמיניקאַנער ציטירט אַ כלומר'שטען מדרש-אַגדה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז זיבעבן וועלען זיצען אין גן-עדן אויבענאָן: שרח בת אשר, בתיה בת פרעה און „משיח שפירש את עצמו מעבודה זרה" וכו' און עס איז קלאָר, אַז דערמיט ווערט געמיינט דער קריסטליכער משיח.

דער רמב״ן האט איהם דערויף געענטפערט, אז די ציטאטע איז א פאלשע, עס איז נישטא גאר אזא מדרש, און דערצו איז ער זעהר בארייש אויסגעטראכט, אוועקזעצענדיג משיח׳ן צווישען צוויי פרויען...

---

## ויבך על צואריו עוד... (מו. כט.)

„אבל יעקב לא נפל על צוארי יוסף וכו׳ שהיה קורא את שמע״ (רש״י)

דער „ישועות יעקב״ האט אמאל געפרעגט דעם ראפשיצער רבי׳ן, רבי נפתלי׳ן, פארוואס חסידים זענען עובר אויף זמן קריאת-שמע. האט איהם דער ראפשיצער דערויף געענטפערט:

דער חלוק פון חסידים ביז מתנגדים איז, וואס מתנגדים זענען מדקדק אויפ׳ן „זמן״ פון קריאת-שמע, און חסידים—אויף דער ווארימקייט פון קריאת-שמע, אויפ׳ן „ואהבת״...

---

## ואמרתם אנשי מקנה היו עבדיך וכו׳ כי תועבת מצרים כל רועי צאן... (מו. לד.)

וויבאלד עס איז „תועבת מצרים כל רועה צאן״, אויב די מצריים האבען דאס אזוי פיינט, טא נאכוואס האט ער זיי געהייסען זאגען: „אנשי מקנה היו עבדיך״?

נאר יוסף האט מורא געהאט, אז אויב די בני ישראל וועלען וואוינען צווישען די מצריים, וועלען זיי זיך מיט דער צייט מיט זיי אסימילירען און אויסמישען, און ער האט דעריבער געוואלט, אז זיי זאלען זיך בעזעצען אויף א גאנץ אבגעזונדערטען שטח, און כדי פרעה זאל דערצו מסכים זיין, האט ער זיי אנגעזאגט: „ואמרתם אנשי מקנה היו עבדיך וכו׳״ איהר זאלט איהם דערצעהלען, אז איהר פערנעהמט זיך מיט האדעווען פיה, „בעבור תשבו בארץ גושן״, און אזוי ארום וועט איהר באקומען א בעזונדערען ארט צום וואוינען, אין ארץ-גושן, „כי תועבת מצרים כל רועה צאן״, ווארום זיי קענען נישט פארטראגען די, וואס באשעפטיגען זיך דערמיט, און זיי אליין וועלען אלזא נישט וועלען, איהר זאלט וואוינען מיט זיי צוזאמען...

(בינה במקרא)

---

## רק אדמת הכהנים לא קנה... (מז. כב.)

יעדע העצע געגען אידען ווערט עפ״י רוב אָנגעפיהרט דורך די גייסט-ליכע, די כהנים, וועלכע האָבען די שטאַרקסטע השפעה אויפ׳ן המון. יוסף האָט דעריבער אויסגעמיטען נישט צו טשעפען מיט זיי, צו לעבען מיט די כהנים בשלום, מחמת, אַז זיי וועלען זיין צופרידענגעשטעלט אין זייערע פערזענליכע מאַטעריעלע אינטערעסען, וועלען זיי זיך דאַן אָבהאַלטען און נישט רייצען דעם המון געגען די אידען...

(קהלת יצחק)

# וַיְחִי

## ויחי יעקב בארץ מצרים... (מז. כח.)

„למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרות השעבוד" (רש"י)

פיעל ערגער פונ'ם שעבוד גופא איז דער „נסתמו עיניהם ולבם", דאָס וואָס די אידישע אויגען און הערצער ווערען פערשטאָפּט, דאָס וואָס מען הערט אויף צו זעהען און צו פיהלען, צוגעוועהנענדיג זיך צום דאָזיגען מצב און שפל'דיגען אָרט לעבען...

(שמועות טובות)

---

„דבר אחר שבקש לגלות את הקץ לבניו" (רש"י)

און דערפאַר, ווייל „בקש לגלות את הקץ", האָט ער דעריבער געפונען פאַר נויטיג צו מוסר'ן די קינדער און אויסצורעכענען זייערע חטאים, דען אַזוי זאָגען אונז די חז"ל: „הראשונים שנתגלה צונם נתגלה קצם, אחרונים שלא נתגלה צונם לא נתגלה קצם". אום פאָרצובערייטען דעם דור צו דער גאולה מוז מען איהם פריהער אָנווייזען אויף זיינע חטאים און פעהלערען, נישט זיי צו פערשווייגען און צו פערגלעטען, ווי עס פיהרט זיך, ליידער, בעוונתינו הרבים...

(תולדות יעקב)

---

„ויחי יעקב. למה פרשה זו סתומה — שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו" (רש"י)

בשעת דער מלבי"ם האָט אין זיין פירוש אויף דניאל אָנגעוויזען אין די לעצטע פסוקים וועגען דעם זמן, אין וועלכען מיר האָבען זיך צו ריכטען אויפ'ן קץ, פעסטשטעלענדיג זאָגאַר די גענויע צייט און די יאָהרען, ווען די גאולה וועט זיך אָנהויבען, האָט ער דאַן ערהאַלטען אַ רייה בריף פון פערשידענע רבנים, וועלכע האָבען איהם געמאַכט פאָרוואורף, הלמאַי ער

האָט זיך ערלויבט אויף אזא זאַך, ווערענד די חז״ל האָבען וועגען דעם שטרענג געוואָרענט, אויסרופענדיג: „תיפח רוחן של מחשבי קיצין!״

דערויף האָט זיי דער מלב״ים געענטפערט מיט אַ משל:

אַ סוחרישער איד פון פוילען איז אַמאָל, פערצייטענס, געפאָהרען קיין לייפציג און ער האָט מיטגענומען זיין קינד, אַ יונג אינגעל, מיט זיך. קיין באַהן איז נאָך אין יענע יאָהרען נישט געווען און די נסיעה האָט מען געדארפט דורכמאַכען אין אַ געוועהנליכע בויד, מיט וועלכער מען האָט זיך אָפט געשלעפט עטליכע וואָכען, אָבשטעלענדיג זיך רוהען אין אַלע שטעדטלעך און קרעטשמעס. אַזאַ נסיעה האָט זיך גערעכענט אַלס וויכטיג געשעהעניש, צו וועלכען עס האָבען זיך געפאָדערט גאָר גרויסע און לאַנגע הכנות. עפּיס אַ קלייניגקייט, אַזאַ רייזע, אַזאַ וועג!... נאָכ'ן איינזעצען זיך ענדליך אין דער בויד, צו וועלכער די גאַנצע משפחה איז געקומען בעגלייטען, און נאָכדעם ווי מען האָט שוין בעוויזען אָבצופאָהרען עטליכע וויאָרסט פון דער שטאָדט, ווענדעט זיך דאָס אינגעל צום פאָטער און פרעגט: טאַטע, ס'איז נאָך וויט קיין לייפציג? אָנשטאָט צו ענטפערען איהם האָט איהם דער פאָטער אָבגעמאָסטען מיט אַ שאַרפען חוזק-בליק, פון וואָס דאָס אינגעל האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז ער האָט זיך מיט דער דאָזיגער שאלה עפּעס גאָר שטאַרק בענאַרישט און מעהר האָט ער שוין במשך פונ'ם גאַנצען וועג נישט געוואַגט צו שטעלען דעם טאַטען די דאָזיגע פראַגע... אַזוי האָט מען זיך געשלעפט עטליכע וואָכען שטאָדט-איין, שטאָדט-אויס, קרעטשמע-איין, קרעטשמע-אויס, ביז איינמאָל דערהערט פלוצים דאָס אינגעל, ווי דער פאָטער ווענדעט זיך צום בעל-עגלה און פרעגט איהם: פעטער, ס'איז נאָך וויט קיין לייפציג? דאָ ווערט שוין דאָס אינגעל אויסער זיך און ער שטעלט דעם טאַטען אַ האַרבע שאלה: פאַרוואָס, מאַכט ער, בשעת איך האָב דיך געפרעגט, צי עס איז נאָך וויט קיין לייפציג, האָסטו אויף מיר געגעבען אַזאַ קוק, גלייך ווי איך וואָלט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט דער גרעסטער נאַרישקייט, ולסוף פרעגסטו גאָר אַליין דיזעלבע שאלה?... כ'וועל דיר זאָגען, מיין קינד, — ענטפערט איהם דער פאָטער — די שאלה איז טאַקי דיזעלבע, אָבער עס ווענדעט זיך, ווען מען פרעגט זי. דו האָסט עס געפרעגט אין סאַמע אָנהויב, ווען מיר האָבען זיך נור-וואָס געהאַט אַריינגעזעצט אין דער בויד, נור-וואָס אָנגעהויבען צו פאָהרען, שטעלענדיג קוים די ערשטע טריט צו דער אַזוי לאַנגע, ווייטע און געפעהרליכע נסיעה פון הונדערטער מיילען, אַוועקצושטעלען זיך באַלד אין אָנהויב און פרעגען, ווי ווייט עס איז, איז טאַקי זעהר נאַריש און קינדעריש... איצט אָבער האַלטען מיר שוין ב״ה ביים סאַמע סוף, עס איז נור אַ פראַגע העכסטענס פון עטליכע וויאָרסט, און מען קאָן שוין דעריבער גאַנץ דרייסט פרעגען, ווי ווייט עס איז נאָך קיין לייפציג.

דאָס זעלבע — האָט אויסגעפיהרט דער מלבי״ם — איז אויך מיט׳ן קץ, מיט׳ן זמן-הגאולה. בשעת מיר זענען אַוועק אין גלות אַריין האָבען די הייליגע חכמים אונזערע פאָראויסגעזעהען, אַז עס שטעהט אונז פאָר אַ זעהר לאַנגער און מורא׳דיגער וועג, אַ וועג, וואָס די נסיעה איבער איהר וועט דויערן טויזענדער יאָהרען, אַ וועג, וואָס וועט זיין פול מיט די שוידערליכסטע נסיונות און שרעקליכסטע ליידען. זיי האָבען אַלזאָ איינגעזעהן, אַז אויב מען וועט מגלה זיין פאַר׳ן פאָלק דעם טרויעריגען אמת, ווי מורא׳דיג-לאַנג דער דאָזיגער וועג וועט זיך ציהען און אַז דער קץ וועט ערשט קומען אין טויזענדער יאָהרען אַרום, וועט אַלעמען אַרומנעהמען אַ שרעקליכע פערצווייפלונג. עס וועט אָבגעשטעלט ווערען יעדע טעטיגקייט ביי אידען און עס וועלען אויסגעלאָשען ווערען אַלע האָפנונגען, וואָרום ווער איז עס אימשטאַנד צו אַזאַ אונענדליכען וועג דורכצומאַכען און ווער האָט עס כח אַזוי לאַנג צו וואַרטען? און זיי האָבען דעריבער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל: „תיפח רוחן של מחשבי קיצין!״ עס זאָל זיך קיינער נישט דערוועגען אויסצוזאָגען, ווי ווייט עס איז. מען טאָר נישט מגלה זיין!... איצט אָבער, ווען אַלע סימנים ווייזען דערויף, אַז מיר האַלטען שוין ב״ה ביים סאַמע סוף, מעג מען שוין ענדליך אָנווייזען דעם זמן און אויסזאָגען דעם סוד, „ווי ווייט עס איז קיין לייפציג״...

(געהערט פון מלבים׳ס אַ תלמיד)

---

## וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים וכו׳ (מח. יד.)

די קרעפטיגסטע אברים פון מענשליכען אָרגאַניזם זענען אויף רעכטס, אויך דער מח איז בעיקר קאָנצענטרירט אויף רעכטס. די לינקע אברים זענען שוואַכערע, דערפאַר אָבער געפינט זיך אויף דער לינקער זייט — דאָס האַרץ.

און אַזוי איז אויך דער געבוי פון אונזער געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם: די בעלי-מח, די עלטערע, די מיושב׳דיגע, געהערען צום רעכטען, קאָנסערוואַטיווען לאַגער. זיי רעכענען זיך מעהר מיט׳ן קאַלטען פערשטאַנד, ניט מיט׳ן וואַרימען געפיהל. דאַגעגען די בעלי-רגש, די יונגע, די סענטימענטאַלע, ציהען אויף לינקס — צום האַרץ, ביי זיי איז דאָס געפיהל שטאַרקער ווי דער שכל.

עס וואָלט אָבער זעהר און זעהר געוואונשען געווען, אַז ביידע לאַגערען זאָלען עטוואָס נאָכגעבען: די עלטערע זאָלען זיך אַ ביסעל דערנעהנטערען צו לינקס, צום האַרץ, און די יונגערע זאָלען פון זייער זייט אויך

נוטה זיין אַ ביסעל צו רעכטס, צום קיהלען שכל, צום מח. דאָס איז אָפּנים אויך געווען דער ווונש פון אונזער טאַטען יעקב און, אַלס סימבאָל, האָט ער דעריבער אויפ׳ן עלטערען, אויף מנשה׳ן, אַרויפגעלעגט די לינקע האַנד, און אויפ׳ן יונגערען, אויף אפרים׳ען, די רעכטע האַנד...

(הרב י. ל. הכהן פישמאַן)

## ויברך את יוסף ויאמר וכו׳ המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים... (מח. טז.)

דער פסוק הויבט אָן מיט „ויברך את יוסף״, ולסוף האָט ער נור געבענטשט די קינדער: „יברך את הנערים״, און וואו איז די ברכה פאַר יוסף׳ן גופא?

נאָר דער „יברך את הנערים״, דאָס איז די ברכה פאַר יוסף׳ן. די בעסטע ברכה פאַר אַ מענש איז, אַז ער זאָל האָבען גוטע, געראָטענע קינדער.

(זוהר)

## ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק... (מח. טז.)

יעקב אָבינו האָט זיך געשראָקען, אַז דער נייער דור, די אייניקלעך, איבערהויפט יוסף׳ס קינדער, וועלכע זענען שוין געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין רייכטום און פערקעהרט אין קעניגליכען הויף, זאָלען זיך חלילה נישט אַסימילירען מיט די מצר׳ישע שכנים, און ער האָט זיי דעריבער געוואָרענט און אָנגעזאָגט: „ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק״, אַז זיי זאָלען היטען קודם-כל נישט צו ענדערן די נעמען, צו רופען זיך מיט די זעלבע אידישע נעמען, וואָס זייערע עלטערן: „אברהם, יצחק וכו׳״, וואָרום דער ערשטער שריט צו אַסימילאַציע איז דאָס איבערדרעהען דעם נאָמען...

(אמרי חן)

## האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים... (מט. א.)

דער ערשטער גלות, דער גלות מצרים, איז ענטשטאַנען צוליב שנאָה, צוליב דער שנאַת-אַחים פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער, און אויך דער לעצטער גלות, נאָכ׳ן חורבן בית-המקדש, איז ענטשטאַנען צוליעב שנאָה, צוליעב

שנאת-חנם. יעקב אָבינו האָט זיי אַלזאָ מזהיר געווען: „האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים", זייט וויסען, אַז פונ'ם „האספו", פון אייער אחדות און צוזאַמענלעבונג וועלען זיין אָבהענגיג די פּאַסירונגען און די געשעהענישען פון אַחרית הימים...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## ראובן בכורי אתה... (מט. ג.)

אַ בכור, וועלכער איז בלויז אַ בכור פון דער מוטער און נישט פון פאָטער, ווערט אין דער גמרא (בבא בתרא קכ"ו) אָנגערופען „בכור שוטה".

פאַרוואָס קומט עפּעס אַזעלכען דער נאָמען „שוטה"? פון וואַנען נעהמט זיך עס?

ווייל לויט'ן דין טראָגט אַזאַ איינער אויף זיך בלויז די פליכטען פון אַ בכור, אָבער אָהן די זכיות'ן; בנוגע צו פדיון-הבן, צו געבען פאַר איהם דעם כהן פינף סלעים — דערויף איז ער אַ בכור, דאַגעגען אָבער צו נעה־מען פי שנים, צוויי חלקים ירושה — דערויף איז ער שוין נישט קיין בכור. און דעריבער, ווייל ער גיט בלויז און נעהמט נישט, איז ער אַ שוטה...

(רבי יעקב עמדין אין הגהות יעב"ץ)

---

## אָרור אפּם כי עז... (מט. ז.)

שמעון ולוי — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — זענען געווען קנאים לשם-מצוה, זיי האָבען זיך נישט געשלאָגען חלילה גלאָט אין דער וועלט אַריין, נאָר אָנגענומען זיך פאַר דינה'ן, אויסען געווען מיט זייערע מעשים לשם-שמים און פונדעסטוועגען האָט יעקב אָבינו געשאָלטען זייער קנאות און אויסגערופען: „אָרור אפם כי עז!"... כעס און קנאות דאַרף מען ווי-ווייט מעגליך אויסמיידען, אַפילו ווען מען האָט דערביי די בעסטע כונות...

---

## לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו (מט. י.)

יהודה וועט פערזאָרגען די וועלט מיט מחוקקים, מיט געזעץ-געבער, וועג-ווייזער, קולטור-טרעגער, ליכט-פערשפרייטער, און אַלס בעלויהנונג פאַר דעם אַלעם וועט זיין — „לא יסור שבט מיהודה", וועט פון איהם נישט

אָבגעטהון ווערען די רוט, מיט וועלכער מען וועט איהם שמייסען און פיי-ניגען אָהן אויפהער, אָהן רחמנות...

(קול יהודה)

---

דער סצעפּטער, די קרוין פון מלכות-המשיח איז נישט בעזייטיגט גע-וואָרען, זי ליגט צו יעדע מינוט גרייט. „מיום שחרב בית-המקדש נולד משיח״. ער איז יעדען טאָג גרייט צו קומען, בלויז אין אונז איז די מניעה, בלויז אין אונזערע מעשים איז עס געווענדעט...

(שבט מוסר)

---

א געוויסער רוסישער געלעהרטער און גרויסער שונא-ישראל האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט רבי נחומ׳קע גראָדנער איהם געפרעגט: עס שטעהט אין אייער תורה „לא יסור שבט מיהודה וכו׳ עד כי יבא שילה״, אַז ביז משיח, הייסט עס, וועט קומען, וועלען אידען נישט פערלירען זייער מאַכט. איז עס נישט קיין איראָניע? וואו האָבען אידען היינט אַ מאַכט? אַפילו קיין סטרוזשעס טאָרט איהר דאָך נישט זיין?

— דער פשט פונם דאָזיגען פסוק — האָט איהם רבי נחומ׳קע דערויף געענטפערט — איז גאַנץ אַנדערש. די עשרת השבטים זענען ביים בית-ראשון פערטריבען געוואָרען אין גלות אַריין, ווייסט קיין שום איד נישט מעהר פון וועלכען שבט ער קומט אַרויס, דען „בא סנחריב — זאָגען אונז די חז״ל — ובלבל את כל העולם״. פון דאַמאָלס אָן האָבען מיר זיך אַלע אָנגעהויבען רופען „יהודים״, אויפ׳ן נאָמען פון שבט יהודה, וועלכער איז, מיט אַ קורצע הפסקה פון גלות-בבל, פערבליבען נאָך הונדערטער יאָהרען אין לאַנד. ערשט ווען משיח וועט קומען וועט יעדער איינער פון אונז אָנהויבען צו קאָנט-ראָלירען זיין יחוס, פון וועלכען שבט ער שטאַמט.

און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „לא יסור שבט מיהודה וכו׳ עד כי יבא שילה״, אַז ביז משיח וועט קומען, וועלען מיר זיך אַלע רעכענען אויפ׳ן שבט יהודה און זיך רופען מיט׳ן נאָמען „יהודים״...

בעמערקונג פון זאמלער:

עהנליכעס געפינען מיר אויך אין מדרש: „יהודה אתה יודוך אחיך. אמר רשב״י יהיו כל אחיך נקראים על שמך, אין אדם אומר ראובני אנא, שמעוני אנא, אלא „יהודי אנא וכו׳״...

(ב״ר פצ״ח)

---

## עד כי יבא שילה... (מט. י.)

„שילה — מלך המשיח" (רש"י)

דער בילגורייער רב, רבי שמואל אלי' שווערדשאַרף, איז אַמאָל געזעסען אין אַ געזעלשאַפט, צווישען וועלכער עס האָבען זיך געפונען עטליכע „היינטיגע יונגעלייט", אַפּיקורסים, וועלכע האָבען, ווי צו־להכעיס דעם רב, גענומען זיך וויצלען און אָב׳חוזק׳ן פון אמונת־המשיח.

רבי שמואל אלי' האָט זיך רוהיג צוגעהערט און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום עולם און זיי דערצעהלט אַ מעשה:

אַ פוקס האָט דערזעהען אין וואַלד אַ פויגעל זיצען אויף אַ בוים, רופט ער דעם פויגעל, ער זאָל אַראָבגעהן צו איהם, אָבער דער פויגעל לאָזט זיך נישט איבעררייידען.

— איך פערשטעה דאָך — מאַכט ער — נאָכוואָס דו דאַרפסט מיך, ביזט אַודאַי נעביך הונגעריג און עס שמעקט דיר מיין פלייש...

— חלילה! — ענטפערט דער פוקס מיט אַ פרומע מינע — האָסטו דען נישט געהערט דאָס גרויסע נייעס? משיח איז דאָך שוין געקומען, עס איז שוין מקוים געוואָרען „וגר זאב עם כבש", איין בעשעפעניש דעם צווייטען טהוט מעהר קיין שלעכטס נישט און דו האָסט דעריבער נישט וואָס מורא צו האָבען...

בינו לבינו, אַזוי ווי זיי פיהרען צווישען זיךביידע דעם שמועס, דערהערט זיך אין וואַלד אַ קול פון טראָמפּייטען און אַ בילעריי פון הינט.

— וואָס איז דאָס דאָרט? — פרעגט דער פוקס דעם פויגעל — דו, שטעהענדיג אויפ׳ן בוים, זעהסטו דאָך פון ווייטען.

— עט, ס׳איז גאָרנישט — ענטפערט דער פויגעל — יעגער געהען מיט הינט...

— טאַקי? — דערשרעקט זיך דער פוקס און גרייט זיך צו מאַכען ויברח.

— וואָס אַנטלויפסטו, וואָס? — פרעגט איהם דער פויגעל — משיח איז דאָך שוין געקומען, עס איז דאָך שוין מקוים געוואָרען „וגר זאב עם כבש", איין בעשעפעניש דעם צווייטען טהוט מעהר קיין שלעכטס נישט, טאָ וואָס האָסטו מורא, וואָס?

— יאָ — ענטפערט דער פוקס און מאַכט פיס — די צרה איז אָבער, וואָס די הינט, פערשטעהסט איהר מיך, די הינט גלויבען נישט אין ביאת־המשיח...

## יהי דן נחש עלי דרך... (מט. יז.)

אויך די חז״ל גלייכען דעם תלמיד-חכם צו א נחש. „כל ת״ח שאינו נוקם ונוטר כנחש וכו׳״.

דען דער נחש דארף צו קיינעם נישט אנקומען, זיין שפייז און פרנסה איז ערד און ער איז דעריבער פון קיינעם נישט אבהענגיג. אויך דער תלמיד-חכם דארף אין זיין האנדלונג נישט זיין אבהענגיג פון קיינעם. זיין ראליע אלס קנאי, אלס „נוקם ונוטר״, ווי בכלל אלע מעשים זיינע דארפען שטאמען פון ריינער אינערליכער איבערצייגונג, אהן זייטיגע פניות, נישט בכדי צו געפעלען און כדי יוצא צו זיין פאר ווענען עס איז...

(רבי יוסף נאטאנזאהן)

---

## וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם... (מט. כח.)

„יכול שלא ברך לראובן שמעון ולוי ת״ל ויברך אותם, כלם במשמע״ (רש״י)

דערויף בעמערקט דער שפתי-חכמים: „לא מצאתי זה בשום מדרש״.

באמת אבער איז עס א בפירושער מדרש אין מ״ד נשא פרשה י״ג: „א״ר אלעזר אעפ״י שבירך את השבטים האחרונים וקנתר לראשונים, אלא חזר ובירכם, שנאמר כל אלה שבטי ישראל שנים עשר וגו׳״...

(זאב בערענס)

---

## ויספדו שם מספד גדול וכבד מאד... (נ. י.)

„מספד גדול וכבד. תני, אפילו סוסים ואפילו חמורים״ (סוטה י״ג)

עס ווערט וואהרשיינליך געמיינט דערמיט גאנץ איינפאך, אז אלס צייכען פון אלגעמיינעם טרויער זענען אינ׳ם דאזיגען טאג אויך די סוסים והמורים געווען געהילט אין טרויער-צייכענס.

(תורה תמימה)

---

# ספר שמות

# שְׁמוֹת

## ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה... (א. א.)

עס שטעהט נישט „אשר באו", נאָר „הבאים", אַ לשון הוה; זיי האָבען די גאַנצע צייט געהאַט דאָס געפיהל, ווי זיי וואָלטען ערשט נור-וואָס געקומען אַהער, אַז זיי געפינען זיך דאָ נור לפי-שעה, צייטווייליג, אַז נישט דאָס איז זייער לאַנד און נישט דאָ איז זייער היים...

(אהל יהושע)

---

## וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד... (א. ז.)

„וישרצו, שהיו יולדות ששה בכרס אחד" (רש"י)

אַזוי פיעל קינדער אין אַזאַ ביטערער צייט?

נאָר דערפאַר טאַקי ווערט גלייך דערויף צוגעגעבען: „ויעצמו במאד מאד", דען „מאד — זאָגען די חז"ל — זה ממון", און אַזוי זאָגט אויך אויף די דאָזיגע ווערטער דער כלי-יקר: „שנעשו עשירים גם בממון", און אויב עשירים, האָבען זיי זיך שוין געמעגט ערלויבען צו האָבען אַ סך קינדער...

(הרב שמעון בצלאל נייטאַן)

---

## ויבן ערי מסכנות לפרעה... (א. יא.)

„ערי מסכנות", שטעדט פון אָרימקייט (פון לשון „חכמת המסכן בזויה")... דען אַ ווירטשאַפט, וואָס ווערט געבויט אויף מסים און שטייערען, אויף די לעצטע גראָשענס, וואָס ווערען אויסגעפרעסט פון די בירגער, פון אַזאַ ווירטשאַפט ווערט אַ לאַנד נישט אויפגעבויט, נאָר נאָכמעהר פעראָרימט...

(עוללות אפרים)

## וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ... (א. יב.)

ווייל מען האט זיי געפייניגט, האבען זיי זיך געפרוכפערט און גע-מעהרט און עס איז פון זיי אויסגעוואקסען א גרויס אידיש פאלק. וואלט זיי אבער פרעה נישט געפייניגט און נישט גע׳רודפ׳ט, דאן — דאן וואלטען זיי זיך אסימילירט און עס וואלט פון זיי אויסגעוואקסען א גרויס עגיפטיש פאלק...

(ר׳ שלמה קלוגער)

---

## וכאשר יענו אותו כן ירבה...

„רוח הקודש אומרת כן, אתם אומרים פו ירבה ואני אומר כן ירבה״ (רש״י)

„אתם אומרים פן ירבה״, איהר, אידישע שונאים, רעכענט דאך אודאי, אז מיט אייערע גזרות, מיט אייער פערביטערען די אידען דאס לעבען, וועט זיך ביי זיי מעהרען דער „פן״, דער טאמער, די ספקות און די פער-צווייפלונג: פיללייכט איז גארנישט כדאי אזוי פיעל צו ליידען צוליעב׳ן אידישקייט, פיללייכט איז ווירקליך פאר אונז מעהר קיין שום האפנונג נישטא. פיללייכט האבען באמת רעכט אונזערע שונאים, וועלכע זאגען, אז מיר זענען פערשאלטען פון גאט און ער וויל, חלילה, מעהר נישט וויסען פון אונז, וכדומה אזעלכע טרויעריגע פערצווייפלונגס-געדאנקען, וועלכע זאלען, ווי איהר האפט, סוף כל סוף דערפיהרען דערצו, אז די אידען זאלען זיך מוזען אונטערגעבען, רעזיגנירען, און אבזאגען זיך פון צו זיין אידען — האט איהר א ביטערען טעות! „ואני אומר כן ירבה״, איך פערזיכער אייך, אז דערמיט דערפיהרט איהר צו פונקט פערקעהרטע רעזולטאטען. אז וואס מעהר איהר פייניגט די אידען, אלץ מעהרער ווערט ביי זיי דער „כן״, די זיכערקייט, דער שטאלץ און דער גלויבען אין זיך, אלץ שטארקער דערוועקט עס אין זיי דאס געפיהל פון טראציגקייט און פון ווידערשטאנד, פון נישט נאכגעבען און אויסהאלטען פאר יעדען פרייז, אויסהאלטען „להכעיס אונזערע שונאים״. ווייל איהר, שלעגער, זאגט „לא״, זאגען מיר, די געשלאגענע, דוקא — „כן״!..

(רבי מרדכי עליאשבערג)

---

## אם בן הוא והמתן אותו... (א. טז.)

ארורים הן הרשעים, פערשאלטען זאלען זיין די רשעים, וועלכע פליי-סען זיך איינער דעם צווייטען איבערצושטייגען אין זייערע גזירות אויף אידען. קין האט גע׳הרג׳עט זיין ברודער, איז געקומען עשו און האט גע-זאגט: א שוטה איז קין געווען, וועלכער האט גע׳הרג׳עט דעם ברודער

זיינעם ביי׳ם פאָטערס לעבען. האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז דער פאָטער קאָן נאָכהער אַנדערע קינדער געבוירען און פרישע הבל׳ס ברענגען אויף דער וועלט? איך וועל אַנדערש טהון, איך וועל וואַרטען, אַז עס וועלען שוין נישט קענען מעהר געבוירען ווערען קיין אַנדערע ברידער אויף יעקב׳ס אָרט. „יקרבו ימי אבל אבי״ און ערשט דאַן — „ואהרגה את יעקב אחי״... איז געקומען פרעה דער רשע און האָט געזאָגט: אַ שוטה איז געווען עשו. האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז ביז יצחק וועט שטאַרבען קאָן דערווייל יעקב זיך פרוכפּערען און מעהרען און איבערלאָזען נאָך זיך אַ דור מיט אַ סך יעקב׳לעך? איך וועל אַנדערש טהון, איך וועל נישט וואַרטען, ביז זיי וועלען אויפוואַקסען, נאָר אין דער מאַמעס בויך נאָך וועל איך זיי אומברענגען. „אם בן הוא והמתן אותו!״... איז געקומען המן דער ממזר און האָט געזאָגט: אַ שוטה איז געווען פרעה, וועלכער האָט אויסגערופען: „וכל הבת תחיון״. האָט ער דען נישט געוואוסט, אַז די טעכטער קענען חתונה האָבען מיט מענער און זיך פרוכפּערען און מעהרען און אַ פרישׁ פאָלק ישראל אויפשטעלען? איך וועל נישט טהון אַזוי, נאָר — „טף ונשים ביום אחד״. לעתיד־לבוא וועט קומען גוג ומגוג און וועט זאָגען: שוטים זיינען זיי אַלע געווען, וועלכע האָבען געפיהרט דעם קאַמף בלויז געגען ישראל, האָבען זיי דען נישט געוואוסט, אַז די בני־ישראל האָבען אַ גאָט אין הימעל און כל־זמן דער אידישער גאָט וועט עקזיסטירען, וועלען אויך די אידען עקזיסטירען? איך וועל אַנדערש טהון. דעם קאַמף וועל איך קודם כל געגען זייער גאָט פערפיהרען. „התיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד, על ד׳ ועל משיחו!״... אָבער — „יושב בשמים ישחק, ד׳ ילעג למו״...

(מדרש הגדול)

---

## ויצו פרעה לכל עמו לאמר, כל הבן הילוד היאורה תשליכהו... (א. כב.)

ווי עס איז צו זעהען פון דאָזיגען פסוק, איז די גזירה מכּלומרשט אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען גאַנצען פאָלק, נאָר אויסגעפיהרט האָט מען זי — געגען אידען...

(שב שמעתתא, אין דער הקדמה)

---

## וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי... (ב. א.)

דערויף פרעגט די גמרא (סוטה י״ב): „אפשר בת מאה ושלשים שנה הוית וקרא לה בת״?

איז אייגענטליך, וואָס איז דאָ די קשיא. צי דערפאַר, ווייל זי איז אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָהר, הערט זי שוין דערמיט אויף צו זיין בת-לוי?

נאָר באמת איז די פראַגע פון די חז״ל דאָ אַ גאַנץ אַנדערע, דען אויף די נעמען, למשל, פון „בן בג בג״, „בן הא הא״, איין אָבות, ווערט ערקלערט (און אַזוי זאָגט דאָרט דער תוספות יום-טוב), אַז ווייל זיי זענען נאָך געווען זעהר יונג און אונבעקאַנט, האָט מען זיי דעריבער נישט גערופען מיט זייערע אייגענע נעמען, נאָר אויף די נעמען פון זייערע פאָטערס, וועלכע זענען געווען מפורסם. און דאָס אַלזאָ איז די פראַגע: אפשר בת מאה ושלשים שנה הוית וקרא לה בת״? יוכבד איז דאָך שוין אַלט געווען הונדערט און דרייסיג יאָהר, טאָ פאַרוואָס רופט אָן דער פסוק בלויז דעם נאָמען פון איהר פאָטער, „בת לוי״ און נישט איהר אייגענעם נאָמען?...

(רבי אברהם זאַלקאָווער)

---

„אפשר בת מאה ושלשים שנה הוית וקרא לה בת? — שנולדו בה סימני נערות״ (סוטה י״ב)

לויט'ן זוהר אָבער פון דער היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט געזאָגט דערויף: „הכי אוליפנא, דאיתתא עד דלא אזדוונת נקראת בת פלוני ובתר דאזדוונת נקראת אשת פלוני״ — ווערט שוין ממילא די גמרא'ס קשיא פערענטפערט...

(תורה תמימה)

---

## ותראהו את הילד והנה נער בוכה... (ב. ו.)

„ותראהו״... דאָס אידישע געוויין דאַרף מען נישט הערען, דאָס אידישע געוויין זעהט מען; עס ליעגט אויף די פנים'ער...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

---

## ותקרא שמו משה וכו׳ כי מן המים משיתהו... (ב. י.)

לויט די חז״ל האָט משה רבינו געהאַט צעהן נעמען: איין נאָמען, וועלכען די עלטערען האָבען איהם געגעבען; איין נאָמען, מיט וועלכען השי״ת האָט איהם גערופען; איין נאָמען, מיט וועלכען עס האָבען איהם גערופען די בני-ישראל וכו׳, און דאָך, פון אַלע צעהן נעמען, ווערט די תורה אָנגערופען „תורת משה״, אויפ'ן נאָמען, וואָס ער האָט בעקומען פון אַ גויה, פון בת-פרעה, ווייל דער דאָזיגער נאָמען איז מרמז אויף רחמנות

און גוטהאַרציגקייט — „כי מן המים משיתהו", און דאָס איז דער עיקר, דער יסוד פון דער תורה...

(רבי מרדכי באַנעט)

## ויגדל משה ויצא אל אחיו... (ב. יא.)

„ויגדל משה, נתגדל שלא כדרך העולם" (מדרש)

„שלא כדרך העולם", דען עס איז נישט לויט'ן דרך-העולם, אַז אַ אידיש קינד, וואָס ווערט אַזאַ נאָהנטער מקורב למלכות, אַ בן-בית אין קייזערליכען הויף, זאָל זיך פלוצים געהן פערנעהמען מיט אַזעלכע זאַכען און זיך אינטערעסירען בצרות אחיו...

(ילקוט הדרוש)

## ויאמר אָכן נודע הדבר... (ב. יד.)

בשעת משה איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער און ער האָט געזעהען, אַז „איש מצרי מכה איש עברי מאחיו", אַז אַ מצרי שלאָגט אַן'עברי און „ויפן כה וכה וירא כי אין איש", אַרום און אַרום שטעהען אידען און קיינער פון זיי נעהמט זיך נישט אָן פאַר זייער געשלאָגענעם ברודער, האָט ער לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אידען זענען נישט געוועהנט צו שלאָגען זיך, זיי קענען בטבע נישט אויפהויבען געגען וועמען אַ האַנד, אפילו ווען מען דאַרף זיך פערטיידיגען. אָבער ווען ער איז דעם צווייטען טאָג ווידעראַמאָל געקומען אין דער אידישער גאַס און ער האָט דערזעהען פלוצים די סצענע פון „והנה שני אנשים עברים נצים", אַז צוויי אידען גופא בעפאַלען איינער דעם צווייטען, האָט ער אויסגערופען אַן'ערשטוינטער: „אָכן נודע הדבר!" איצט, ליידער, ווייס איך שוין אייער אומגליק. בשעת מען דאַרף זיך פערטיידיגען געגען אַן'איש-מצרי, דאַמאָלס רוקט איהר זיך אַלע אָב, ווי פחדנים, ערקלערענדיג, אַז אַ איד טאָר זיך חלילה נישט בענוצען מיט קיין פיזישער מאַכט. דאַגעגען אויף אַרומצורייסען זיך און אַרומצושלאָגען זיך מיט אייערע אייגענע ברידער, דאָ ווערט איהר מיטאַמאָל דוקא גרויסע בריות, מוטיגע קעמפער און אונערשראָקענע פויסט-העלדען...

(לויט רבי עזריה פיגו אין בינה לעתים)

## ולכהן מדין שבע בנות... (ב. טז.)

און אז א מענש איז געבענשט מיט זיבען טעכטער, איז ער גרייט צו נעהמען אלס איידעם אפילו א „בורח", אן אנטלאפענעם, נישט פרעגענ־דיג גאר, ווער און וואס ער איז...

(שפתי כהן)

---

## של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא... (ג. ה.)

„לעולם — זאגען די חז"ל — ימכור אדם כל מה שיש לו ויקנה מנעלים לרגליו", פון וואס עס איז צו זעהען, אז די שיך, דאס איז אמאל געווען ביים מענש דאס נויטיגסטע און ווערטפולסטע חפץ. אבער אויף צו בע־טרעטען די „אדמת קודש", צו בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל, איז „של נעליך מעל רגליך", איז כדאי צוליעב דעם צוועק פון אלעם זיך אבצוזאגען. באדיי אפילו אהן שיך צו געהן -- און אין ארץ־ישראל צו וואוינען...

(מטה אהרן)

---

## ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו... (ג. ז.)

אמת הדבר, אז אויך די אידען אין מצרים שטעהען אויף א גענוג נידריגע שטופע, אבער — „מפני נוגשיו", אין פערגלייך מיט זייערע נוגשים און אונטערדריקער, זענען זיי צדיקים גמורים...

(רבי יעקב יצחק מלובלין)

---

## זה שמי לעולם וזה זכרי לדור דור... (ג. טו.)

דערויף ווערט געזאגט אין רשבם: „ומה שכתב בי"ה מפרש בא"ת ב"ש צפ"ת דפנ"ת וכו' ואין מגלין אותם אלא לצנועים".

וואס איז דער פשט דערפון?

דער רשב"ם וויל ערקלערען, פארוואס אין פריהערדיגען פסוק רופט זיך השי"ת מיט'ן נאמען „אה"י שלחני אליכם" און דא, אין פסוק ט"ו, ווערט געזאגט „זה שמי לעולם" אויפ'ן שם הוי'. און צוליעב דעם, וואס דער ענין בעציהט זיך ווענען שם הקודש, וועגען וועלכען מען דארף זיין נזהר נישט צו רעדען עפענטליך, שרייבט דעריבער דער רשב"ם זיין ערקלערונג מיט

געענדערטע אותיות, מיט די אותיות פון א״ת ב״ש (א׳ אַנשטאַט ת׳, ב׳ אַנ־שטאַט ש׳ וכו׳): צפ״ת דפג״ת זהי״ף וכו׳, פון וועלכע עס בעקומען זיך פאָלגענדע ווערטער און נעמליך: „הוא קורא עצמו אה״י ואָנו קוראים יהי׳, ויו במקום יוד כמו כי מה הוה לאדם״. עס הייסט: דער אמת׳ער שם איז „אה״י״, נאָר מיר רופען איהם „יה״י״. און די ו׳ אינ׳ם שם הוי׳ איז אַנ־שטאַט אַ יוד, פונקט ווי מיר געפינען אין פסוק (קהלת ב׳): „כי מה הוה לאדם״ אַנשטאַט — „כי מה יהי׳ לאדם״.

די דאָזיגע ערקלערונג פערענדיגט דער רשב״ם מיט די ווערטער: „שאין מגלין אותם אלא לצנועין״. אַ רמז אויפ׳ן בעקאַנטען מאַמר אין דער גמרא: „הצנועים שבכהונה הי׳ מבליעין אותו בנעימה״...

---

## כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלך... (ג. יט.)

דריי אופנים זענען געווען, דורך וועלכע די אידען וואָלטען געקענט אויסגעלייזט ווערען פון מצרים: א) פרעה אַליין זאָל זיי מיט זיין גוטען ווילען פריילאָזען, ב) די אידען זאָלען מאַכען אַנ׳אויפשטאַנד, פערפיהרען געגען איהם אַ מלחמה, און ג) בדרך נס און מופת. אַלזאָ, וועגען ערשטען אופן, אַז פרעה אַליין זאָל גערנווילליג פריילאָזען די אידען, איז אויסגעשלאָ־סען — „כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלך״, אַזאַ איידעלער זשעסט איז פון איהם אַבסאָלוט נישט צו ערוואַרטען... אויך וועגען צווייטען אופן, ווע־גען פערפיהרען אַ מלחמה, איז נישטאָ וואָס צו ריידען — „ולא ביד חזקה״, אייערע קרעפטען צו קענען איהם מנצח זיין בדרך־הטבע זענען צו־שוואַך דערצו... בלייבט, אַלזאָ, איבער נור דער איינציגער, דריטער וועג — „והכיתי את מצרים בכל נפלאותי אשר אעשה בקרבו״. בדרך נס און מופת...

(רבי שמעון סופר)

---

## והי׳ אם לא יאמינו לך וכו׳ והאמינו לקול האות האחרון... (ד. ח.)

דערויף זאָגט דער אבן־עזרא: „ואמר הכתוב האות האחרון אעפ״י שיש שם אות שלישי בעבור שלא הראה לו רק שני האותות, כי השלישי עתיד לעשותו״.

דערפון קומט אַלזאָ אויס, אַז אויב עס וואָלטען איצט געווען דריי אותות וואָלט מען נישט געקענט זאָגען אויפ׳ן צווייטען — „האות האחרון״.

פרעגט זיך: עס איז דאך אַ בפירוש'ער פסוק אין וישלח (לג. ב.): „וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה ואת לאה וילדיה אחרונים ואת רחל ואת יוסף אחרונים". זעהט מען דאך, אַז דאָס וואָרט „אחרון" קאָן בענוצט ווערען אויך אויף'ן צווייטען פערזאָן, אָדער זאַך, אַפילו דאַן ווען ס'איז נאָך פאַרהאַן נאָכדעם אַ דריטער...

(זאב בערענט)

---

## כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך... (ד. יט.)

„שירדו מנכסיהון ועניות כמיתה" (נדרים ס"ד)

מעגליך, אַז דאָס, וואָס עס צווינגט די חז"ל צו טייטשען, אַז „כי מתו" מיינט מען דאָ נישט מיתה ממש, איז דערפאַר, ווייל עס שטעהט נישט „כל האנשים אשר בקשו את נפשך", נאָר „המבקשים", פון וואָס עס איז אַלזאָ משמע, אַז זיי עקזיסטירען און לעבען אויך איצט און דעריבער מוז מען זאָגען, אַז דער פשט איז — „שירדו מנכסיהון"...

(תורה תמימה)

---

## למה משה ואהרן תפריעו את העם ממעשיו, לכו לסבלותיכם... (ה. ד.)

עס איז אַן אַלטער סיסטעם, אין וועלכען עס האַלטען זיך עד-היום די רעגירונגען פון פערשיעדענע לענדער, צו בעשענקען מיט געוויסע פריווי־לעגיעס די גייסטיגע און רעליגיעזע פאָרשטעהער פון די אונטערדריקטע מינדערהייטען, בכדי די פאָרשטעהער, זייענדיג אַליין צופריעדען, זאָלען זיך נישט מתרעם זיין געגען די עוולות און אומרעכטען, וואָס ווערען געגען זייערע אונטערדריקטע ברידער בעגאַנגען... אויך פרעה, ווייזט אויס, האָט זיך אינ'ם דאָזיגען סיסטעם געהאַלטען און, ווי עס ערקלערען אונז די חז"ל, זענען משה ואהרן, צוזאַמען זאַגאַר מיט זייער גאַנצען שבט, שבט לוי, פריי געווען פון דער שקלאַפען-אַרבייט... אָבער ווען די רעליגיעזע פאָרשטעהער האָבען, נישט קוקענדיג אויף די פריווילעגיעס, פון וועלכע זיי האָבען אַליין געניאָ־סען, גענומען מאָהנען די רעכט פון זייער פאָלק און אַרויסשטעלען די פאָ־דערונג פון „שלח את עמי", איז פרעה בייז געוואָרען און ער האָט אויס־געשריען צו זיי: „למה משה ואהרן תפריעו את העם ממעשיו!" אייך פער־זענליך האָב איך דאָך צופרידענגעשטעלט, טאָ ווי קומט איהר עפיס צו מישען זיך אין פאָליטיק און אָנצונעהמען זיך די עוולות פון אייער פאָלק?

איז אויב ס'איז יאָ אַזוי — „לכו לסבלותיכם!" געהט גלייך מיט אַלעמען צו דער אַרבייט. אויס פּריווילעגיעס!...

(אפיקי יהודה)

## ביד חזקה ישלחם וביד חזקה יגרשם מארצו... (ו. א.)

וואָס עפּיס צוויי מאָל: „ישלחם" און „יגרשם"? און דער עיקר — פאַרוואָס עפּיס „יגרשם מאַרצו", ער זאָל זיי נאָר דאַרפען טרייבען?...

נאָר די חז"ל זאָגען (אין ראש השנה), אַז זעקס חדשים איידער די אידען זענען אַרויס פון מצרים איז בטל געוואָרען דער שעבוד. די ווערטער „ביז חזקה ישלחם" האָבען אַלזאָ די בעדייטונג פון לשון „לחפשי ישלחנו". פריהער הייסט עס וועט זיי פרעה בעפרייען פון שווערען עול, פון דער עבודה קשה. ליידער אָבער קענען מיר דאָך די טבע פון אונזערע אידען, אַז קוים דערפיהלען זיי אַ געוויסע פערלייכטערונג אין זייער מצב, אַזוי פערגעסען זיי דאַן אין אַלעם און זיי ווילען מעהר נישט הערען און נישט וויסען פון „יציאת מצרים", איז דעריבער — „וביד חזקה יגרשם מארצו", וואָרום אַליין וועלען זיי שוין דאַן נישט וועלען געהן...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

# וָאֵרָא

## וארא אל אַברהם וכו׳ (ו. ג.)

„וארא — אל האבות״ (רש״י)

די קשיא איז בעקאַנט: וואָס איז דאָ רש״י מחדש? דער פסוק אַליין זאָגט דאָך עס גאַנץ דייטליך: „וארא אל אַברהם, אל יצחק וכו׳״?

נאָר דער פשט איז — פלעגט זאָגען דערויף רבי מאיר׳ל פרימי־שליאַנער אין אַ גלייכוואָרטעל — אז יצחק, למשל, האָט נישט גע׳שמ׳ט אַלס צדיק דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַברהמ׳ס זוהן, און יעקב, ווייל ער איז יצחק׳ס זוהן און אַברהמ׳ס אייניקעל, נאָר אַלע דריי זענען געווען „אבות״, צדיקים — טאַטעס, נישט קיין צדיקים — „אייניקלעך״...

---

## והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים והצלתי אתכם מעבודתם... (ו. ו.)

דער „והצלתי אתכם מעבודתכם״ וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהן פריהער, פאַר׳ן „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״, דען פריער האָט דאָך אויפגעהערט דער שעבוד און ערשט נאָכהער איז געווען די גאולה, די יציאה פון מצרים?

נאָר דער אמת איז, אַז ערשט נאָכ׳ן „והוצאתי אתכם״, נאָכ׳ן אַרויס־געהן פון גלות, ערשט דאַן דערפיהלט מען איהר ביטערקייט, ערשט דאַן איז מען מסוגל תופס צו זיין די בעדייטונג פון „והצלתי אתכם מעבודתם״...

(תפארת עוזיאל)

---

ס׳איז אַ משל — זאָגט דערויף דער חדושי הרי״ם — צו אַ בן מלך, וועלכער איז נישט געגאַנגען בדרך הישר און דער פאָטער האָט אויף איהם

געצאַרנט און אַלס שטראָף פאַר זיין פערשוועגדעריש לעבען, האָט ער איהם פערשיקט צווישען בעטלער, כדי ער זאָל דערפיהלען דעם טעם פון אָרעמקייט.

האָט דער בן מלך אַזוי לאַנג געלעבט צווישען די בעטלער, ביז ער האָט זיך איינגעלעבט מיט זיי און האָט פערגעסען אָן זיין אָבשטאַמונג.

לימים האָט דער פאָטער, דער מלך, זיך דערבאַרימט אויף איהם און ער האָט געשיקט צו איהם פרעגען, וואָס איהם פעהלט און וואָס זיין פערלאַנג איז.

דערויף האָט דער בן-מלך געענטפערט מיט פרייד, דאָס זיין פערלאַנג איז, אַז דער פאָטער זאָל איהם קויפען אַ נייע בעטעל-טאָרבע... מחמת זיין אַלטע טאָרבע איז שיון צוריסען...

אויך מיר אידען, — האָט דער חדושי הרי"ם אויסגעפיהרט — זענען שוין אַזוי טיעף פערזונקען אין גלות, אַז גאַנץ אָפט דערגרייכען אונזערע השגות נישט ווייטער, ווי מתפלל צו זיין אויף אַ נייע טאָרבע... ערשט ווען די גאולה וועט קומען און מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, ערשט דאַמאָלס וועלען מיר דערפיהלען, אַז אַ חוץ אַ בעטלער-טאָרבע זענען נאָך פאַרהאַן אַ סך העכערע זאַכען, וועלכע האָבען אונז געפעהלט אין אונזער פינסטערען גלות-לעבען...

---

## והוצאתי אתכם... והצלתי אתכם... וגאלתי אתכם... ולקחתי אתכם... (ו. ו.)

די חז"ל בעמערקען דערויף, אַז דאָס זענען „ארבע לשונות של גאולה".

וואָרום בכדי צו ווערען אַ פאָלקאָם פריי און זעלבסטשטענדיג פאָלק, זענען נויטיג דערצו פיערליי פרייהייטען. קודם-כל: „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — עקאָנאָמישע פרייהייט, נישט צו זיין אונטערגעוואָרפען בגישות, שיקאַנעס, ספעציעלע שטייערן, נישט געצוואונגען צו ווערען צו בויען פתום ורעמסס פאַר פרעמדע; דאַן „והצלתי אתכם מעבודתכם", פון דער „עבודה-זרה" — רעליגיעזע פרייהייט; דאַן „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה" — נאַציאָנאַלע פרייהייט, צו מעגען געהן מיט אויסגעגלייכטע רוקענס, נישט צו דאַרפען זיך ערנידעריגען און מכניע זיין פאַר קיינעם; און דאַן „ולקחתי אתכם לי לעם" און והבאתי אתכם אל הארץ" — פאָליטישע פרייהייט אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק אין אייגענעם לאַנד, די קרוין און דאָס ענדע-ציעל פון אַלע פרייהייטס-שטרעבונגען...

(אוצר החיים)

---

## וגאלתי אתכם בזרוע נטויה... (ו. ו.)

„בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים" (סוטה)

אין אַ צווייט אָרט זאָגען דאָך גאָר די חז״ל, אַז די גאולה איז צוגע-איילט געוואָרען פאַר׳ן בעשטימטען טערמין צוליעב קושי-השעבוד?

נאָר — האָט דערויף געענטפערט בדרך-הלצה רבי משה לעלעווער — ביידע מאמרים זענען ריכטיג און עס איז צווישען זיי קיין שום סתירה נישטאָ: צום קושי האָבען גורם געווען די ווייבער, די „נשים צדקניות", וועלכע האָבען די מענער דאָס לעבען פאַרביטערט, און זיי טאַקי האָבען עס ממילא צוגעאיילט דעם קץ...

---

## מקוצר רוח ומעבודה קשה... (ו. ט.)

די שווערעטע אַרבעט איז נישט שווער דאַן, ווען מען ווייסט צוליעב וואָס און צוליעב וועמען מען אַרבעט, ווען מען האָט דערביי דאָס געפיהל און די טרייסט, אַז מיט דער דאָזיגער אַרבעט בויט מען פאַר זיך אַ צוקונפט, אַז על כל פנים דער קומענדיגער דור, די קינדער, וועלען פון די פרוכטען גע-ניסען. עס איז אָבער שווער און אונמעגליך איבערצוטראָגען די „עבודה קשה" דאַן, ווען עס הערשט דערביי דער „קוצר רוח", דאָס נידערגעשלאָגענע גע-מיט, ווען עס זענען נישטאָ קיין שום אויסזיכטען און קיין שום פערספעק-טיווען, ווען מען זעהט נישט פאַר זיך קיין שום תכלית פון דער אַרבעט...

(חכמה עם נחלה)

---

## ואני ערל שפתים... (ו. יב.)

אויף „ערל שפתים" מאַכט דער „תרגום — „יקיר ממלל".

דער פשט פון תרגום איז — פערטייטשט דער רבי ר׳ בונם — אַז דאָס וואָרט איז ביי מיר טייער. אַ שאָד די רייד. איך קאָן נישט געהן און רעדען מיט פרעה׳ן דאַן, ווען איך ווייס פאָראויס, אַז דאָס רעדען וועט זיין נוצלאָז, די ווערטער — דברים בטלים...

---

## להוציא את בני ישראל מארץ מצרים — אלה ראשי בית אבותם... (ו. יג.)

אויף דער טענה פון משה רבינו: „הן בני ישראל לא שמעו אלי", אז די אידען ווילען נישט הערען וועגען דער גאולה, האט איהם השי"ת דערויף געענטפערט: „אלה ראשי בית אבותם", דאס איז נישט די שולד פון פאלק, שולדיג דערין זענען די „ראשי בית אבותם", זיינע ראשים און מנהיגים, וועלכע שטעהען ווייט פונ'ם רעיון-הגאולה און זיי לאזען נישט רעדען דערפון...

(מי שלוח)

---

די גאולה וועט קומען דאן, ווען אידישע הערצער וועלען דער-וואכען און זיי וועלען זאגען: איז דען אייך גוט, וואס איהר וואוינט אין דרויסען, פעריאגט פון טאטענס טיש? האט איהר דען הנאה פון אייער לעבען אין דער פרעמד? — און די גדולי-ישראל וועלען דארפען אויף דעם אבגעבען א דין-וחשבון דעם בורא-עולם און פון זיי וועט ער מאהנען די שאנד פון זיינע באליידיגטע קינדער...

(אור החיים)

---

רבי אליהו גריידיצער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריעף צו רבי חיים אלעזר וואקס:

...„די גרויסקייט דערפון (פון בנין הארץ) איז צו זעהען פון דעם, וואס דער גאנצער כח-הקליפה האט זיך פערנומען דערויף צו שטערען דאס גוטע, און די דאזיגע קליפה איז מאנכעס מאל גובר ר"ל אפילו ביי די גרעסטע צדיקים".

---

## הוא אהרן ומשה אשר אמר ד' להם הוציאו את בני ישראל וכו' הם המדברים אל פרעה — הוא משה ואהרן... (ו. כו.)

אויף צו רעדען מיט די אידען איז „הוא אהרן ומשה", איז געגאנגען אהרן פאראויס, דען ער האט די גאנצע צייט געלעבט צוזאמען מיט זיי אין גלות, ווערענד משה האט זיין יוגענד פערבראכט ביי פרעה'ן אין פאלאץ און

נאָכהער פיערציג יאָהר אין כוש און אין מדין, דאַגעגען אויף אונטערצו-האַנדלען מיט פרעה׳ן איז „הוא משה ואהרן״, משה פריהער, ווייל איהם האָט פרעה געקענט, ער איז דאָך ביי איהם אין הויז נתגדל געוואָרען...

(רבי ר׳ בונם)

---

## הן אני ערל שפתים—ראה נתתיך אלהים לפרעה (ו.ל.)

לויט׳ן פשט פון אבן-עזרא איז דער טייטש פון „אני ערל שפתים״, אַז משה האָט נישט בעהערשט די מצרי׳שע שפראַך און זיין טענה איז געווען גאַנץ איינפאַך, אַז ער האָט פשוט נישט די מעגליכקייט צונויפצורעדען זיך מיט פרעה׳ן... לויט׳ן דאָזיגען פשט בעדייט אַלזאָ דער ענטפער: „ראה נתתיך אלהים לפרעה״ — דו קומסט צו פרעה, נישט אַלס אַ געוועהנליכער שליח, נאָר אַלס דער מנהיג און הערשער פון אידען, און ווען צוויי הערשער פון צוויי פעלקער קומען זיך צונויף, איז יעדער פון זיי מקפיד צו רעדען אויף זיין מוטער-שפראַך דורך דער פערמיטלונג פון אַן איבערזעצער. אויך דו, אַלזאָ, זאָלסט זיך האַלטען אינ׳ם דאָזיגען אָנגענומענעם קעניגליכען מנהג, אַלס צייכען, אַז די אידישע שפראַך שטעהט נישט נידריגער, ווי די מצרישע, דער אידישער מנהיג איז נישט קיין קלענערער חשוב, ווי דער מצרישער און „ואהרן אָחיך יהי׳ נביאך״...

(חתם סופר)

---

## קח את מטך והשלך לפני פרעה יהי לתנין... (ז. ט.)

זאָל עס דיענען אַלס אַ וואָרנונג פאַר פרעה׳ן און אויך פאַר די פרעה׳ס פון אַלע צייטען, אַז זיי וועלען מיט די אידען גאָרנישט מאַכען און זיי אויף קיין פאַל נישט בייקומען, אַז מיט זייערע מעטאָדען צו דערנידריגען די אידען צום סאַמע שפּל׳דיגסטען מצב פון קריכענדיגע בעשעפענישען, וועלען זיי גאַנץ אָפט דערפיהרען דערצו, אַז די אידען זאָלען פערוואַנדעלט ווערען אין בייסענדיגע שלאַנגען, פון וועלכע די פרעה׳ס וועלען קיין רוה און מנוחה נישט האָבען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## ויהי הדם בכל ארץ מצרים... (ז. כא.)

„ממכת דם נתעשרו ישראל״ (מדרש רבה)

די חז״ל זאָגען: „קשה עניות בתוך ביתו של אדם יותר מחמשים מכות׳

(בבא בתרא קט״ז), און אַט דעריבער איז אַלזאָ נויטיג געווען, אַז ווי נור עס האָבען זיך אָנגעהויבען די מכות אויף די מצריים, זאָלען די אידען קודם-כל נתעשר ווערען, וואָרום ווען זיי וואָלטען פערבליבען ביי זייער אָרימ-קייט, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז אַפילו לויט׳ן חשבון פון די תנאים, אַז די מצריים זענען געשלאָגען געוואָרען מיט גאנצע פופציג מכות, וואָלט נאָך אַלץ די אידען געווען ערגער פון זיי, דען עניות איז דאָך הארבער — „יותר מחמשים מכות״...

---

## והיה לכנים בכל ארץ מצרים... (ח. יב.)

לויט׳ן סדר פון פסוק איז די מכה פון כנים געווען פאַר דער מכה פון ערוב. פאַרוואָס אין תהלים איז דער סדר פערקעהרט: „ויהי ערוב כנים בכל גבולם (קה. לא.)?

נאָר די מכה פון כנים איז פאַקטיש געשעהן צוויי מאָל. איינמאָל אַלס זעלבסטשטענדיגע מכה, און אַ צווייט מאָל — „ויהי ערוב כנים״, זענען זיי געקומען אַלס מחותנים צו דער מכה פון ערוב, וועלכע איז בעשטאַנען פון אַלע מיני גרויסע און קליינע בעשעפענישען...

(קהלת יצחק)

---

## ד׳ הצדיק ואני ועמי הרשעים... (ט. כז.)

אַזש מיט אַזוי פיעל מכות האָט פרעה געדאַרפט געשלאָגען ווערען, בכדי צו קומען ענדליך צום דער איבערצייגונג, אַז דאָס פייניגען אידען איז געווען פון זיין זייט אַ רשעות... ביז איצט, אַפנים, האָט ער עס גע-האַלטען פאַר אַ צדקות, פאַר אַ וואוילטהאַט...

(מור ואהלות)

# בא

## נטה את ידך על השמים ויהי חשך... (י. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „שלח חשך ויחשך ולא מרו את דברו, מלמד שהסכימו כל פמליא ולא הי׳ בהם אחד שהמרה. ולמה הביא עליהם חשך? שהיו ישראל באותו הדור רשעים שלא הי׳ רוצים לצאת ומתו בשלשת ימי אפילה וכו׳ ועוד שחפשו ישראל וראו את כליהם וכו׳".

פרעגט זיך: פאַרוואָס ווערט נישט די פראַגע פון „ולמה הביא עליהם" געפרעגט ביי אַלע אַנדערע מכות, נאָר גראָד דאָ, ביי דער מכה פון חשך?

ענטפערט דערויף דער רבי ר׳ העשיל: דער דין איז אין דער גמרא (סנהדרין י״ז), אַז „סנהדרין שראו כלם לחובה פוטרין אותו מיד", אַז אויב דער בעשולדיגטער ווערט פעראורטיילט דורך אַלע סנהדרין אָהן אויסנאַהם, ווערט דער אורטייל איבער איהם נישט אויסגעפיהרט און ער ווערט איינגאַנצען פרייגעשפּראָכען. דערויף זאָגט דער סמ״ע, אַז דאָס איז נור אין דעם פאַל, ווען דער אורטייל לחובה ווערט דורך אַלע סנהדרין בעגרינדעט מיט איין מאָטיוו, מיט איין און דעם זעלבען טעם, וואָס עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען זיך אַלע געווען פריהער צונויפגערעדט און עס האָט זיך קיינער פון זיי די מיה נישט געגעבען צו זוכען אויף איהם אַ זכות, דאַגעגען ווען עס ווערען געגעבען דערביי פערשידענע מאָטיווען, דאַן איז כאָטש עס איז „ראו כלם לחובה" ווערט דער אורטייל איבער איהם יאָ אויסגעפיהרט.

און אָט דאָס, אַלזאָ, איז די קשיא פון מדרש. קוים ווערט פריהער דערצעהלט, אַז „שהסכימו כל פמליא ולא היה בהם אחד שהמרה", הייסט דאָך עס אַז עס איז געווען „ראו כלם לחובה", איז אויב אַזוי „ולמה הביא עליהם חשך?" דער דין איז דאָך, אַז „סנהדרין שראו כלם לחובה פוטרין אותו מיד"? דערויף פיהרט אויס דער מדרש, אַז ביי דעם דאָזיגען אורטייל לחובה זענען געגעבען געוואָרען פערשיעדענע טעמים, אַ טייל האָבען עס בעגרינדעט דערמיט, ווייל „שהיו ישראל באותו הדור רשעים וכו׳". אַנדערע — „שחפשו ישראל וראו את כליהם וכו׳" און אין אַזאַ פאַל, ווי געזאָגט, איז שוין דער אורטייל פון „ראו כלם לחובה" אַ געזעצליכער...

(דבש לפי)

## ויהי חשך אפלה וכו׳ לא ראו איש את אחיו... (י. כב.)

דאָס גרעסטע חשכות אויף דער וועלט איז דאַן, ווען „לא ראו איש את אחיו", ווען איין מענש זעהט נישט און וויל נישט וויסען פון צווייטען, ווען יעדער איינער לעבט בלויז פאַר זיך...

(אשכול מאמרים)

## כלה גרש יגרש אתכם מזה וכו׳ וישאלו איש מאת רעהו... (יא. א.)

צוליעב וואָס אייגענטליך ווערט פריהער, פאַר'ן „וישאלו איש מאת רעהו", ערקלערט, אַז „כלה גרש יגרש אתכם מזה", וואָס פאַר אַ המשך האָבען דיביידע זאַכען צווישען זיך?

נאָר דער דין איז אין דער גמרא ביי אַ בעל-הבית און אַ פועל, אַז „כל המשנה וכל החוזר ידו על התחתונה", אַז אויב דער בעל-הבית איז חוזר בחצי יום, נאָכדעם ווי דער פועל האָט אָבגעאַרבייט ביי איהם אַ האַלבען טאָג, מוז ער איהם בעצאָהלען שכירות פאַר אַ גאַנצען טאָג. פערקעהרט ווידער, אויב דער פועל איז חוזר בחצי יום, דאַן איז ער מחויב צו ליי-דען און דער בעל-הבית דאַרף איהם גאָרנישט בעצאָהלען. דער אָנזאָג „וישאלו איש מאת רעהו", אַז די אידען זאָלען נעהמען ביי די מצריים כלומרשט אויף באָרג וואָס מעהר כלי כסף וכלי זהב, ווערט, כידוע בע-גרינדעט דערמיט, וואָס די מצריים האָבען הונדערטער יאָהרען עקספלואַ-טירט די אידען, אַרבייטענדיג מיט זיי בחומר ובלבנים, און אויב זיי האָבען זיי מיט'ן גוטען ווילען נישט געוואָלט בעצאָהלען דעם שכר פאַר דער שווע-רער אַרבייט, האָבען די אידען געהאַט דאָס רעכט מוציא צו זיין דעם אַרבייטס-לויהן בדרך-ערמה... נגזר איז געוואָרען אויף די אידען צו אַרבייטען אין מצרים פיער הונדערט יאָהר, נאָר שפעטער איז דער קץ צוגעאיילט געוואָרען און זיי האָבען אָבגעאַרבייט בלויז אַ האַלבען טערמין, נישט מעהר, ווי צוויי הונדערט און צעהן יאָהר. איז אויב אַזוי, ווי אַזוי האָבען די אידען געמעגט אויפמאָהנען זייער אַרבייטס-לויהן? דער דין איז דאָך, אַז אויב אַ פועל איז חוזר בחצי יום, אָבאַרבייטענדיג נור אַ האַלבען טערמין, איז ידו על התחתונה, קומט איהם גאָרנישט צו בעצאָהלען? און אָט דערויף קומט די ערקלערונג: „כשלחו כלה גרש יגרש אתכם", עס וועט צוגעפיהרט ווערען דערצו, אַז פרעה גופא זאָל אייך אַרויסטרייבען, ער מצדו זאָל חוזר זיין, און אויב דער בעל-הבית איז חוזר איז דאָך שוין דער דין פערקעהרט,

איז ידו על התחתונה און ער דארף בעצאהלען דעם פועל פאר א גאנצען טאג ארבייט, און דעריבער — „דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב"...

(משנת דר' אליעזר)

---

## דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו... (יא. ב.)

„כדי שלא יאמר אותו צדיק, ועבדום וענו אותם קיים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם" (ברכות ט"ו)

נור דערפאר בלויז „כדי שלא יאמר אותו צדיק"? און ווי וואלט זיין, ווען דער אותו צדיק, אברהם, וואלט נישט קומען מיט קיין טענה, איז דען השי"ת נישט מחויב מקיים צו זיין זיין הבטחה?

נאר דער אמת איז, אז די אידען זענען דאן גרייט געווען מוותר צו זיין אויפ'ן געלד און אויף דער הבטחה פון „רכוש גדול", האבענדיג פאר זיך א פיעל העכערען ציעל: די גאולה... השי"ת האט אבער פערלאנגט פון זיי, זיי זאלען אויך דערפון זיך נישט אבזאגען, „כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם", כדי אברהם זאל נישט טענה'ן: אויך די גזירה פון „ועבדום וענו אותם" האסטו דאך מקיים געווען געגען דעם ווילען פון די אידען, צווינגענדיג זיי דערצו בעל-כרחם, און אויב אזוי דארפסטו זיי אויך צווינגען צו דער צווייטער העלפט, צו דער הבטחה פון „רכוש גדול", כאטש זיי ווילען עס נישט...

(רבי יצחק מאיר גאטמינינער)

---

מען האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן ר' בונם, פונוואנען עס איז די ראיה, אז דער מנהג צו טראגען לאנגע מלבושים עקזיסטירט ביי אידען מדורי-דורות און אז אויך אונזערע עלטערען האבען אזעלכע מלבושים געטראגען?

האם ער דערויף געענטפערט בדרך הלצה, אז עס איז אנגעוויזען אין דער תורה. עס שטעהט: „ושאלה אשה משכנתה וכו' כלי כסף וכלי זהב ושמלות ושמתם על בניכם ועל בנותיכם". (שמות ג. כב.). פארוואס שטעהט נישט: „ושמתם עליכם"? איז דערפון א ראיה, אז די אידען האבען שוין דאמאלס געטראגען לאנגע מלבושים און די געבארגטע מצרי'שע מלבושים האבען נישט געטויגט פאר זיי, נאר פאר די קינדער...

---

## וישאלו איש מאת רעהו וכו׳ כלי כסף וכלי זהב... (יא. ב.)

געהייסען האָט מען דאָס די אידען טהון איינפאַך צוליעב דעם, כדי זייענדיג אַזעלכע גרויסע בעלי-חובות, האָבענדיג אָנגעבאָרגט ביי זייערע קרעדיטאָרען אַזאַ הון-רב, זאָלען זיי מורא האָבען צוריקצוגעהן קיין מצרים...

(רבי משה לעלעווער)

---

## ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו... (יא. ז.)

„לפיכך אמרה תורה בטריפה לכלב תשליכון אותו, ללמדך שאין הקב״ה מקפח שכר כל בריה״ (מכילתא פ׳ משפטים)

אין מורה נבוכים חלק ג׳ פ׳ י״ז געפינען מיר פאָלגענדע שטעלע: „אמנם ענין זה הגמול לבעל-חיים שאינו מדבר לא נשמע כלל באמונתנו לפנים, וגם חכמי התלמוד לא זכרוהו כלל״.

ווי-זשע איז עס מעגליך, אַז דער רמב״ם, אויסדריקענדיג זיך „וגם חכמי התלמוד לא זכרוהו כלל״, זאָל האָבען פערזעהען דעם דערמאָהנטען מאַמר חז״ל, אין וועלכען עס ווערט דאָך דייטליך געזאָגט פערקעהרט?!... סיידען מען זאָל אפשר אָננעהמען, אַז מיט דעם וואָרט „הגמול״ מיינט דער רמב״ם „גמול נצחי״, עולם-הבא?...

(תורה תמימה)

---

צו אַ געוויסען רב — דערצעהלט מען — זענען אַמאָל געקומען צוויי בעלי-דינים אויף אַ דין-תורה. איינער פון די בעלי-דינים, וועלכער האָט געוואוסט, אַז דער רב איז אַנ׳אוהב בצע, האָט איהם איינגערוימט אויפ׳ן אויער, אַז ער איז איהם גרייט צו געבען אַ געוויסע בעלוינונג בתנאי, ער זאָל זיך שטעלען אויף זיין זייט און ער זאָל די דין-תורה אָבלעגען אויף אַ געוויסע צייט, און דער רב איז דערויף איינגעגאַנגען. דער צווייטער בעל-דין האָט זיך ביני-לביני דערוואוסט דערפון און ער איז אַוועק צום רב און איהם מכלומרשט פאָרגעלעגט אַ גרעסערע סומע. אַז עס איז געקומען דער בעשטימטער טאָג און די דין-תורה האָט זיך אָנגעהויבען, האָט דער רב, זייענדיג משוחד פוןביידע זייטען, נישט געקענט זיך קיין עצה געבען און ער האָט כסדר געשוויגען.

צושמייכעלט זיך דער צווייטער בעל-דין און ער ווענדעט זיך צום רב און זאָגט:

— כל-ימי, רבי, איז מיר שווער געווען דער פסוק „ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו”, פאַרוואָס האָבען עפּיס די הינד נישט געבילט, וואָס איז דער טעם דערפון? נאָר די מעשה דערפון איז אַזוי: די חז"ל זאָגען, אַז „מלאך המות בא לעיר כלבים בוכים”, דאַגעגען „אליהו בא לעיר כלבים שוחקים”. דאָס מאָל האָבען זיך גראָד צונויפגעטראָפען ביידע זאַכען צוזאַמען: פון איין זייט איז געווען אַ מגפה אויף די מצריים — „מלאך המות בא לעיר”, און פון דער צווייטער זייט אַ גאולה אויף די אידען, און דאַן איז דאָך — „אליהו בא לעיר”. די הינט זענען אַלזאָ געבליבען אין אַ פאַרלעגענהייט, נישט וויסענדיג, ווי אַזוי צו בילען: זאָלען זיי בילען טרויעריג, קענען זיי נישט צוליעב'ן מלאך-המות, זאָלען זיי בילען פרעהליך — קענען זיי ווידער נישט צוליעב אליהו'ן. און נישט קענענדיג זיך קיין עצה געבען האָבען די הינד זיך מיישב געווען און — „לא יחרץ כלב לשונו”, זיי האָבען לגמרי פערמאַכט די מיילער און געשטימט... אויך איהר, רבי, ווי איך זעה—פיהרט אויס דער בעל-דין—געפינט זיך נעביך אין דער זעלבער לאַגע.

---

## לא ישמע אליכם פרעה למען רבות מופתי... (יא. ט.)

דערפאַר וועט אייך פרעה נישט הערען — „למען רבות מופתי”, ווייל ער האָט שוין אַזוי פיעל מופתים בייגעוואוינט, וממילא איז ער שוין געוואָרען צוגעוואוינט צו זיי און זיי מאַכען אויף איהם מעהר קיין איינדרוק נישט...

(רבי משה חפץ)

---

## תאכלו מצות עד יום האחד ועשרים לחודש בערב... (יב. יח.)

דערויף מאַכט דער תרגום-יונתן: „עד יומא דעשרין וחד לירחא, ברמשא דעשרין ותרין תיכלון חמיע”.

צי די לעצטע ווערטער פון תרגום-יונתן זענען בלויז אַנ'אייגענע בעמערקונג, אָדער זיי זענען גענומען פון ערגיץ אַ מדרש — איז שווער פעסטצושטעלען, יעדענפאַלס, ווי עס ווייזט אויס, איז פון דאַנען נעהמט זיך דער מנהג טועם צו זיין חמץ אין דער נאַכט פון מוצאי-פסח, און אַזוי האָט זיך

אויך נוהג געווען דער ווילנער גאון, וועלכער פלעגט יעדען מוצאי־פסח מאכען הבדלה איבער ביער.

(תורה תמימה)

---

## והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם... (יב. כו.)

ביי דער שאלה פון חכם ווערט געזאגט בלשון יחיד? „כי ישאלך בנך מחר לאמר מה העדות וכו׳״. דאס זעלבע אויך ביי דער שאלה פון תם: „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת״. בלויז דא, ביי דער שאלה, וועלכע בעציהט זיך, לויט די חז״ל, אויפ׳ן רשע, ווערט געזאגט: „והי׳ כי יאמרו אליכם בניכם״, א לשון רבים.

דען, ליידער, איז דער דאזיגער טיפ קינדער ביי אונז דער רבים, די מעהרהייט...

(הרב מ. א. עמיאל)

---

## מה העבודה הזאת לכם...

„לכם — ולא לו״, צו איהם געהער נישט דאס אידישקייט, ער האט זיך שוין דערפון לאנג בעפרייט, און דאך רופט ער עס אן „עבודה״, דאך איז עס איהם נאך אלץ לעול ולמשא...

(ברכת השיר)

---

דער זשיטאמירער רב, רבי צבי הירש סעגאל, דער „בעל עטרת צבי״, האט געהאט א זוהן, וועלכער איז אוועק אויף גאר אנדערע וועגען, האט געוואוינט אין פעטערבורג און זיך גערופען דר. גריגארי פעטראוויטש. איינמאל איז ער געקומען צום טאטען צו־גאסט און פערבראכט ביי איהם שבת. אין שוהל אריין איז ער נישט געגאנגען, דאוונען האט ער נישט געוואלט, דערפאר אבער די שבת׳דיגע סעודה האט ער געפראוועט כהלכתה, געסמאקעוועט פון די פיש, געגעסען מיט גרויס אפעטיט דעם קוגעל, שטארק הנאה געהאט פונ׳ם שבת׳דיגען צימעס. נאכ׳ן עסען איז ער אריין אין א חדר־מיוחד און אויסגערויכערט א ציגאר און נאכהער האט ער זיך אוועקגעזעצט און פערפיהרט מיט׳ן טאטען א שמועס וועגען דער נויטיגקייט צו רעפארמירען דאס אידישקייט.

— א מאדנע זאך — מאכט צו איהם דער פאטער — מיר איז דאס

אידישקייט לגמרי נישט שווער, און דוקא דו, וואָס קיין שום עול פון תורה ומצוות טראָגסט דו נישט אויף זיך, דאַוונען דאַווענסטו נישט, רופען רופסטו זיך גריגאָרי פעטראָוויטש, רויכערסט אום שבת סיגאַרעטען, און דערביי געניסטו סיי פון די גוי׳אישע, סיי פון די אידישע בעקוועמליכקייטען, עסענדיג אי חזיר, אי שבת׳דיגען קוגעל — דוקא אזעלכע ווי דו איז דאָס אידישקייט אזוי שווער און רק זיי פערלאַנגען רעפאָרמען...

---

## וגם צדה לא עשו להם... (יב. לט.)

ווייזט אויס, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָבען די אידען נאָך אַלץ געטראַכט, אַז פונ׳ם גאַנצען עסק וועט גאָרנישט ווערען...

(רבי אהרן שמואל תמרת)

---

## והי׳ לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך... (יג. טז.)

די תפילין של ראש בעשטעהען פון פיער „בתים״, דאַגעגען של יד — נור פון איין „בית״, וואָרום ביים „של ראש״, בנוגע דעם קאָפּ, קענען מיר זיין מחולק צווישען זיך און האָבען פערשיעדענע דעות, פערשיעדענע מיינונגען, פערשיעדענע אַנשויאונגען, אָבער ביים „של יד״, ביי דער האַנד, בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען מעשים, דאָ מוזען מיר אַלע זיין אייניג צווישען זיך און בילדען איין „בית״...

(תחית ישראל)

---

## והי׳ כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת... (יג. יח.)

דער „והיה כי ישאלך״ שטעהט נישט נאָכ׳ן „מצות יאכל את שבעת הימים״ (דאָרט שטעהט בלויז „והגדת לבנך״), נאָר נאָך דער מצוה פון תפלין. וואָרום אויפ׳ן עסען פרעגען נישט די קינדער אונזערע קיין קשיות, הלמאי מיר געבען זיי צו עסען און צו טרינקען, הלמאי מיר האָרעווען און אַרבייטען פאַר זייערטוועגען. קומט עס אָבער צום דאַוונען, צום תפלין לעגען, דאָ שטעלען זיי זיך אַוועק געגען טאַטען אין אַ העלדישער פּאָזע, פרעגענדיג: מה זאת? נאָכוואָס דאַרף מען דאָס, די דאָזיגע „זאַבאָבאָנעס״?...

(מטה אהרן)

---

# בְּשַׁלַּח

## ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם וכו׳ (יג. יז.)

צוליב דעם ווייל „בשלח פרעה את העם״, ווייל די אידען זענען נישט ארויסגעגאנגען מיט׳ן אייגענעם ווילען, נאר זיי זענען ארויסגעשיקט און ארויסגעטריבען געווארען פון מצרים („כי גורשו ממצרים״), דעריבער — „ולא נחם א׳ דרך ארץ פלשתים וכו׳ פן ינחם העם״, דעריבער איז מען מיט זיי נישט זיכער געווען...

(מוסר היהדות)

---

## ובני ישראל יוצאים ביד רמה... (יד. ח.)

דערויף מאכט דער תרגום: „ובני ישראל נפקו בריש גלי״.

וואס בעדייטען די ווערטער „בריש גלי״ ?

דען אין אזיען איז אבדעקען דעם קאפ עד-היום נישט קיין נימוס ודרך-ארץ, נאר א צייכען פון פריקת-עול. בעת א בונט דעקט מען אב דעם קאפ פאר׳ן הערשער, וואס עס באדייט, אז זיי זאגען זיך אב פון צו זיין איהם אונטערטעניג, ווי מיר זעהען עס פונ׳ם מאמר (שבת קנ״ז) „כסי רישך כי היכי דתהוי עליך אימתא דשמיא״, און אזוי ווערט אויך בפירוש גע-זאגט אין רש״י (אין שבת ע״ז און אין קדושין ל״א), אז אבדעקען דעם קאפ איז א סימן פון פריקת-עול...

און דאס, אלזא, איז דער זין: „ובני ישראל נפקי בריש גלי״, מיט אבגעדעקטע קעפ, אלס צייכען פון מרידה, רעוואלוציע און פרייהייט...

(קול אומר קרא)

---

## ויאמר ד׳ אל משה מה תצעק אלי... (יד. טו.)

די ווערטער „מה תצעק אלי״ ווערען דורכ׳ן תרגום-אונקלוס איבער-זעצט — „קַבֵּלִית צְלוֹתָךְ״.

דער „נתינה לגר", ווי אויך אנדערע מפרשים, בעמיהען זיך אויף פער־שידענען אופנים צו ערקלערען דעם טעם, וואס עס האט בעוואויגען דעם תרגום צו דער דאזיגער מערקווירדיגער איבערזעצונג, לויט וועלכען עס קומט אויס, אז דער „מה תצעק אלי" איז נישט קיין שאלה, נאר פארקעהרט גאר — אנ'ענטפער, אבער די אלע געגעבענע ערקלערונגען בעפרידיגען נישט.

גיכער ווייזט אויס, אז דער תרגום האט זיך דא געשטיצט אויף די טעמי־הנגינה, דען די נגינה אויף די ווערטער „מה תצעק אלי" איז — „מרכא טפחה אתנחתא", און דער פשט איז אלזא: „מה תצעק", דאס וואס דו שרייסט, און בעטעסט — „אלי", איז אנגעקומען צו מיר, כ'האב דאס גע־בעט דערהערט און אנגענומען — „קבלית צלותך"...

(ה. סלושעווסקי)

---

## ויולך ד' את הים וכו' ויבקעו המים... (יד. כא.)

„הים ראה וינוס, מה ראה? ראה ישראל באים ורכוש של מצרים בידם" (מדרש תנחומא)

דער ים, זעהענדיג אזא אויסערגעוועהנליכע, ווונדערליכע זאך, אז „ישראל באים ורכוש של מצרים בידם", אז די אידען, כאטש זיי זענען געווארען אזוי רייך, מיט אזוי פיעל געלד און פערמעגען, דאך שרייען זיי צו גאט, דאך האבען זיי נישט פערגעסען אינ'ם אויבערשטען, איז ער דער־פון שטארק נתפעל געווארען, גרויס דרך ארץ פאר זיי בעקומען, און — „ויבקעו המים"...

(מנחת שי)

---

„קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף" (פסחים קי"ח)

וואס פאר א שייכות האט פרנסה צו קריעת ים סוף?

דען ביי קריעת ים סוף, כידוע, האט דער שר של מצרים גע־טענה'ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", אז צוליעב דעם, וואס אויך די אידען זענען זינדיג, זענען זיי דעריבער נישט ווערט דעם נס און די זעלבע טענה טענה'ט אויך דער מקטרג ביי פרנסה, אז די זינדיגע דארף מען קיין פרנסה נישט געבען, אבער אויך דא, ווי ביי קריעת ים־סוף, רע־כענט זיך נישט השי"ת מיט די טענות פון די מקטריגים, האלטענדיג, אז מען דארף נישט מאכען קיין אונטערשיעד, ווארום — „אין בודקין למזונות"...

(רבי שלום בעלזער)

---

## ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה... (יד. כב.)

דאָ שטעהט „בתוך הים ביבשה״, דאַגעגען אין ווייטערדיגען פסוק (ד. כט.) איז דער נוסח אַנדערש: „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים״?

דען די ערשטע, ווי עס זאָגען די חז״ל, זענען אַריינגעשפּרונגען אין ים נחשון בן עמינדב מיט זיין גרופּע, און ערשט נאכהער האָבען אויך די איבעריגע אידען, וועלכע האָבען זיך אין תחילת געוואַקעלט, נאָכגעטון זייער ביישפּיל.

דער ערשטער פּסוק בעציהט זיך אַלזאָ אויף דער ערשטער גרופּע אידען, אויף זיי ווערט געזאָגט: „ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה״, אַז זיי זענען אַריינגעשפּרונגען „בתוך הים״, נאָך איידער ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין יבשה, דאַגעגען אין צווייטען פסוק רעדט זיך שוין וועגען אַלע איבעריגע אידען בכלל: „ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים״, אַז אַריינ-געגאַנגען זענען זיי אַהין נאָכדעם, ווי ער איז שוין געהאַט פערוואַנדעלט געוואָרען אין יבשה...

(כלי יקר)

---

## ויבואו בני ישראל בתוך הים... (יד. יב.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „רבי מאיר אומר זה אומר אני יורד תחילה לים וזה אומר אני יורד תחילה לים, רבי יהודה אומר לא כך היה מעשה, אלא זה אומר אין אני יורד תחילה לים וזה אומר אין אני יורד תחילה לים״..

אויף דעם דאָזיגען באמת זעהר מערקווירדיגען מדרש פלעגט זאָגען רבי יהושע׳לע קוטנער, אַז רבי מאיר און רבי יהודה זענען לגמרי נישט מחולק צווישען זיך. רבי מאיר דערצעהלט, אַז יעדער איד האָט זיך געריהמט און געזאָגט „אני יורד תחילה לים״, דערויף איז מוסיף רבי יהודה, אַז דאָס אַלץ איז זעהר ריכטיג, אין תחילת האָט טאַקי יעדער פון זיי אַזוי געזאָגט, אָבער — „לא כך היה מעשה״, ווי נור עס איז געקומען למעשה, ווען מען האָט טאַקי אויף אַן׳אמת געדאַרפט אַריינשפרונגען אין ים אַריין, דאַמאָלס האָט זיך שוין יעדער איינער גענומען צוריקציהען — ״זה אומר אין אני יורד תחילה לים וזה אומר אין אני יורד תחילה לים״...

---

„הים ראה וינוס״ — ברייתא דר׳ ישמעאל ראה״ (מדרש פליאה)

בשעה קריעת ים סוף, זאָגען די חז״ל, האָט דער שר של מצרים זיך אַוועקגעשטעלט און גע׳טענה׳ט, אַז די אידען זענען נישט בעסער פון די

מצריים, וואָרום „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", און הגם די אידען זענען דערצו געצוואונגען געוואָרען, איז דאָך אָבער ביי עבודה זרה דער דין — „יהרג ואל יעבור"...

די דאָזיגע טענה האָט אָבער נישט אויסגענומען. „הים ראה וינס — בריתא דר' ישמעאל ראה" און רבי ישמעאל פסקנט, אַז אַפילו ביי עבודה זרה איז אויך „יעבר ואל יהרג", און די אידען זענען אַלזאָ אונשולדיג...

(פנינים יקרים)

---

## ויושע ד' ביום ההוא... (יד. ל.)

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ אידענע און געוויינט, אַז זי געפינט זיך נעביך אין אַ זעהר ביטערען מצב, האָט איהר דער צאַנזער געטרייסט, זאָגענדיג: האָט אמונה אין אויבערשטען, וועט איהר געהאָלפען ווערען! דערויף האָט איהם געענטפערט די אידענע: הייליגער רבי, אין אונזער תורה שטעהט דאָך אַנדערש געשריבען פריהער שטעהט „ויושע ד' ביום ההוא" און ערשט דערנאָך — „ויאמינו בד' ובמשה עבדו"...

רבי חיים צאַנזער האָט דעם דאָזיגען ענטפער פון אַ פשוטער אידענע שטאַרק געליובט און ער פלעגט עס איבער'חזר'ן ביי יעדע געלעגנהייט...

---

## וירא ישראל את היד הגדולה וכו' וייראו העם את ד'.... (יד. לא.)

פריהער ביי די עשר מכות — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — האָבען די אידען געהאַט ספקות, טראַכטענדיג אפשר איז דאָס אַלץ אַ צופאַל, אפשר איז עס מעשה-כשוף, ערשט דאַן ווען עס איז געווען „וייראו העם את ד'", ווען זיי האָבען דערפיהלט אין זיך גופא די „יראת הרוממות", ערשט דאַמאָלס האָבען זיי אָנגעהויבען משיג זיין, אַז עס איז אַלץ פון הימעל.

אַ פונק יראת-שמים — האָט דער קאָצקער דערביי אויסגעפיהרט — וועגט-איבער אַלע מופתים...

---

## אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת... (טו. א.)

דערויף פרעגט דער כלי-יקר: פאַרוואָס שטעהט נישט אויך ביי שירת-הבאר „את השירה הזאת", נאָר דאָ?

אנ׳אונפערשטענדליכע פראגע! אויך ביי שירת-הבאר (חוקת כא. יז.) שטעהט דאך בפירוש: „אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר וכו׳״!?..

---

## וישלך אל המים וימתקו המים... (טו. כה.)

„הקב״ה ממתיק מר במר״ (מדרש)

בשעת א מענש געפינט זיך אין א ביטערער לאגע, איז גאנץ אפט א טרייסט פאר איהם דאס, וואס ער זעהט, אז ס׳זענען פאראן אזעלכע, וועלכע עס איז נאך ביטערער פון איהם...

---

## שם שם לו חק ומשפט... (טו. כה.)

„שבת ופרה אדומה ודינין„ (רש״י)

די מפרשים בעמיהען זיך צו געפינען דעם מקור, פון וואנען רש״י האט גענומען, אז אויך די מצוה פון פרה-אדומה איז געגעבען געווארען אין מרה, דען אין דער גמרא (סנהדרין נ״ו) איז דער נוסח אביסעל אנ-דערש, נעמליך: „והוסיפו עליהם דינין ושבת וכיבוד אב ואם״, און אזוי איז אויך אין מכילתא.

אבער, ווי עס איז העכסט וואהרשיינליך, איז דא אריינגעפאלען א טעות-הדפוס. די ווערטער „וכיבוד אב״ זענען געשטאנען פערקירצט, אין ראשי-תיבות: „וכ״א״. אבער דער הבחור הזעצער, ווי עס טרעפט אפט, האט די כ׳ פערביטען אויף א פ׳ און עס איז ארויסגעקומען: ופ״א, און דערפון האט זיך גענומען דער גרייז — „ופרה-אדומה-...

(תורה תמימה)

---

## אם שמוע תשמע לקול ד׳ אלקיך והישר בעיניו תעשה... (טו. כו.)

„והישר בעיניו תעשה -- זה משא-ומתן, מלמד שכל מי שנושא ונותן באמונה וכו׳ מעלין עליו כאלו קיים כל התורה״...

(מכילתא)

---

## תשבעו לחם וידעתם כי אני ד׳... (טז. יב.)

עסען ברויט צו דער זעט און דערביי פונדעסטוועגען געדענקען אין גאָט, אָט דאָס איז אַ רבותא...

(רב, נפתלי ראפשיצער)

---

## ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט... (טז. כז.)

אין שבת-שירה איז, ווי בעקאַנט, אַ מנהג ביי אידען אַרויסצוּגעבען עסען פאַר די פייגעלעך. פון וואַנען נעהמט זיך דער דאָזיגער מנהג?

מחמת — זאָגט דערויף רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער — אין מדרש ווערט דערצעהלט, אַז דתן ואבירם האָבען פרייטאָג ביינאַכט פונאַנדערגעוואָרפען אין דרויסען זייערע פּאַרציעס מן, כדי צו ווייזען אויף-צומאָרגענס דעם עולם, אַז משה האָט געזאָגט ליגען און אַז דער מן פון הימעל פאַלט אויך אום שבת, אָבער צומאָרגענס אין דער פריה, ווען זיי האָבען גערופען די שכנים צו געהן קלויבען מן — „יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו״, האָט מען קיין שום מן נישט געפינען.

וואו-זשע איז עס אַהינגעקומען? — די פייגעלעך האָבען עס איבער נאַכט אויפגעגעסען...

און אַלס דאַנקבאַרקייט איז מען זיי דעריבער אינ׳ם דאָזינען שבת, שבת שירה, מכבד מיט שפייז. הויפטזעכליך מיט קאַשע, וואָס האָט דעם אויסזעהן פון מן...

---

## ואהרן יחזיר תמכר בידיו, מזה אחד ומזה אחד (יז. יב.)

אהרן האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכע סבלנות, „אוהב שלום ורודף שלום״, חור דאַגעגען איז געווען אַ שטרענגער קנאי, ביי דער מעשה-העגל האָט ער פאַר זיין געגענשטעלען זיך מיט׳ן לעבען בעצאָהלט... אָט דיביידע קאָנטראַסטען האָט משה גענומען אַלס זיינע אונטערשטיצער — „מזה אחד ומזה אחד״, דען דער אידישער מנהיג דאַרף גלייכצייטיג בעזיצען ביידע מדות. פאַרהאַן מאָמענטען, ווען ער מוז זיך אויסצייכענען מיט זיין סבלנות, און מאָמענטען — ווען ער מוז אַרויסווייזען קנאות...

(חכמה עם נחלה)

---

## כתוב זאת זכרון בספר וכו׳ כי מחה אמחה את זכר עמלק... (יז. יד.)

ווען די עקזיסטענץ פון עמלק׳ישען פאָלק וואָלט געווען אַ שטענדיגע און דויערהאַפטע, וואָלט נישט נויטיג געווען צו פערשרייבען עס אין ספר. זייער אָנוועזענהייט וואָלט עס אונז תמיד דערמאָהנט... היות אָבער, ווי „מחה אמחה את זכר עמלק״, מיט דער צייט וועט פון עמלק׳ן קיין זכר נישט בלייבען, און דאַדורך איז דאָך מעגליך, זאָלען מיר אין דער גאַנצער געשיכטע פערגעסען, דעריבער — „כתוב זאת זכרון בספר״, דאַרף מען עס פערשרייבען לזכרון...

(מלאכת מחשבת)

---

## כתוב זאת זכרון בספר ושים באָזני יהושע...

אויב מען פערשרייבט עס לזכרון אין ספר, טאָ נאָכוואָס האָט מען נאָך בעדאַרפט בעזונדער אָנזאָגען יהושע׳ן וועגען דעם? —

נאָר די חז״ל דערצעהלען אונז אין בבא בתרא (כ״א), אַז בשעת דוד האָט געפרעגט יואב׳ן פאַרוואָס ער האָט אין דער מלחמה געגען עמלק׳ן אויסגע׳הרג׳עט בלויז די זכרים („עד הכרית כל זכר באדום״) און נישט אויך די נקבות, ווערענד עס שטעהט דאָך בפירוש „תמחה את זכר עמלק״? האָט אים דערויף יואב געענטפערט, אַז דער רבי האָט מיט איהם געלייענט אין פסוק „זָכָר״ אָנשטאָט „זֵכֶר״... היות אַלזאָ, ווי מען קאָן דאָ האָבען אַ טעות צווישען דעם קרי און דעם כתיב, דעריבער איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז אויסער דעם „כתוב זאת זכרון בספר״, אויסער בכתב, זאָל אויך זיין „ושים באזני יהושע״, זאָל מען עס אויך איבערגעבען איינער דעם צווייטען בעל-פה, כדי מען זאָל זיך נישט טועה זיין אין ניקוד...

(ווילנער גאון)

---

# יִתְרוֹ

## כי יהיה להם דבר בא אלי ושפטתי וכו׳ (יח. טז.)

געדאַרפט וואָלט דאָך שטעהן אַ לשון־רבים: „באים אלי״? נאָר — האָט געזאָגט דערויף ר׳ דוד׳ל קאָצקער — די אידען זענען דאַמאָלס געווען אַזעלכע אַנשי־אמת, אַז בשעת צוויי אידען האָבען געהאַט צווישען זיך אַ סכסוך, האָט איין בעל־דין געשיקט דעם צווייטען, ער זאָל געהן צו משה׳ן, פאַר וועלכען ער זאָל פאָרלעגעןביידענס טענות און איהם פרעגען אַ פסק, זייענדיג זיכער, אַז יענער וועט איהם חלילה נישט אָבנאַרען...

---

## והזהרתה אתהם את החקים ואת התורות וכו׳ (יח. כ.)

מיט אַלע זאַכען — האָט יתרו געראָטען משה׳ן — מעגסטו זיך פאַר־נעהמען: זיין אַ פיהרער פון פאָלק, לערנען מיט איהם די פערשידענסטע געזעצען, די שווערסטע תורות, בלויז פון איין זאַך, פונ׳ם „ושפטו את העם״, פון דער פערמיטלונג אין זייערע געשעפטליכע עסקים און געלד־סכסוכים—דערפון אַנטלויף, דאָס לאָז איבער פאַר אַנדערע: „ואתה תחזה״...

(שמועה טובה)

---

## אַנשי חיל יראי אלקים אַנשי אמת שונאי בצע... (יח.כא)

„אַנשי חיל״ מיינט מען גבירים („הבוטחים על חילם״, „ועזבו לאחרים חילם״), „אַנשי אמת״ ווערען אָנגערופען — די תלמידי־חכמים („ותורתך אמת״, „וכל מצותיך אמת״, „תורת אמת היתה בפיהו״ וכו׳). איז בנוגע „אַנשי חיל״, די גבירים, דאַרף מען גוט זוכען, מען זאָל געפינען צווישען זיי „יראי אלקים״, ובנוגע ווידער די „אַנשי אמת״, די תלמידי־חכמים, וועלכע לעבען עפ״י רוב אין דחקות, דאַרף מען צווישען זיי שטאַרק קלויבען, זיי זאָלען זיין „שונאי בצע״...

(מטעמי יצחק)

---

## אנשי אמת שונאי בצע...

„בצע האט די בעדייטונג פון אייגענניצען („מה בצע כי נהרוג את אחינו"). עס זענען פאראן אזעלכע „אנשי אמת", וועלכע האבען גענומען דעם „אמת" אין מאנאפאל און מאכען דערמיט געשעפט... יתרו האט דערי-בער אויפמערקזאם געמאכט משה'ן, אז נעהמען זאל ער אזעלכע „אנשי אמת", וועלכע זענען „שונאי בצע", וועלכע ציהען נישט קיין אייגענניצען פונ'ם „אמת", ביי וועלכע עס איז נישט קיין פרנסה-זאך...

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

---

## אנשי אמת וכו' ושמת עליהם שרי אלפים, שרי מאות וכו' (יח. כא.)

אויך דער „אמת", פונקט ווי אלע אנדערע מדות, איז נישט ביי אלע-מען גלייך. פאראן דערביי שרי אלפים, שרי מאות, שרי חמשים, שרי עשרות, אזעלכע, וועלכע פערמאגען אין זיך א גרויסען פראצענט אמת, א קלענערען פראצענט, גאר א קליינעם פראצענט א. אז. וו...

(רבי דוד קאצקער)

---

מען האט אמאל געפרעגט דעם חדושי-הרי"ם: ווי קומט עס, וואס אין ווארשא, וואו דער רוב בעשטעהט פון פרומע אידען, זאל אין דער קהלה זיצען א מעהרהייט פון אסימילאטארען, „דייטשען"?

— דאס איז דערפאר — האט ער געענטפערט — ווייל אין איטליכען חסיד געפינט זיך אייגענטליך א געוויסער פראצענט „דייטש", און ממילא קומט אויס, איז באיכות בעשטעהט דער רוב פון דייטשען...

---

## ויחן שם ישראל נגד ההר... (יט. ב.)

„כאיש אחד בלב אחד" (רש"י)

ווען אלע אידען — פלעגט זאגען דער קאזשעניצער מגיד — זאלען שליסען צווישען זיך אחדות און זיך געבען די הענד, וואלט פון די אלע הענד געווארען איין האנד, וועלכע וואלט געקענט דערגרייכען ביז צום כסא-הכבוד...

---

## כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל אתם ראיתם וכו' (יט. ג.)

„בית יעקב" מיינט מען די פרויען און „בית ישראל" — די מענער. צו יעדע פון זיי דארף מען רעדען אנדערש, צו די ווייבער דארף געזאגט ווערען: „אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ואבא אתכם אלי". זיי דארף מען דערצעהלען און שילדערען די ליידען, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהען אין מצרים און ווי גליקליך זיי דארפען זיך פיהלען, וואס זיי זענען געווארען בעפרייט און אויסגעלייזט פון דער קנעכטשאפט. אנדערש אבער דארף גערעדט ווערען מיט די מענער, וועלכע עס דארף אויפגעקלערט ווערען דער העכערער, גייסטיגער זין פון יציאת מצרים און די אידעאלע שטרעבונגען, וועלכע זענען דערמיט פערבונדען. צו זיי דארף געזאגט ווערען: „ועתה אם שמוע תשמעו בקולי וכו' והייתם לי סגולה מכל העמים וכו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", און עס ווערט דערביי נאכאמאל בעטאנט: „אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל", אט די לעצטע ווערטער זאלסטו רעדען נאר מיט די בני ישראל, מיט די מענער, ווארום אויפ'ן „בית יעקב", אויף די ווייבער, וועלען אזעלכע זאכען, ווי „והייתם לי סגולה מכל העמים" און „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", קיין איינדרוק נישט מאכען. פאר זיי איז דאס קיין ענין נישט...

(ר' שלמה שטיקגאלד)

---

## ויבא משה ויקרא לזקני העם... (יט. ז.)

משה האט זיך אין תחלת געריכט, אז אויף זיין פארשלאג, מקבל צו זיין אזא שווערע תורה, וועלען זיך בלויז אברופען די „זקני העם", די עלטערע אידען. עס איז אלזא געווען פאר איהם א זעהר אנגענעהמע איבערראשונג, ווען ער האט דערהערט, אז „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד' נעשה", אז אבגערופען האט זיך דאס גאנצע פאלק, און דעריבער — „וישב משה את דברי העם אל ד'", איז ער גלייך אוועק איבערגעבען די פרעהליכע בשורה, אז נישט נאר די „זקני העם", נישט נאר דאס אלטווארג, נאר „כל העם", אויך די יוגענד איז גרייט מקבל צו זיין די תורה...

(באר מים חיים)

---

## ויענו כל העם יחדו ויאמרו וכו' (יט. ח.)

געוויס זענען דאן געווען צווישען די אידען אויך אזעלכע, וועלכע

האָבען קיין חשק נישט געהאַט מקבל צו זיין די תורה, אָבער צוליעב דעם, וואָס זיי זענען אַלע געווען פערזאַמעלט „יחדיו", צוזאַמען, האָט זיך איינער געשעמט פאַר'ן צווייטען...

און דעריבער ווערט געזאָגט: „מי שאין בו בושה, בידוע שלא עמדו אבותיו על הר סיני", וואָרום נור די געגענזייטיגע בושה האָט מען עס צו דאַנקען, וואָס ס'איז געקומען דאַן ביי קבלת-התורה צו אַזאַ איינשטימיגען הסכם...

(כתב סופר)

---

## כל אשר דבר ד' נעשה... (יט. ח.)

„כשאמרו ישראל נעשה ונשמע מיד אמר להם הקב"ה ויקחו לי תרומה" (תנא דבי אליהו)

דער זין פונ'ם דאָזיגען, אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר, איז גאַנץ איינפאַך. וועלענדיג אויספרובען די אידען, צי זיי מיינען טאַקי ערנסט מיט זייער אויסשרייען „נעשה ונשמע", האָט זיי השי"ת גלייך בעפוילען: „ויקחו לי תרומה"... די אמת'ע פרומקייט קאָן מען זעהען נאָר דאַמאָלס, ווען עס האַלט ביי דער קעשענע.

(אסם בושם)

---

## וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלותם... (יט. י.)

אַ געוויסער משכיל האָט אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל סלאָנימער, הלמאי די פרייע, די נישט-פרומע אידען, צייכענען זיך אויס מיט מעהר טאַקט און דרך-ארץ איידער די פרומע אידען, די לומדים און תלמידי-חכמים, וועלכע זענען גאַנץ ווייניג נזהר אינ'ם „דרך-ארץ קדמה לתורה". מיט וואָס ער-קלערט זיך עס?

— עס איז גאַנץ איינפאַך — האָט איהם רבי אייזיל געענטפערט — בשעת מען איז געגאַנגען געבען אידען די תורה האָט מען אויסגערופען: „היו נכונים!" מען זאָל זיין גרייט! איז די פשוט'ע אידען, די פערקנייטשטע, די בטלנים, האָבען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, זיי זענען גלייך גע-קומען צום באַרג און האָבען אויסגעהערט די תורה מהחל ועד כלה. די משכילים אָבער, די אינטעליגענטען, האָבען זיך געטראַכט: ווי פּאַסט עס צו קומען אין געזעלשאַפט, בפרט נאָך צו אַזאַ פייערליכען אַקט, אַט אַזוי ווי מען שטעהט און מען געהט? זענען זיי געלאָפען פריהער אַהיים מאַכען די טואַלעט, איבערטהון זיך, ברענגען אין אָרדנונג די פריזור, פערפומירען זיך וכדומה. דאָס אַלץ פערנעהמט, נאַטירליך, אַ סך צייט און ווען זיי זענען

אַוועק צום באַרג האָט מען שוין געהאַט פאַרגעלייענט די גאַנצע תורה שבכתב ושבעל פה, קומענדיג שוין צום סאַמע סוף, צו דער קלענסטער און לעצטער מסכת פון ש"ס — צו דער מסכת „דרך-ארץ"...

## וירד משה מן ההר אל העם... (יט. יד.)

„מלמד שלא הי' משה פונה לעסקיו אלא מן ההר — אל העם" (רש"י)

דער רבי פון לובלין, וועלכער איז געוועזן אַן אויסערגעווענליכער מתמיד, פלעגט אָפט מתרעם זיין אויף די חסידים, הלמאי זיי שטערען איהם און זענען איהם מבטל פון לערנען, דערויף האָט איהם רבי דוד'ל לעלעווער אָנגעוויזען אויף דער דאָזיגער רש"י' „מלמד שלא הי' משה פונה לעסקיו". וואָסערע עסקים האָט דען משה געהאַט, אַ חוץ תורה און עבודת-השם? איז דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז צוליעב צרכי-צבור דאַרף מען אויך פון די דאָזיגע עסקים מבטל זיין...

## וקול שופר חזק מאד... (יט. טז.)

אין פרקי דר' אליעזר (ל"א) ווערט געזאָגט, אַז פון די צוויי קרני האיל פון דער עקידה האָט השי"ת געמאַכט צוויי שופרות, מיט'ן לינקען שופר איז געבלאָזען געוואָרען בעת מתן-תורה און מיט'ן רעכטען שופר וועט ווערען געבלאָזען בזמן-הגאולה.

דען אויף מקבל צו זיין די תורה נויטיגט זיך אין התעוררות און אין קול השופר דער „לינקער" לאַגער, די, וואָס האָבען פערבלאָנדזשעט און זיך דערווייטערט פון דרך-השם; דאַגעגען בנוגע דער גאולה איז נויטיג צו רופען און צו וועקען הויפטזעכליך דעם „רעכטען" לאַגער, די וועלכע זענען, ליידער, אַממעהרסטען איינגעשפאַרט, האַלטענדיג, אַז מען דאַרף זיצען מיט פערלעג-טע הענד און גאָרנישט טהון...

(אמרי דרוש)

## ויוצא משה את העם... (יט. יז.)

הן נקרא ולא נבעת! (ווי אַזוי זאָלען מיר עס לייענען און דערביי קיין אַנגסט נישט האָבען). לטובה, ביים געבען די אידען די תורה, איז —

„ויוצא משה את העם״, האָט דאָס פאָלק געוואַרט, ביז משה וועט זיי צונויפ־זאַמלען און צונויפברענגען. דאַגעגען לרעה, ביי מחלוקת, ביי דער מעשה־מרגלים — „ותקרבון אלי כלכם״, איז דאָס פאָלק, אַלע ווי איין מאַן, אַליין געקומען...

(ירושלמי שקלים פ״א)

## וירד ד׳ על הר סיני... (יט. כ.)

געקומען איז — ווערט דערצעהלט אין מדרש — דער הר הכרמל און האָט פערלאַנגט, אַז אויף איהם זאָל געגעבען ווערען די תורה, ווייל אויפ׳ן דאָזיגען באַרג וועט מען אויסשעכטען די נביאי־הבעל און ער דיענט דערי־בער אַלס סימבאָל פאַר קנאת ד׳ צבאות, דאַן ווידער איז געקומען דער באַרג תבור, אַז אויף איהם זאָל מען געבען די תורה, דען אויפ׳ן דאָזיגען באַרג וועט דבורה איהר בעפרייאונגס־ליעד זינגען און ער דיענט דעריבער אַלס צייכען פון נאַציאָנאַלער מסירת־נפש. אויסגעוועהלט געוואָרען איז אָבער דער קליינער באַרג סיני, אויף וועלכען יצחק איז געוואָרען געפיהרט צו דער עקדה.. דען זיך אַליין צו ברענגען אַלס קרבן, דאָס איז מעהר העלדישקייט ווי יענעם אומצוברענגען, ווי אויסצו׳הרג׳ענען אַפילו פיער הונדערט נביאי־הבעל און סיסרא׳ס חיילות...

(הגות לב)

## פוקד עון אָבות על בנים... (כ. ה.)

דער פשט און זין פונ׳ם דאָזיגען פסוק, צו וועלכען עס טשעפען זיך די נעגנער פון דער אידישער תורה, איז גאַנץ איינפאַך: די זינד און די חסרונות פון די עלטערען געהען־איבער בירושה צו די קינדער. די קינדער פערקוקען זיך שטענדיג אויף די עלטערען און לערנען זיך אָראָב פון זיי סיי די גוטע, סיי די שלעכטע מדות...

(רבי משה חפץ)

## לא תשא את שם ד׳ אלקיך לשוא... (כ. ז.)

דערויף ווערט גע׳דרש׳נט אין פסיקתא רבתי: „אמר ר׳ זעירא שלא תקבל עליך משרה ואין אתה כדאי לשררה שנאמר לא תשא וכו׳״...

וואָס פאַר אַ סמיכות האָט דאָס אייגענטליך און ווי אַזוי איז דער דאָזיגער דרש געדרונגען פון פסוק?

נאָר, כידוע, ווערט דער רב און דיין אָנגערופען אין דער תורה מיט׳ן

נאמען „אלקים״, ווי „עד האלקים יבא דבר שניהם״ א. אז. וו. וויבאלד, אלזא, איינער פערגנעהמט דעם פאסטען פון רב און דיין און ער איז באמת נישט ראוי דערצו, קומט דאך אויס, אז ער טראגט אויף זיך דעם „שם ד׳ לשוא״...

(ר׳ ברוך פרענקעל)

## כבד את אביך... (כ. יב.)

די מצוה פון „כיבוד״ געהער צו יענער קאטעגאריע מצוות פון דער תורה, וואס אויב מען וואלט אונז נישט געווארענט וועגען זיי, וואלטען מיר זיי אליין מיט׳ן שכל נישט פערשטאנען, ווארום לויט אונזער בעגרענעצטען מענשליכען שכל קומט אויס פערקעהרט: קוים האלטען מיר אז „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא״, קוים בעטראכטען מיר דאס לעבען פאר אן׳אומגליק טא ווי אזוי קאן מען דערביי פערלאנגען פון מיר, אז איך זאל נאך אבי־געבען כבוד און דאנקבאר זיין יענעם, וועלכער האט מיך געבראכט צום דאזיגען אומגליק?...

(רבי משה חפץ)

## כבד את אביך ואת אמך...

דריי מאל ווערט געווארענט אין דער תורה אויף „כיבוד אב״, דאגעגען געפינען מיר נישט קיין איין מאל אן׳אנזאג אויף „כיבוד-בן״, און דאך זענען זיך אלע טאטעס מקריב פאר די קינדער און זעלטען א קינד זאל זיך מוסר־נפש זיין פאר א טאטען..

(עמק השרון)

„וראה בנים לבניך שלום על ישראל״ (תהלים קכ״ח)

קינדער האבען שטענדיג פרעטענזיעס צו די עלטערען, תמיד האבען זיי טענות, אז מען זארגט פאר זיי צו-ווייניג, ערשט ווען ס׳איז „וראה בנים לבניך״, אין די שפעטערע יאהרען, ווען אויך זיי אליין האבען שוין קינדער, פון וועלכע זיי האבען אויסצושטעהען די זעלבע קריעגערישע טענות, ערשט דאן איז „שלום על ישראל״, ווערען זיי פריעדליך געשטימט און זיי האבען שוין מעהר קיין טענות נישט צו זייערע אייגענע עלטערען...

(עלי זית)

רבי ברוך גארליצער פלעגט בדרך הלצה רופען זיינע אייניקלעך: מיינע שונאים׳ס שונאים...

אויפ׳ן פסוק „יודוך ד׳ כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך״ דרשנ׳ען די חז״ל (קידושין ל״א): „כששמעו כבד הודו גם לדברות הראשונות״.

פאַרוואָס עפּיס האָבען זיי אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג ערשט דאַן גראָד, ווען זיי האָבען געהערט די מצוה פון „כבד״? —

ווייל פון דער דאָזיגער מצוה האָט אויך זייער זיידע עשו געהאַלטען...

(שרגי טובא)

---

## לא תגנב... (כ. יג.)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט זיך יעדען טאָג נוהג זיין צו ערקלערען זיין שטוב און זיין גאַנץ פערמעגען אַלס הפקר, כדי טאָמער מאַכט זיך אַ גנבה זאָל דער גנב חלילה נישט עובר זיין אויף „לא תגנוב״, זייענדיג אַ „זוכה מן ההפקר״...

---

צוליעב דעם איז די תורה געגעבען געוואָרען די אידען אין דער מדבר, נישט וואַרטענדיג ביז זיי וועלען אריינגעהן קיין ארץ ישראל, ווייל — זאָגט דערויף דער מדרש (שמות רבה פ׳ י״ג) — „קטן אינו יודע לשמור את ירושת אביו עד שילמוד כתובין שידע לקרות ולכתוב ויעמוד על עמקן״.

בשעת, הייסט עס, מען געהט איבערגעבען איינעם אַ פערמעגען, אַ ירושה, דאַרף מען קודם־כל זעהען, אַז ער זאָל קיין אַנאַלפאַבעט נישט זיין, אַז ער זאָל קענען לייענען און שרייבען, כדי ער זאָל זיך אָריענטירען און וויסען, ווי מיט דעם פערמעגען אומצוגעהן...

---

די תורה איז געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, נישט אין ארץ־ישראל, אַלס צייכען, אַז לעתיד וועט די תורה ווערען דאָס אייגענטום פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע אומות — „כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם וכו׳ (צפניה ג. ט.).

(מהר״ל מפראג)

---

## וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק... (כ. יח.)

וירא — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — מען קאָן זעהען, וינעו — מען קאָן זיך אַפילו שאָקלען, און דאָך — ויעמדו מרחוק, זאָל מען זיין ווייט, ווייט פון סיני...

---

## לא תעשון אתי אלהי כסף... (כ. כג.)

„אלוה הבא בשביל כסף ואלוה הבא בשביל זהב — אזהרה לממנה דיין שאינו הגון"
(סנהדרין ז׳)

אין לעמבערג האָט קהל געזאָלט אויפנעהמען אַ דיין, וועלכער איז גרייט געווען צו געבען געלד, אָבער ר׳ שלמה קלוגער, דערוויסענדיג זיך דערפון, האָט דערצו באין־אופן נישט דערלאָזט. זענען געקומען די ראשי־הקהל און געפּרובט ווירקען אויף איהם, ערקלערענדיג, אַז דאָס געלד וועט נישט גענומען חלילה פון דיין אַלס שוחד, נאָר אויף די צרכי־הקהלה, אויף צו פעררייכטען דעם בית־המדרש, דעם פאַרקאָן אַרום בית־עולם וכדומה, דערויף האָט זיי ר׳ שלמה קלוגער געענטפערט, אַז דאָס טאַקי איז דער פשט פון פסוק „לא תעשון אתי אלהי כסף", „לא תעשון אתי", כ׳בין אייך מוחל, איהר זאָלט נעהמען כלומרשט דאָס געלד „אתי", פאַר מיינעטוועגען, אויף אַ דבר־מצוה...

---

## ולא תעלה במעלות על מזבחי... (כ. כו.)

רבי עקיבא אייגער האָט אָנגעזאָגט אין דער צואה, אַז אויף זיין מצבה זאָל מען קיין שבחים און מעלות נישט שרייבען, וואָרום ער וויל נישט קומען אויפ׳ן עולם־האמת מיט קיין שקרים, און ער האָט דערביי צוגעגעבען דעם פסוק — „ולא תעלה במעלות על מזבחי"...

---

# מִשְׁפָּטִים

## ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם... (כא. א.)

„אם אין אתם משמרים את הדינים הוא נוטל מכם את תורתו" (מדרש רבה)

די ערשטע שאלות, זאָגען די חז"ל, וואָס מען שטעלט דעם מענש ביים משפט פון בית-דין של מעלה, זענען: „נשאת ונתת באמונה, עסקת בתורה". פריהער פרעגט מען איהם, צי ער האָט געהאַנדעלט באמונה און ערשט נאָכהער — צי ער האָט עוסק געווען בתורה, און דאָס איז אויך דער זין פונ'ם דערמאָהנטען מאמר: „אם אין אתם משמרים את הדינים, הוא נוטל מכם את תורתו", אויב איהר וועט נישט היטען די משפטים, די דינים שבין אדם לחברו, האָט די תורה אייערע קיין שום ווערט נישט...

(כתב סופר)

---

„אשר תשים — אלו כלי הדיינים" (סנהדרין ז')

אַ מערקווירדיגע זאַך! בשעת אַ פרומער איד קומט צום דיין מיט אַ שאלה וועגען איסור והיתר, וועגען כשרות און טרפות, וואַרפט ער זיך אונטער דעם אַרויסגעטראָגענעם פסק און וואָגט נישט געגענצושטעלען זיך און אַ קרום וואָרט צו זאָגען, מעג דער שאָדען, וואָס ער ליידט צוליעב'ן פסק, ווי גרויס זיין. קוים אָבער קומט דער זעלבער איד צום זעלבען דיין וועגען אַ ענין פון „משפטים", אויף אַ דין-תורה צוליעב אַ געלד-סכסוך, דאַמאָלט מוז מען זיך עפ"י רוב, ליידער, בענוצען מיט די „כלי-הדיינים", מיט פערשיעדענע צוואַנגס-מיטלען, התראות, דראָהונגען, בעוואָרענישען און גאַראַנטיעס, אַז ער וועט מקיים-פסק זיין און האַלטען די דין-תורה...

(רבי יצחק אלחנן מקאָוונא)

---

## וכי יריבון אנשים וכו' (כא. יח.)

דער בעריהמטער גאון, רבי יצחק אייבעשיץ, וועלכער האָט געהאַט,

כידוע, זעהר פיעל אויסצוּשטעהן פון אינטריגעס, מחלוקת און רדיפות, שרייבט אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אין זיין ספר „תפארת יהונתן״:

„וכי יריבון אנשים — בעת מענשען קריגען זיך — והכה איש את רעהו — איז שוין פיעל גלייכער זיי זאָלען זיך שלאָגען, איידער זיי זאָלען אינטריגירען און פערשפרייטען רכילות איינער אויפ׳ן צווייטען, וואָרום — ורפא ירפא — אַ קלאַפּ פערהיילט זיך, פיעל ערגער איז מיט רכילות און לשון-הרע״...

---

## וכי יפתח איש בור או כי יכרה איש בר... (כא. לג.)

דער ערשטער „בור״ איז געשריבען מלא, מיט אַ ו׳, דער צווייטער „בר״ — חסר.

דען לויט׳ן דין פון דער גמרא איז אַ „פותח בור״ חייב נור דאַמאָלס, ווען ער עפענט אַ צוגעדעקטען גרוב, וואָס האָלט צעהן טפחים אין דער טיעף, דאַגעגען אַ „כורה בור״ איז חייב אַפּילו דאַן, ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיגען גרוב פון ניין טפחים און ער האָט בלויז צוגעגראָ-בען איין טפח.

אין ערשטען פאַל איז אונז, אַלזאָ, די תורה מרמז, איז ער חייב נור אויף אַ „בור מלא״, דאַגעגען אין צווייטען פאַל — אַפּילו אויף אַ „בור חסר״.

(ווילנער גאון)

---

## וכי יגוף שור איש את שור רעהו וכו׳ (כא. לה.)

„רעהו, למעוטי של הקדש ושל עובד-כוכבים״ (ב״ק ל״ז)

דער טעם פונ׳ם דאָזיגען דין, אַז וויבאַלד אַנ׳אָקס פון אַ אידישען בעל-הבית האָט אומגעבראַכט אַנ׳אָקס פון אַנ׳עובד-כוכבים. איז דער איד פטור פון בעצאָהלען איהם דעם שאָדען, איז דערפאַר — ווי עס ווערט ערקלערט אין רמב״ם הלכות נזקי ממון הלכה ה׳ — ווייל ביי די גוים האָט דאַן נישט עקזיסטירט דאָס זעלבע געזעץ, אַז דער מענש זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די שאָדענס פון זיין בהמה, און עס איז דעריבער דאָס אידישע רעכט אָבצוצאָהלען זיי מיט דער זעלבער מאָס און צו בעהאַנדלען זיי לויט זייערע אייגענע דינים.

וואָרום עס קאָן דאָך נישט פערלאַנגט ווערען, אַז דאָס אידישע געזעץ זאָל אַוועקשטעלען דעם גוי אין אַ מעהר פריווילעגירטען צושטאַנד, ווי דעם איד, אַז דער גוי דעם איד זאָל נישט דאַרפען בעצאָהלען, און דער איד דעם גוי — יאָ...

---

## כל אלמנה ויתום לא תענון... (כב. כא.)

רבי יעקב בערלין, דעם נציב׳ס פאטער, איז געווען א איד א סוחר און א שטוב איז ביי איהם געווען א נגידישע, מיט שען מעבעל און מיט פערשיעדענע אנטיקען, וואס ער פלעגט ברענגען פון אויסלאנד ויהי היום האט זיך די דינסט איינמאל צוגעריהרט צום גלאזווארג און האט נישט ווילענדיג צובראכען א טייערען אויסלענדישען סערוויז. איז די בעל־הבית׳טע, פערשטעהט זיך, ארויס אויף איהר מיט א געוואלד, געשריען און געזידעלט, ווי דער שטייגער איז...

— דו טארסט אויף איהר נישט שרייען — ווענדעט זיך רבי יעקב צום ווייב — זי איז פונקט אזא חשובה, ווי דו...

— אבער סטייטש — קאכט זיך דאס ווייב — אזא שאדען מיר אנגעמאכט, אזא היזק!...

— פאר׳ן היזק — ענטפערט איהר דער מאן — מעגסטו מאהנען, אבער שרייען אויף איהר האסטו קיין רעכט נישט...

— נו, אויב אזוי — ליארעמט זי — געה איך שוין מיט איהר צום רב — און זי כאפט אויף זיך די פאטשיילע און זי בעפעהלט דער דינסט צו געהן מיט איהר...

רבי יעקב שטעלט זיך אויף און טהוט אן די קאפאטע גרייט מיטצוגעהן.

— קאנסט זיצען — מאכט צו איהם דאס ווייב — כ׳דארף דיך ביים רב נישט האבען. כ׳קאן אליין טענה׳ן.

כ׳געה נישט טענה׳ן פאר דיר — ענטפערט איהר דער מאן — כ׳ווייס, אז אויף דיר ב״ה קאן מען זיך פארלאזען, דו דארפסט קיין טוען נישט האבען... געהען געה איך טענה׳ן פאר׳ן מיידעל, פאר דער דינסט, זי איז אן׳ארימע דערשראקענע יתומה און אליין וועט זי נעבעך נישט וויסען, וואס צו טענה׳ן...

---

די גאנצע צייט, וואס רבי חיים סאלאווייטשיק איז געווען רב אין בריסק איז זיין שטוב געווען אפען פאר אלעמען, וואו נאר א מר־נפש, א שווער געמיט, פלעגט ער קומען צו איהם, אויסרעדען זיך דאס הארץ, ווי פאר אנ׳אייגענעם טאטען. רבי חיים פלעגט אלעמען אויסהערען און העלפען מיט א ווארט, מיט אנ׳עצה, און גאנץ אפט אויך מיט געלד.

ויהי היום, איז אריינגעקומען צו איהם א אידיש מיידעל און מיט אנ׳אראבגעלאזט, שעמעוודיג פנים ערקלערט דעם רב, אז זי האט מיט איהם אליין עפיס צו רעדען, אלע זענען ארויסגעגאנגען און דאן האט דאס מיידעל פארבראכען מיט די הענד און זיך ביטער פונאנדערגעוויינט.

— וואָס איז אייך! — ווענדעט זיך צו איהר רבי חיים מיט אַ מילדען פּאַטערליכען טאָן, בעמיהענדיג זיך אויף פערשיעדענע אופנים זי צו בערוהיגען.

— רבי — כליפּעט דאָס מיידעל — כ׳בין אַן אָרימע יתומה, אָהן עלטערען אָהן השגחה... כ׳האָב זיך נישט בערעכענט. כ׳בין געווען לייכטזיניג און זיך געלאָזט פערפיהרען אין אַן אונגליק... און איצט האָב איך זיך נישט וואו אַהינצוטהון...

רבי חיים האָט זיך אויפ׳ן מיידעל נישט געבייזערט, נישט גע׳מוסר׳ט, אַדרבה! זי איינגענומען מיט גוטען, געגעבען איהר געלד אויף צו לעבען און איהר אָנגעזאָגט, אַז ווען זי וועט געבוירען דאָס קינד, זאָל זי עס ברענגען צו איהם, ער אַליין וועט עס פון איהר האַנד צונעהמען און קיינער וועט נישט וויסען.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, בעת רבי חיים איז געזעסען אין מיטען דער נאַכט און געלערענט, הערט ער אַ שטיל קלאַפּען אין דער טהיר. הויבט זיך רבי חיים אויף, געהט אַרויס אין פּעדער-הויז און ער דערזעהט דאָרט שטעהן דאָס מיידעל מיט אַ קוישעל אין האַנד... נעהמט ער צו דאָס קוישעל, טראָגט עס אַריין אין שטוב, וועקט אויף די רביצין און הייסט זי אַכטונג געבען אויפ׳ן נפש... אין דער פריה האָט רבי חיים געשיקט נאָך אַנ׳אַם און איהר איבערגעגעבען צו האָדעווען דאָס קינד צוזאָגענדיג איהר דערפאַר גוט צו בעצאָהלען...

פון דאַמאָלס אָן פלעגט מען נישט איינמאָל געפונען ביים רב אין פאָדערהויז אַנ׳אונטערגעוואָרפען קינד. רבי חיים פלעגט די אונטערגעוואָרפענע קינדער אַוועקגעבען צו אַמ׳ען און אַליין פאַר זיי צאָהלען...

---

איינמאָל — דערצעהלט מען — איז צו רבי חיימ׳ען געקומען אַנ׳אַם וועלכע ער האָט געגעבען צו האָדעווען אַנ׳אונטערגעוואָרפען קינד, מאָהנען איהר חודש-געלד. רבי חיים האָט גראָד דאַמאָלס ביי זיך קיין געלד נישט געהאַט. די רביצין אויך נישט. האָט ער געבעטען די אַם קומען אַנ׳אַנדערש מאָל. יענע איז אָבער געווען אַ ווייבעל מיט אַ מענה-לשון, הויבט זי אָן שרייען און מאַכען קולות:

— כ׳וועל נישט אַוועקגעהן פון דאַנען... כ׳קאָן נישט האָדעווען קיין ממזרים אומזיסט!...

רבי חיים האָט געליהען אַ גמילת-חסד ביי איינעם פון די דיינים און בעצאָהלט דער אַם.

אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, כאַפּט זיך רבי חיים, ווי ער וואָלט אין עפּעס פערגעסען, און הייסט זי צוריקרופען.

— ווייבעל — מאַכט ער צו איהר — אַז איהר וועט קומען אַהיים, זאָלט איהר אַביסעל אָבוואַרטען מיט'ן געבען דאָס קינד צו זויגען, מחמת איהר האָט אייך אויפגערעגט און די מילך קאָן, חלילה, דעם קינד פערשאַטען...

---

## כי אם צעק יצעק אלי... (כב. כב.)

עס איז דאָס איינציגע געוועהר נעבעך פון'ם אָרימאַן און אומגליקלי-כען. וואָרום וואָס דען בלייבט איהם צו טהון אין דער וועלט, וואו עס גילט דער כלל פון „כל דאלים גבר״? וואָס דען קאָן ער נעבעך מעהר טהון, ווי — שרייען?...

(דברי שאול)

---

## אם כסף תלוה את עמי וכו׳ (כב. כד.)

אם כסף תלוה את עמי — בשעת דו קומסט צו אַ נגיד בעטען אַ גמילת-חסד, ענטפערט ער דיר עפ״י רוב, אַז — את העני עמך — אַז ער איז פונקט אַזאַ אָרימאַן, ווי דו. און עס איז אויף איהם אַליין נעביך אַ רחמנות...

(רבי יהושע דזשיקאָווער)

---

דער דובנער מגיד איז איינמאָל אַרומגעגאַנגען זאַמלען געלד אויף אַ דבר-טוב און ער האָט געפּרובט אַריינגעהן נאָך אַ נדבה צום דאָקטאָר פון שטעדטעל. אָבער דער דאָקטאָר, אַנ'אַלטער בחור, אַ גרויסער גביר, און נאָך אַ גרעסערער קמצן, האָט איהם אָבגעזאָגט. מאַכט צו איהם דער דובנער: אַזוי ווי איהר זענט דאָך אַ דאָקטאָר, וואָלט איך אייך וועלען פרעגען אַ מעדיצינישע פראַגע:

— די חז״ל אונזערע זאָגען, אַז אויב איינער איז קראַנק אויף קדחת דאַרף ער זיך היטען און נישט עסען קיין פיש, מחמת פיש איז זעהר שעד-ליך צו דער דאָזיגער קרענק. היות ווי מיר פרומע אידען גלויבען דאָך, אַז אויף יענער וועלט וועט מען אונז געבען צו עסען פון לויתן, פרעגט זיך אַלזאָ: ווי איז, אַז איינער שטאַרבט פון קדחת, וועט ער מעגען דאָרט עסען פון לויתן, אָדער נישט?

דער דאָקטאָר שמייכעלט פון דער דאָזיגער „מעדיצינישע פראַגע״ און אַנשטאָט איהם ענטפערט דער דובנער:

— לויט מיין מיינונג — מאַכט ער — איז דאָ דער אויסוועג אַזוי: אויב דער פּאַציענט שטאַרבט, צוטיילענדיג זיין גאַנץ פערמעגען אויף צדקה,

וועט ער זיכער מעגען עסען פון לויתן, ווארום ער האט דאך איבערגעלאזט אויף דער וועלט א קדחת... דאגעגען אבער, אויב ער לאזט איבער זיין גאנץ פערמעגען דא, וועט ער פון לויתן נישט טארען עסען, ווארום ער וועט דאך מיטנעהמען מיט זיך א קדחת...

---

## אם כסף תלוה את עמי...

רבי אפרים זלמן מרגליות, וועלכער איז געווען נישט-נור א גרויסער גאון, נאר אויך א גרויסער עושר, איז בטבע געווען א קנאפער נותן. ער האט געגעבען — אבער נישט לויט'ן ערך פון זיין עשירות, איינמאל איז צו איהם געקומען אנ'ארימער איד, א תלמיד-חכם, בעטען, ער זאל איהם מיט עפעס ארויסהעלפען. רבי חיים זלמן האט איהם געגעבען א גאנץ קליינע נדבה, פון וואס יענער איז געבליבען שטארק אונצופרידען.

— כ'מוז אייך זאגען, רבי — מאכט ער צו איהם — איך האב געלייענט אלע אייערע ספרים און כ'בין פון זיי שטארק נתפעל געווארען. יעדעס ספר אייערס איז הפלא ופלא. בלויז די „ידי אפרים" (דער נאמען פון רבי אפרים זלמנ'ס א ספר), האט קיין פעראיבעל נישט, זעגען אביסעל שווערליך...

---

## כי היא כסותו לבדה היא שמלתו לעורו... (כב. כו.)

דאס ווענדעט זיך די תורה צום עשיר, דעם קמצן און אביר-לב, וואס טהוט אין זיין גאנצען לעבען קיין גוטס נישט און „עד בוא השמש", ביז צום לעצטען טאג, ווען זיין זון פערגעהט, וויל ער קיין צדקה נישט געבען, און זי זאגט צו איהם: „כי היא כסותו לבדה", די צדקה, דאס איז דאס איינציגע בגד, וואס ער נעהמט מיט מיט-זיך, „היא שמלתו לעורו", דאס איינציגע קלייד, וואס איז איהם ביכולת צו בעשיצען און א גוטען נאמען איבער-צולאזען. אויב אויך אן דעם וועט ער אוועקגעהן פון דער וועלט — „במה ישכב?" מיט וואס וועט ער דארט ליגען אין קבר?...

(כלי יקר)

---

## ודל לא תהדר בריבו... (כג. ג.)

בשעת אנ'ארימאן קריגט זיך מיט'ן רבונו של עולם און האט צו איהם טענות, זאלסטו נישט אויף איהם מצדיק את הדין זיין און זאגען: „א שענע

זאַך אויף איהם״, מסתמא האָט ער זיך אַזוי פערדיענט... מאַך נישט דעם אויבערשטען גערעכט און דעם אָרימאַן — אומגערעכט...

(החוזה מלובלין)

---

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט, כידוע, זעהר אָפט זיך אויס־שמועסען מיט׳ן רבונו של עולם און האָבען צו איהם טענות.

פלעגט דער מעזשיבוזשער זאָגען אויף איהם:

— לויט רבי לוי יצחק׳ן, האָט נאָך השי״ת אַנטקעגען קיין איין איד נישט יוצא געווען...

---

## מדבר שקר תרחק... (כג. ז.)

עס האָט אַמאָל אַ חסיד געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בער: עס שטעהט אין פסוק „אמת מארץ תצמח״. הייסט ווי באַלד דער אמת וואַקסט אַזוי פראַנק און פריי אויף דער ערד, טאָ פאַרוואָס איז דאָ אַזוי ווייניג אמת אויף דער וועלט?

— דערפאַר — האָט איהם דער רבי ר׳ בער געענטפערט — ווייל דער עולם וויל זיך צו איהם נישט אַראָבבויגען...

---

דער קאָצקער רבי פלעגט זאָגען: „אמת מארץ תצמח״. קיין זאַך קאָן אָבער נישט וואַקסען, אויב מען פערזייהט איהם נישט פריהער, און די זריעה פון אמת איז דער שקר. אַז מען בעגראָבט דעם שקר — וואַקסט אַרויס דער אמת...

---

## שבעת ימים תאכל מצות... (כג. טו.)

דעריבער—זאָגט דער ספרי אין פ׳ ראה—האָט די תורה בעשטימט, אַז פסח און סוכות זאָל מען פייערען צו זיעבען טעג יום-טוב און שבועות נור איין טאָג, ווייל דאַמאָלס, נאָכ׳ן זמן הקציר און זמן האסיף, זענען די מענשען פריי פון אַרבייט, דאַגעגען שבועות, ווען עס איז אַ צייט פון אַרבייט, האָט די תורה געהייסען מען זאָל נור פייערען איין טאָג יום-טוב...

---

## לא תהיה משכלה ועקרה בארצך, את מספר ימיך אמלא... (כג. כו.)

אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז די זיבען אידישע עקרות, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין תנ"ך, זענען כנגד די זיבען טעג פון דער וואָך. די זיבען עקרות זענען: שרה, רבקה, רחל, חנה, אשת מנוח, שונמית און — ירושלים, וועגען וועלכער עס ווערט געזאָגט „רני עקרה לא ילדה". די אַלע עקרות זענען סוף-כל-סוף נפקד געוואָרען, אַ חוץ ירושלים, צוליעב וואָס עס פעהלט נאָך אַזוי אַרום דער תיקון פון זיבעטען טאָג, אָבער ווען — „לא תהיה משכלה ועקרה בארצך", בעת ארץ-ישראל וועט מעהר קיין עקרה נישט זיין און אויך ירושלים וועט במהרה בימינו ווערען אויפגעריכט, דאַן „את מספר ימיך אמלא", וועט דאַן ערפילט ווערען דער מספר פון אַלע זיבען טעג...

(חשב האפוד)

---

## הנה דם הברית אשר כרת ד' עמכם על כל הדברים האלה... (כד. ח.)

דאָס איז דער „דם-הברית", די אונאויפהערליכע טייכען בלוט, וואָס מיר פערגיסען „על כל הדברים האלה", פאַר'ן קיום פון דער תורה און איהרע מצוות... אַזוי איז דער ווילען פון דער השגחה העליונה. דעם דאָזיגען „דם-הברית" מוזען מיר צאָהלען אָהן אויפהער ביז'ן היינטיגען טאָג!

(הקדוש שלמה מולכו)

---

## ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו... (כד. יא.)

פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען נישט מקפיד און זענען זיך נוהג צו עסען אין וועלכען אידישען הויז זיי זאָלען נישט אַריינקומען, האַלטענדיג, אַז אויב עס איז נור אַ איד, דאַרף מען קיין שאלות נישט פרעגען... באמת אָבער דאַרף זיין „ויחזו את האלקים ויאכלו וישתו", איידער מען זעצט זיך אוועק ביי יעמעצען עסען, דאַרף מען זיך פריער גוט אַרומקוקען, צי עס איז פאַרהאַן אידישקייט און „יראת אלקים" אין דער דאָזיגער שטוב...

(מטה אהרן)

# תְּרוּמָה

## ויקחו לי תרומה... (כה. ב.)

רבי מענדעלי קאָצקער און רבי יצחק וואָרקער האָבען געהאַט, כידוע, צוויי גאַנץ בעזונדערע דרכים: דער קאָצקער האָט געפּראַוועט התבודדות, געזעסען יאָהרען־לאַנג אָבגעשלאָסען אין אַ צימער, אָבגעזונדערט און דער־ווייטערט פון אַלעמען. דער וואָרקער דאַגעגען האָט געלעבט שטענדיג צווישען עולם, צוזאַמען מיט די חסידים בראָנפען געטרונקען און צוזאַמען מיט זיי אַ רקידה׳לע געטאַנצט...

איינמאָל — און געווען איז עס אין פּרשת תרומה — בשעת די צוויי צדיקים זענען זיך צונויפגעקומען און עס האָט זיך פערבונדען צווישען זיי אַ הויכער שמועס, האָט דער וואָרקער געפרעגט דעם קאָצקער, הלמאי ער איז זיך אַזוי מתבודד פון דער וועלט.

— מיין דרך — האָט איהם געענטפערט דער קאָצקער — איז מרומז אין דער היינטיגער סדרה. „ויקחו לי״, אויב אַ איד וויל זיך נעהמען אויפ׳ן ריכטיגען וועג, ווי רש״י זאָגט, „לשמי״, אויפ׳ן דרך־השם, איז די איינציגע עצה דערצו—„תרומה״, ער זאָל זיך אָבשיידען און אָבזונדערען פון מענשען, נישט נור פון די שלעכטע מענשען, נאָר אַפילו פון די גוטע. אַפילו „מאת כל איש אשר ידבנו לבו״, נור דורך אַזאַ אופן קאָן ער צוקומען צו עבודת־השם...

— און אויך מיין דרך — האָט איהם דערויף דער וואָרקער געענטפערט —איז מרומז אין דער היינטיגער סדרה, אינ׳ם זעלבען פּסוק. „ויקחו לי״. אויב אַ איד וויל זיך נעהמען אויפ׳ן ריכטיגען וועג, ווי רש״י זאָגט „לשמי״, אויפ׳ן דרך־השם, איז די איינציגע עצה דערצו — „תרומה״, צו נעהמען תרומה פון יעדען איד, פון יעדען עפּיס אַראָבצולערנען, מיט יעדען זיך מתחבר צו זיין, אָבער נישט מיט די שלעכטע, נאָר מיט די גוטע האַרציגע אידען, „מאת כל איש אשר ידבנו לבו״—נור דורך אַזאַ אופן קאָן מען צוקומען צו עבודת־השם...

---

„ויקחו לי תרומה — לי לשמי" (רש"י)

עס איז זעהר מעגליך, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלען אַ טעות-הדפוס און נשטאַט „לשמי" דאַרף זיין „משלי", ווי מיר געפונען עס עטליכע מאָל ביי די חז"ל: אין תרומה ל"א — „ועשו לי מקדש, משלי", אין יומא ג׳ — „קח לך, משלך", און אין נאָך אַנדערע ערטער.

(אורח משפט)

## ויקחו לי תרומה וכו׳ וזאת התרומה אשר תקחו מאתם וכו׳ (כה. ב.)

„ויקחו לי תרומה", די תרומה, וואָס איהר וועט נעהמען פאַר מיינעטוועגען, „לי — לשמי", לשם שמים, איז „מאת כל אשר ידבנו לבו", איז גענוג פאַר מיר בלויז דאָס האַרץ זיינס, די גוטע כונה, דען „רחמנא לבא בעי", דאַגעגען „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם", בנוגע די תרומה, וואָס איהר וועט נעהמען פאַר׳ן משכן, דאָ איז שוין נישט גענוג דאָס בלויזע האַרץ, נאָר טאַקי — „זהב וכסף ונחושת"...

(רבי עקיבא אייגער)

און דאָס איז אויך דער פשט: „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים". בנוגע דעם „שיכוון לבו", די גוטע כוונה ביים געבען די נדבה, איז „אחד המרבה ואחד הממעיט", מאַכט נישט אויס, אויב די כונה איז ביי איינעם אַ ביסעל שוואַכער, נישט מיט׳ן גאַנצען האַרצען. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם", בנוגע די נתינה זעלבסט, דאָ איז שוין נישט „אחד המרבה ואחד הממעיט", נאָר „זהב וכסף ונחושת", דאַרף מען טאַקי געבען און נעהמען וואָס-מעהר...

(ארונו של יוסף)

## ויקחו לי תרומה...

ביי צדקה איז דער געבער אַ נעהמער. צדקה גיט מען נישט יענעם, נאָר זיך. „עשר — פשביל שתתעשר"... און דערויף איז מרמז די משנה אין שבת: „פשט העני את ידו לפנים ונתן לתוך ידו של בעל-הבית", נישט דער אָרימאַן נעהמט פונ׳ם בעל-הבית, נאָר דער בעל-הבית — פונ׳ם אָרימאַן, דען אין דעם זכות לעבט ער און עקזיסטירט...

(אפריון)

„בנימין הצדיק החי' אשה וו' בניה — הוסיפו לו כ"ב שנה על שנותיו" (ב"ב י"א)

פאַרוואָס עפּיס גראָד כ"ב שנה?

זאָגט דערויף דער ווילנער גאון:

דאָס איז דאָך בלתי ספק, אַז בנימין הצדיק האָט אַודאי מקיים געווען די מצוה פון צדקה לויט'ן דין, אַז מען דאַרף דעם אָרימאַן בשעת מעשה מפייס זיין און זעהען אַז ער זאָל נישט מבויש ווערען, און „המפייסו בדברים — זאָגען די חז"ל — מתברך בי"א ברכות", געגעבען האָט ער די צדקה אַכט נפשות, „אשה וו' בניה" — איז אַלזאָ צוזאַמען פ"ח ברכות. „יש לה זכות — זאָגט די משנה אין סוטה — תולה לה ג' חדשים", פאַר יעדען זכות בעקומט מען, הייסט עס, אַ פערלענגערונג אויף דריי חדשים, און אַכט און אַכציג מאָל צו דריי חדשים, זענען אַלזאָ, צוזאַמען — צוויי און צוואַנציג יאָהר...

---

אַנ'אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צו רבי שמעלקע ניקעלשבורגער נאָך אַ נדבה, און אַזוי ווי ער האָט גראָד נישט געהאַט קיין געלד ביי זיך, האָט ער גענומען און איהם אַוועקגעגעבען דעם ווייבס פינגערל, די רביצין האָט זיך דערפון דערוואוסט און אויפגעהויבען אַ געוואַלד. וואָס האָסטו געטהון? — האָט זי געשריען צום מאַן — אין דעם פינגערל איז דאָך געווען איינגעפאַסט אַ טייערער בריליאַנט... הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט רבי שמעלקע גלייך געכאַפּט און אַרויסגעשיקט אַ שליח איבער'ן שטעדטעל אויפצוזוכען דעם אָרימאַן, די רביצין איז געזעסען און געוואַרט מיט אונגעדולד און דערזעהענדיג ענדליך דעם שליח צוריק איז זי איהם אַנטקעגענגעלאָפען:

— נו, וואָס? געפונען איהם?

— יאָ.

— און אָבגענומען ביי איהם דאָס פינגערל?

— ניין... דער רבי האָט מיר דען געהייסען אָבנעהמען דאָס פינגערל?

— וואָס דען — קוקט די רביצין אויף איהם פערוואונדעט — האָט ער דיך געהייסען?

— דער רב, האָט מיר געהייסען זאָגען דעם אָרימאַן, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזען אָבנאַרען און ער זאָל דאָס פינגערל נישט צו ביליג פערקויפען, וואָרום עס איז אין איהם איינגעפאַסט אַ טייערער בריליאַנט...

---

„ארבעה אין הדעת סובלתן — זאָגען די חז"ל — דל גאה ועשיר מכחש וזקן מנאף וכו'" (פסחים קי"ג)

די אַלע געבראַכטע ביישפּיעלען זענען וועגען אַזעלכע, וועלכע זענען

זיך נוהג להיפך, ווי זיי וואלטען לויט זייער שטאנד זיך געדארפט אויפ־פיהרען. און אויך „עשיר מכחש" מיינט מען נישט סתם, אנ׳עושר וואס זאגט ליגען, נאר אזעלכער, וועלכער זייענדיג רייך און מען קומט צו איהם נאך א נדבה, פערלייקענט ער זיין עשירות און טענה׳ט, אז ער איז אנ׳ארי־מאן און ער איז נעביך נישט בכוח צו געבען...

(לחמי תודה)

---

און דאס איז אויך דער טייטש פון פסוק: „שבתך בתוך מרמה מאנו דעת אותי" (ירמי׳ ט.)

עס טרעפט, בעת אנ׳ארימער קרוב קומט צו זיין רייכען קרוב נאך א נדבה, איז ער זיך מתנצל פאר איהם און פארטרויט איהם בסוד, אז לעולם איז ער נעביך אויך אליין א איד אנ׳ארימאן, און דאס, וואס ער וואוינט אין אזא שענע, רחבות׳דיגע דירה און פיהרט אזא ברייט הויז — דאס מוז ער נעביך טהון, פאר מענשענס וועגען, בכדי מען זאל איהם האלטען פאר א גביר און מען זאל איהם נישט אבציהען דעם קרעדיט...

טענה׳ט אלזא דער מוכיח: „שבתך בתוך מרמה", בנוגע דיין פריוואט לעבען, האלסטו אין איין בענוצען זיך מיט מרמה, מיט שווינדעל, בארענדיג דעם עולם, איינרעדענדיג אלעמען, אז דו ביזט א גביר. דאגעגען אבער „מאנו דעת אותי"! ווי נאר עס קומט צום „אותי", צו א דבר־מצוה, צו צדקה, דא ווילסטו שוין נישט בענוצען זיך, חלילה, מיט שווינדעל, דא ווערסטו מיטאמאל אנ׳עהרליכער מאן, א קבצן, וואס קאן זיך נישט ערלויבען צו געבען א נדבה...

(נחלי דבש)

---

דער אמשינאווער רבי, רבי מנחם דוד, איז אמאל אריינגעקומען צו א גביר בעטען שטיצע פאר זיינעם אנ׳ארימען קרוב, אבער דער גביר האט זיך געפרובט ארויסדרעהען, אז דאס איז גאר א ווייטער קרוב, וועלכען ער קען רעכט נישט.

רופט זיך אן צו איהם דער אמשינאווער רבי:

— דאווגען דאווענט איהר יעדען טאג?

— וואס הייסט — חידוש׳ט זיך דער גביר — זענט איהר מיך דען, רבי, חושד, חלילה, אז איך דאווען נישט?

— נו, אויב איהר דאווענט, איז ווי אזוי הויבט זיך אן די ערשטע ברכה פון שמונה־עשרה?

— נו, ווייסט מען דאך — ווערט דער גביר שוין אביסעל אונגעדול־דיג פון דער קינדערשע שאלה — אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב...

— ווער זענען זיי געווען די דאָזיגע אברהם יצחק ויעקב? — וויל איהם דער רבי נאָך אַלץ נישט אָבלאָזען...
— וואָס הייסט ווער, די אבות...
— ווען האָבען זיי געלעבט די אבות, ווי לאַנג איז שוין?
— ס'איז דאָך ידוע... שוין אַ שענע פּאָר טויזענד יאָהר...
— אמת — איז מסכים דער אַמשינאָווער רבי — שוין אַ שענע פּאָר טויזענד יאָהר, און פונדעסטוועגען זענט איהר זיי מזכיר דריי מאָל אין טאָג און איהר ווילט אין זכות פון די דאָזיגע ווייטע קרובים פון פּאָר טויזענדער יאָהרען געהאָלפען ווערען, און אַז איך קום צו אייך וועגען אַרויסהעלפען אַ נאָהנטען קרוב פון אייער משפחה, אַ לעבעדיגען קרוב, איז ער גאָר פרעמד פאַר אייך צו-ווייט?...

---

רבי יחזקאל'ע קוזמירער פלעגט זאָגען: „כי צדיק ד' צדקות אהב, ישר יחזו פנימו" (תהלים י"א. ז'). געוועהנליך, בשעת איין מענש דאַרף אָנקומען צום צווייטען נאָך אַ נדבה, האַלט דער מקבל אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, שעמענדיג זיך צו קוקען אויפ'ן נותן. אָבער „ד' צדקות אהב", השי"ת האָט ליעב נאָר אַזאַ צדקה, ביי וועלכען עס איז „ישר יחזו פנימו", ביי וועלכען דער מקבל פיהלט זיך לגמרי נישט נעפאַלען און אייגער דעם צווייטען קאָן גלייך קוקען אין פנים אַריין...

---

## מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי...

עס האָבען דאַן זיכער נישט געפעהלט ביי אידען קיין רייכע יחידים, וועלכע זענען אַליין געווען גרייט און ביכולת צו דעקען אַלע אויסגאַבען פון משכן, אָבער דער רצון פון השי"ת איז געווען, אַז „כל איש אשר ידבנו לבו", אַז אַלע זאָלען זיך בעטייליגען אין דער גרויסער מצוה, אַז יעדער איד זאָל מיט זיינע גראָשענס האָבען אַ חלק בבנין-המשכן...

(אהבת יהונתן)

---

## מבית ומחוץ תצפנו... (כה. יא.)

„מבית ומחוץ, לרמוז על ת"ח שיהא תוכו כברו" (יומא ע"ב)

דער רבי פון לובלין, דער „חוזה", האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ פראָסטען פרומען איד, געזאָגט צו איהם:

— איך בין אייך מקנא, איהר זענט מעהר צדיק פון מיר. א רבי מוז בעל-כרחו זיין פרום, ווארום מען קוקט איהם נאך פון אלע זייטען. זאל איך חלילה עובר זיין אויף דעם מינדעסטען פרט פון א מצוה קלה, זאל אמאל נישט אבגיסען חלילה די נעגעל, וועט ווערען א רעש: דער חוזה גיסט זיך נישט אב די נעגעל!... אבער איהר, פשוט'ער איד, וואס קיינער קוקט אייך נישט נאך און דאך זענט איהר פרום — זענט איהר דאך באמת א צדיק גמור...

—

## פרשי כנפים למעלה וכו' ופניהם איש אל אחיו... (כה. כ.)

אייער גייסט, אייערע הערצער זאלען זיין געווענדעט אין דער הויך, צום הימעל, אבער „ופניהם איש אל אחיו", מיט די פנים'ער זאלט איהר שטעהן איין ברודער געגען צווייטען. די „מצוות שבין אדם לחברו" זענען פונקט אזוי וויכטיג ווי די „מצוות שבין אדם למקום"...

(עוללתו אפרים)

—

## ועשית שלחן עצי שטים וכו' (כה. כג.)

ביים ארון איז די ברייט געווען די זעלבע מאס, וואס די הויך, ביים שלחן דאגעגען האט מען די ברייט געהייסען מאכען שמעלער, ווי די הויך.

דער טיש, האט מען אונז דערמיט מרמז געווען, דארף נישט געפיהרט ווערען צו ברייט, ער דארף זיין קלענער ווי די הויך, קנאפער ווי עס ערלויבען די מעגליכקייטען...

(מטה אהרן)

—

## ועשית יריעות עזים לאהל על המשכן... (כו. ז.)

אט דאס גאנצע אונגעהויערע רייכטהום: די קרשים מצופים זהב, די בריחים מצופים זהב, די טבעות זהב, די יריעות תכלת וארגמן ותולעת-שני, — דאס אלץ איז נאכהער איבערגעדעקט און פערצויגען געווארען מיט איינפאכע, ביליגע יריעות-עזים און פערשפילעט מיט פשוט'ע קרסי-נחשת, אלס רמז אוןביישפיעל פאר די בני ישראל, זיי זאלען וויסען, ווי זיך אומצוגעהען מיט עשירות, אז אויסערליך דארף מען זיך בעמיהען אויפצופיהרען

איינפאַך, בעשיידען, כדי נישט צו דערוועקען קיין קנאה צווישען די שכנים נישט צו מאַכען רעדען פון זיך, נישט אויפצורייסען לייטען די אויגען...

(קניני קדם)

# תְּצַוֶּה

## ויקחו אליך שמן זית זך... (כז. כ)

„אמר הקב״ה, הזית הזה מביא אורה לעולם, הה״ד והנה עלה זית טרף בפיה״ (מדרש רבה)

פערשפרייטען ליכט אויף דער וועלט, זיין א וועג-ווייזער פאר מענשען און ערציהען זיי בדרך-האמת, דאס קאן נור אזעלכער, וועלכער איז אין זיין מאטעריעלער עקזיסטענץ נישט אבהענגיג און נישט משועבד צו קיינעם, פונקט ווי די טויב, וועלכע האט געטראגען אן׳עלה-זית אין מויל און גע-זאגט: „יהי׳ מזונותי מרורים כזית מידו של הקב״ה ואל יהי׳ מתוקים כדבש מידיהם של בני אדם״ (עירובין י״ח)...

(חות יאר)

---

„הרואה שמן זית בחלום יצפה למאור תורה, שנאמר „שמן זית זך כתית למאור״

(ברכות נ״ז)

„זית״ איז דער סימבאל פון הסתפקות במועט, ווי מיר געפינען: „אמרה היונה יהי׳ מזונותי מרורים כזית״. און דאס אלזא איז די כונה: „הרואה שמן זית בחלום״, דער וואס חלומט און נעהמט זיך פאר צו באגנוגנען זיך מיט א בעשיידען לעבען, יענער קאן האפפען צו דערגרייכען „למאור תורה״, דען — „כך דרכה של תורה פת במלח תאכל וכו׳״...

(המגיד)

---

## להעלת נר תמיד וכו׳ מחוץ לפרכת... (כז. כ)

זאל דאס געטליכע פייער לייכטען אין יעדען אידען, נישט נור אינ-ווייניג, אין אהל מועד, אין שוהל און אין בית-המדרש, נישט נור בשעת׳ן דאווענען און לערנען, נאר אויך „מחוץ לפרכת״, אויך אין דרויסען, אין גאס, אין זיינע וואכעדיגע, טאג-טעגליכע עסקים, אין זיינע מעשים בין אדם לחברו.

(ילקוט אליעזר)

---

## ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך... (כח. א.)

משה איז געווען גענייגט צו התבודדות, צו איינזאמקייט — „ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה", אהרן דאגעגען איז געווען, פערקעהרט, א מעורב בין הבריות — „אוהב שלום ורודף שלום". השי"ת האט דעריבער געזאגט צו משה'ן: „ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך", ער זאל זיך מקרב זיין צו דער מדה פון אהרן הכהן, ער זאל זיך דערנעהנטערען צום פאלק. א מנהיג טאר נישט זיין קיין מתבודד...

(רבי נפתלי ראפשיצער)

---

## ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת... (כה. ב.)

עס איז געווענדעט, ווער עס טראגט די בגדי-קדש, דעם איצטלא דרבנן. לכבוד ולתפארת זענען זיי נור דאמאלס, ווען עס טראגט זיי — אהרן אחיך, א מענש, וועלכער איז ראוי און פאסענד דערצו...

(באר יצחק)

---

דער דובנער מגיד איז אמאל אריינגעפאלען שבת צווישען א חסידישען עולם, וואו אלע זענען געווען געקליידעט אין זיידענע זופיצעס און געטראגען שטריימלעך. ער האט זיי אנגענומען פאר תלמידי-חכמים און גענומען שמועסען מיט זיי אין לערנען, ביי וואס ער האט זיך אבער באלד איבערצייגט, אז ער האט נישט פאר זיך קיין געהויבענע לומדים.

מאכט ער צו זיי: די גמרא זאגט „מפני מה ת"ח שבבבל מצוינים, מפני שאינם בני תורה". פרעגט זיך א קשיא: אויב זיי זענען נישט קיין בני-תורה, טא פארוואס רופט ער זיי אן „תלמידי חכמים"?

נאר דער פשט איז: ווייל זיי זענען נישט געווען קיין בני-תורה, זענען זיי דעריבער געווען „מצוינים", האבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט'ן טראגען רבנ'ישע קליידער, כדי זיי זאלען כאטש אויסזעהן, ווי תלמידי-חכמים...

---

רבי גרשון העניך פלעגט זאגען, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהען קיין נאכגעמאכטען רבי'ן. ווארום וואס הייסט א נאכגעמאכטער רבי? — א מענש, וואס לאזט זיך וואקסען לאנגע פאות, טהוט אן א זיידענע זופיצע, ווייסע זאקען וכדומה, איז אויב איינער טהוט דאס, ווערט ער שוין

דערמיט אליין אַ רבי, דען אין דעם טאַקי בעשטעהט דאָך די גאַנצע היינ־טיגע רבי׳סטווע!...

---

רבי שמואל מאָהילעווער איז אַמאָל געווען אין אַנ׳אויסלענדישען קור־אָרט צוזאַמען מיט אַ געוויסען חסידישען רבין, מיט וועלכען ער האָט זעהר אָפט פערבראַכט.

— ווייסט איהר וואָס, ביאַליסטאָקער רב — רופט זיך אַמאָל אָב דער חסידישער רבי צו איהם — לאָמיר ארייגגעהן אָנקוקען, ווי אַזוי עס זעהט אויס טעאַטער. אין דער היים קאָנען מיר עס נישט טהון מפני מראית-עין, אָבער דאָ, במקום שאין מכירין, איז טשיקאַווע אַמאָל צו זעהען.

— ווי — פרעגט איהם רבי שמואל — קאָנען מיר זיך בעוויייזען אין אַזאַ אָרט אין אונזערע „דוכאָוונע בגדים״?

— דאָס — מאַכט דער רבי — נעהם איך אויף מיר. איך וועל בעזאָרגען אייראָפּעאישע בגדים פאַר מיר און פאַר אייך.

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם דערויף רבי שמואל מאָהילעווער — איהר זענט אַ חסידישער רבי, איז וויבאַלד איהר טהוט אויס דאָס שטריימעל מיט דער זיידענער זופּיצע, ווערט איהר אויס רבי און איהר מעגט שוין ממילא טהון מה שלבכם חפץ. איך אָבער בין אַ רב ביי אידען, און וואָסערע בגדים כ׳זאָל נישט אָנטהון — בלייב איך אַלץ רב...

---

## והם יקחו את הזהב... (כח. ה.)

אין אבן-עזרא אויפ׳ן דאָזיגען פסוק געפינען מיר צווישען אַנדערען פאָלגענדען זאַץ: „והנה כתוב אפוד ירד וידו וכו׳ ושם כתוב שמונים איש נושא אפוד בד״.

אַ פּלא! דער דאָזיגער פסוק, אויף וועלכען דער אבן-עזרא פעררופט זיך, געפינט זיך אין שמואל א׳ (כב. יט.), און דאָרט שטעהט דאָך בפירוש — „שמונים וחמשה איש נושא אפוד בד״!...

---

## שפה יהיה לפיו... (כח. לב.)

אַ צוים זאָל דער מענש האָבען אין מויל, נישט צו ריידען דאָס, וואָס מען דאַרף נישט און דאָס זענען אונז אויך מרמז די חז״ל: „מצאו בעול

בידוע שיש שם אדם, מצאו פתוח בידוע שאין שם אדם״ (תמיד כו.). אויב דער מענש האַלט דאָס מויל פערשלאָסען, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ מענש, האַלט ער עס אָבער אָפען, שיטענדיג מיט ניין מאָס רייד, בעווייזט עס, אַז ער איז קיין מענש נישט...

(רבי יעקב יצחק מפשיסכע)

## והיה על אהרן לשרת ונשמע קולו... (כח. לה.)

טראַגענדיג אויף זיך דעם חשן און די פעמוני-זהב, אַזוי פיעל גאָלד און בריליאַנטען — „ונשמע קולו״, וועט מען זיך צוהערען צו איהם און צו יעדען וואָרט זיינעם, דען פאַר אַ גביר האָט מען דרך-ארץ...

(לוית חן)

## ונשמע קולו בבואו אל הקודש...

דער מנהיג-העם, אויב ער וויל, מען זאָל זיך צוהערען צו איהם, דאַרף זיין „ונשמע קולו״, דאַרף ער אין געוויסע מאָמענטען ריידען מיט אַ שטרענגען, בעפעהלערישען טאָן, נישט בויגען זיך און נישט זיין אונטער-טעניג פאַר קיינעם, אַנדערש וועט מען צו איהם קיין אַכטונג נישט האָבען...

(חתם סופר)

און דאָס — פלעגט זאָגען רבי משה פאָלאַק — איז דער פשט פון דער גמרא: „תלמיד-חכם צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית״ (סוטה ה.). דאָס מיינט מען דעם אַכטען פסוק פון די אַכט פסוקים, וואָס משה אַליין האָט, לויט די חז״ל, געשריבען, נעמליך: „ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל״. הגם, הייסט עס, משה רבינו האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכע שפלות און עניוות, דאָך האָט ער „לעיני כל ישראל״ געמוזט אַרויסווייזען אַ „יד חזקה״ און „מורא גדול״, דען אַנדערש וואָלט ער קיין מנהיג נישט געקענט זיין...

## ופתחת עליו פתוחי חותם קודש לד׳... (כח. לו.)

„בפני נכתב ובפני נחתם״ — פלעגט טייטשען רבי ברוך מעזשיבו-זשער — אויפ׳ן פנים פון יעדען מענשען איז אָנגעשריבען און אָנגעחתמעט

זיין אינערליכער מהות, וואָס און ווער ער איז... און דאָס איז דער פשט: „ופתחת עליו פתוחי חתם קדש לד׳״, אויף זיין שטערען זאָל זיין אויסגע- קריצט דער „קדש לד׳״, די קדושה זאָל אַרויסשיינען פון זיין געזיכט...

---

## שנים ליום תמיד... (כט. לח.)

דער ליסער רב איז אַמאָל געווען אין בריסק און האָט לאָזשירט ביי ר׳ לייב קאַצענעלבויגען. ר׳ לייב איז געווען אַנ׳אויסערגעוועהנליכער מתמיד, שטענדיג פערטהון אין לערנען און ער האָט קיינמאָל נישט געגעסען צו דער צייט און נישט געשלאָפען אין דער צייט.

ביים געזעגענען זיך, מאַכט צו איהם דער ליסער רב: איך ווינש אייך, ר׳ לייב, אַז עס זאָל זיין ביי אייך „שנים ליום תמיד״.

— וואָס הייסט — פערשטעהט נישט ר׳ לייב — וואָס מיינט איהר דערמיט?

— גאָר פשוט — מאַכט ער — דער שלחן ערוך הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שויתי ד׳ לנגדי תמיד״ און ענדיגט זיך מיט: „וטוב לב משתה תמיד״. ווינש איך אייך, אַלזאָ, אַז אָט די ביידע „תמיד׳ן״ זאָלען זיך ביי אייך נישט אויסמישען. אין דער צייט פון לערנען — זאָלט איהר לערנען, און אין דער צייט פון עסען — עסען...

---

# כִּי תִשָּׂא

## ולא יהיה בהם נגף וכו׳ זה יתנו — מחצית השקל...
## (ל. יב. יג.)

ווארום אויב מען וועט הייסען געבען יעדען לויט זיין ערך און מעג-ליכקייט נאך, וועט עס קומען צו קנאה-שנאה און מחלוקת, וועלכע וועט דער-פיהרען צו געשלעגערייען און צו א „נגף" צווישען עולם, יעדער וועט טענה׳ן, אז מען דארף פון איהם נעהמען ווייניגער, ווי פון זיין שכן, דען יענער איז מעהר עושר, מעהר גביר... זאלען דעריבער אלע געבען גלייך — וועט דאן דער שלום צווישען זיי נישט געשטערט ווערען.

(רבי משה חפץ)

---

## זה יתנו כל העובר על הפקודים... (ל. יג.)

„זה יתנו — הראה לו באצבעו" (מדרש)

וואס איז דער זין פון די ווערטער „הראה לו באצבעו", וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר, כידוע, איז די פערטיילונג פון דער עבודה אין בית-המקדש פארגעקומען צווישען די כהנים לויט א גורל, און דערביי זענען געצעהלט געווארען נישט די פערזאנען זעלבסט, וואס דאס איז אסור, נאר — „הממונה אומר להם הצביעו — „הוציאו אצבעותיכם למנין" (יומא כ״ב).

און דאס איז אלזא דער פשט: „הראה לו באצבעו". עס איז אנגע-וויזען געווארען, אז אויך להבא זאל יעדע אידישע צעהלונג פארקומען נישט לויט פערזאנען, נאר — „באצבעות"...

(ברית שלום)

---

## מחצית השקל תרומה לד׳... (ל. יג.)

דער דאזיגער אויסדרוק ווערט איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאל: „יתן

תרומת ד׳״, „לתת את תרומת ד׳״, דאַגעגען ביי די נדבות אין פ׳ תרומה שטעהט נישט .תרומת ד׳״, נאָר סתם: „ויקחו לי תרומה״, „תקחו את תרומתי״, „וזאת התרומה״, דען דאָרט רעדט זיך וועגען די נדבות, וואָס זענען געגו־מען געוואָרען פון יעדען לויט זיין ערך און יכולת, דער גביר מעהר און דער אָרימאַן — וועניגער, און דעריבער שטעהט נישט דערביי „תרומה לד׳״ מחמת ביי דער דאָזיגער זאַמלונג ווערען מענשען נכשל מיט פערשידענע מדות מגונות, ווי גאוה און קנאה, דער עושר מיט זיין גרויסע נדבה שטאָל־צירט איבער׳ן אָרימאַן און דער אָרימאַן מיט זיין קליינע נדבה איז מקנא דעם עושר. דאָ אָבער רעדט זיך וועגען מחצית השקל, וועלכער איז גענומען גע־וואָרען פון אַלעמען גלייך, „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט״, ביי דער־דאָזיגער זאַמלונג איז מעהר קיין אָרט נישטאָ פאַר גאוה און קנאה און דע־ריבער ווערט זי אָנגערופען — „תרומת ד׳״, אַ געטליכע, זויבערע תרומה, אָהן פניות, אָהן שלעכטע מחשבות...

(כלי יקר)

---

## מחצית השקל בשקל הקדש... (ל. יג.)

„שקל בא לכפר על העגל״ (מדרש)

טאָ וואָס עפּיס גראָד מחצית השקל?

דען דער עגל־הזהב, ווערט געזאָגט אין מדרש, האָט געוואויגען הונ־דערט און צוואַנציג קנתרין. אַ קנתר, זאָגען די חז״ל אין ברכות, איז הונ־דערט שקלים. צוזאַמען, אַלזאָ, צוועלף טויזענד שקלי זהב. אין בבא מציעא (פרק איזהו נשך) ווערט געזאָגט, אַז אַ דינר זהב האָט דעם ווערט פון פינף און צוואַנציג דינרי כסף, וממילא איז אַ שקל זהב — פינף און צוואַנציג שקלי כסף. צוועלף טויזענד שקלי זהב זענען, אַלזאָ, דריי מאָל הונדערט טויזענד שקלי כסף. אידען זענען געווען זעקס מאָל הונדערט טויזענד.

נעהמענדיג, אַלזאָ, פון יעדען איד אַ מחצית־השקל, האָט די סומע צו־זאַמען בעטראָפען אין גאָלד פונקט אַזויפיעל, וויפיעל עס האָט געוואויגען דער עגל־הזהב...

(אור יקרות)

---

דעם מיטעלוועג, דעם „דרך־האמצעי״ פערלאַנגט השי״ת פונ׳ם מענשען, דעם „מחצית־השקל״ — „חציו לד׳ וחציו לכם״...

(תכלת מרדכי)

---

אין פלאָנסק איז געווען אַ איד אַ נגיד, נאָר אַ גרויסער קמצן, וועל-כער האָט שטאָלצירט מיט זיין יחוס, אַז ער איז דעם מגן-אברהם׳ס אַנ׳אייני-קעל. איינמאָל איז דער פלאָנסקער רב, הרב יחזקאל מיכלזאָן, אריינגעקומען צו איהם נאָך אַ נדבה, אָבער דער קמצן האָט זיך אָבגעזאָגט און נישט געוואָלט געבען.

— איהר ווייסט — מאַכט צו איהם הרב מיכלזאָן — איך הויב שוין אָן צו צווייפלען, צי איהר שטאַמט טאַקי פון „מגן־אַברהם״, וואָרום צום „מגן-אברהם״ איז אוממעגליך צוצוגעהן אָהן דעם „מחצית-השקל״ (אַ פירוש אויפ׳ן „מגן-אַברהם״)...

## ואת בגדי השרד... (לא, י.)

„אי אפשר לומר שבבגדי כהונה מדבר וכו׳ אלא אלו בגדי השרד הם בגדי התכלת והארגמן וכו׳ האמורים בפ׳ מסעות״ (רש״י)

דאַגעגען אין סוכה (נ״א) אויף די ווערטער פון דער גמרא „מבלאי מכנסי כהנים״ זאָגט רש״י: „וממכנסי בגדי השרד״, הייסט דאָך עס, אַז די „בגדי כהנים״ ווערען אָנגערופען „בגדי השרד״, ווי זשע קומט עס, וואָס רש״י זאָל זיך זעלבסט סותר זיין?...

עס ווערען אויף דער דאָזיגער פראַגע געגעבען פערשיעדענע ענטפערס, פון וועלכע דער ריכטיגסטער איז, אַז רש״י זעלבסט בעמערקט דאָ אויפ׳ן אָרט גאַנץ דייטליך, „שאי אפשר לומר שבבגדי כהונה מדבר לפי שנאמר אצלם ואת בגדי הקודש לאהרן הכהן״, עס הייסט, אַז איבעראַל זענען אין די ווערטער „בגדי השרד״ אויך די בגדי-כהונה בכלל, בלויז דאָ אַלס אויס-נאַהם בעציהט זיך עס נישט אויף די בגדי כהונה, ווייל די בגדי כהונה שטעהען דאָך אינ׳ם זעלבען פסוק בעזונדער דערמאָהנט...

אַגב איז בכלל נישט צו זוכען קיין סתירות פון פירוש רש״י אין חומש און פירוש רש״י אין דער גמרא, וואָרום אַזעלכע סתירות קאָן מען געפינען אַ גאַנץ סך, צב״ש: דער פסוק „פתחן יערה״ (ישעי׳ ג. יז.) טייטשט רש״י: „פתחן כליהם״ און אין דער גמרא (שבת סב.) — „פתהן כמו פתחיהן״. דאָס וואָרט „צרבת״ (ויקרא נג. כג.) טייטשט רש״י אין חומש — „רגיעת עור הנרגע מחמת חימום״, און אין דער גמרא (ביצה ז.) — „כויה שבושל כל צרכה״. און נאָך אַזעלכע אונצעהליגע ביישפיעלען. דער געלעהרטער א. ה. ווייס בעהאַנדעלט דאָס אויספיהרליך אין זיין „דור דור ודורשיו״ (כ״ד ז. 290) און ער פיהרט דאָרט אויס: „טעם הדבר הוא שבפירושו בגמרא יפרש

כפי כונת בעלי-הגמרא, תחת אשר בפירושו למקרא מבאר לפי דעתו בפירוש הכתוב״.

---

## ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו קום עשה לנו אלהים... (לב. א.)

פארוואס האבען זיי נישט אהרנ׳ען אליין געמאכט פאר זייער מנהיג אויף משה׳ס ארט? ווייל — ענטפערט דערייף רבי יצחק ווארקער — מיט אהרנ׳ען, אלס רודף-שלום, זענען זיי געווען צו-גאהנט, צו-היימיש און פאר א היימישען מענש האט מען קיין דרך-ארץ נישט...

---

## פרקו נזמי הזהב אשר באזני נשיכם... (לב. ב.)

אהרן, וועלענדיג די ואך משמיט זיין, האט ער זיי געהייסען ברענגען די „נזמי הזהב אשר באזני נשיכם ובנותיכם״, וויסענדיג, אז די ווייבער וועלען אויף אזעלכע זאכען, ווי אוועקגעבען דאס ציהרונג, אזוי גיך נישט מסכים זיין, די אידען אבער זענען אוועק און האבען געבראכט „את נזמי הזהב אשר באזניהם״, זייער אייגען ציהרונג, דען די ווייבער האבען טאקי נישט געגעבען...

(אלשיך)

---

ביי די אור-פעלקער זענען די „נזמים״ געווען א הייליגקייט, מיט וועלכע מען פלעגט בעציערען די געצען, און „נזם״ אויף כשדיש בעדייט: הייליג.

(ד״ר שלמה רובין)

---

## וישב העם לאכל ושתו... (לב. ו.)

כידוע — האט רבי יאשע בער אמאל געזאגט בדרך הלצה — איז פארהאן א גרויסער אונטערשיעד צווישען מתנגדים אזן חסידים. מתנגדים פאסטען אין טאג פון זייער רבינ׳ס יאהרצייט, חסידים, דאגעגען, טרינקען בראנפען און פראווען סעודה׳לעך. אבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דאס גאר קיין נייעס נישט און אויך פארצייטענס, אין דער מדבר, האט שוין דער דאזיגער אונטעשיעד עקזיסטירט, ווי מיר געפינען עס בפירוש אין דער תורה:

פאַר מתן-תורה, איידער די אידען האָבען געקענט לערנען, האָבען זיי זיך גע-האַלטען אָן חסידישען מנהג און בעת משה רבינו איז אַרויף אין הימעל אריין און זיי האָבען געמיינט — ווי עס ערקלערען די חז״ל — אַז ער לעבט נישט מעהר, האָבען זיי זיך דאַן אוועקגעזעצט פראַווען אַ סעודה — „וישב העם לאכל ושתו״... דאַגעגען ביים צווייטען מאָל, ווען משה רבינו איז אויף אַנ׳אמת געשטאָרבען, און געווען איז עס שוין נאָך מתן-תורה, ווען אידען האָבען שוין געקענט לערנען, האָבען זיי זיך נוהג געווען, ווי די מתנגדים און — „ויבכו בני ישראל את משה״...

---

## ויקומו לצחק... (לב. ו.)

בעת די בעריהמטע קעניגין מאַריאַ טהערעזא איז אָנגעקומען נאָך פראַג (נאָך דעם זיעבען-יעהריגען קריעג מיט פריעדריך דעם צווייטען), האָבען די אידען איינגעאָרדענט פאַר איהר אַ באַל, אויף וועלכען אידישע מיידלעך האָבען זיך געוויילט און געטאַנצט.

צום באַל איז משום שלום-מלכות אויך געקומען דער „נודע ביהודה״.

צוזאַמען מיט דער קעניגין איז אויפ׳ן באַל אויך אָנוועזענד געווען דער בעוואוסטער גענעראַל בראָקמאַן, אויף וועלכען מען האָט דערצעהלט, אַז ער האָט איינמאָל פערשפּיעלט אַ שלאַכט צוליעב דעם, וואָס זייענדיג אַ גרוי-סער הולטאַי, האָט ער אינ׳ם דעצידירענדען מאָמענט פערבראַכט מיט זיינע קאַמעראַדען ערגיץ אין אַ הוליאַנקע.

די קעניגין דריקט-אויס פאַר׳ן „נודע ביהודה״ איהר ענטציקונג פאַר די טאַנצענדע אידישע מיידלעך, אָבער דער אַנטיסעמיטישער גענעראַל קאָן עס נישט אויסהאַלטען און ער בעמערקט מיט אַ שטאָך:

— נו, יאָ, אידישע מיידלעך זענען בעקאַנט אַלס טענצערינס פון לאַנגע צייטען, זיי האָבען געטאַנצט נאָך ביים עגל, „ויקומו לצחק״...

דערויף ענטפערט איהם דער „נודע ביהודה״:

— געוויס, דער עגל איז געווען אַ גרויס אומגליק, אָבער דאָס אומ-גליק האָט זיך גענומען צוליעב׳ן „כי בושש משה״, ווייל דער גענעראַל האָט פערלאָזט די אַרמעע...

---

## לך רד כי שחת עמך... (לב. ז.)

אויב ס׳איז „שחת עמך״, דאַן — „לך רד״, מוזמו זיך אַראָבלאָזען צו-

זאַמען מיט זיי. דער מנהיג טאָר זיך נישט דערווייטערען פון פאָלק אויך דאַמאָלס, ווען ער געפינט זיך אין ירידה...

(עוללות אפרים)

---

## ראיתי את העם הזה והנה עם קשה עורף הוא... (לב. ט.)

„שלשה חצופים הם. חצוף בחיה — כלב, בעוף — תרנגול, ובאומות — ישראל... אתה סבור שהוא לגנאי? ואינו אלא לשבחן"... (מדרש רבה)

„א"ר אבין, עד עכשו קורין את ישראל בחוצה לארץ: האומה של קשה עורף" (דאָרט)

און דאָס — זאָגט רבי מרדכי יוסף איזשביצער — איז דער טייטש: „ראיתי את העם הזה", עס געפעלט מיר (פון „רואה אני את דברי אדמון"), „והנה עם קשה עורף הוא", וואָס אידען זענען אַ'עם קשה עורף, וואָרום ווען נישט דידאָזיגע מדה, וואָלטען זיי נישט ביכולת געווען אויסצוהאַלטען דעם גלות...

(מי שלוח)

---

## ויפן וירד משה מן ההר... (לב. טו.)

בשעת משה איז געשטאַנען פאַר השי"ת האָט ער אויף די אידען מלמד-זכות געווען און געהאַלטען אין איין לויבען, אין איין ריהמען זייערע מעלות-טובות, ערשט שפּעטער, נאָכ'ן „ויפן משה וירד מן ההר", ווען ער איז געווען מיט די אידען אַליין, האָט ער זיי געשליידערט דעם ביטערען אמת אין פנים אַריין און אָנגעוויזען אויף זייערע חסרונות, אויף זייערע עוולות און חטאים... אין דעם דאָזיגען דרך דאַרף זיך אויך האַלטען יעדער אידישער מנהיג. אַנדערש דאַרף ער רעדען מיט די אידען זעלבסט און אַנדערש — ווען ער רעדט מיט אַנדערע וועגען אידען...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

---

און דאָס איז אויך דער פשט: „כשופר הרם קולך". דער שופר ער-פיעלט גלייכצייטיג צוויי אויפגאַבען. פון איין זייט, ווענדענדיג זיך צום הימעל, איז ער ממליץ-טוב אויף אידען, דערמאָהנענדיג, אַלס „קרן-איל", דעם זכות פון דער עקדה, דאַגעגען פון דער צווייטער זייט, ווענדענדיג זיך צו די אידען, איז ער אויף זיי מטיל-אימה און דערמאָהנט זיי אין זייערע זינד — „היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו"... עהנליך דאַרף זיך אויך אויפפיהרען דער אידישער מוכיח, ביי וועלכען עס דאַרף זיין „תוכחת מגולה ואהבה מסותרת"...

(רבי אלעזר פלעקלעס)

---

## מזה ומזה הם כתובים... (לב. טו.)

צום קאָלישען רב, רבי חיים אלעזר וואַקס, איז אַמאָל געקומען זיינער אַ ידיד, אַ רייכער סוחר און אַנ'איש נכבד און איהם מגלה געווען, אַז ער האַלט ביי מאַכען גאָר אַ גרויס געשעפט, וואָס אויב ער זאָל דערביי אָנווענדען אַ געוויסע סוח'רישע ערמה און קאָמבינאַציע, קאָן איהם געלונגען אַ סך געלד צו פערדיענען.

ענטפערט איהם דער קאָלישער רב: די תורה דערצעהלט אונז וועגען די לוחות, אַז „מזה ומזה הם כתובים", אַז זיי זענען געווען געשריבען פוןביידע זייטען. צוליעב וואָס דערצעהלט זי עס אונז? כדי צו וויסען, אַז ווי אַזוי, אויף וועלכע זייט מען זאָל די תורה נישט דרעהען, בלייבט אַלץ דער — „לא תגנוב"...

---

## וישלך מידיו את הלוחות... (לב. יט.)

קומט אַראָב אַ משה רבינו, איין-איינציגער איד מיט אַ תורה'לע אין דער האַנד און ער קוקט זיך אַרום און דערזעהט, אַז ער איז געבליבען אַ מנהיג אָהן אַ פאָלק, אַ רבי אָן תלמידים, אַלע אידען דיענען די עבודה-זרה, נאָר ער איינער דרעהט זיך אַרום מיט אַ תורה, איז — „וישלך מידיו את הלוחות"...

(רבי יחזקאל מקוזמיר)

---

## ד' ד' אל רחום וחנון... (לד. ו.)

דערויף זאָגען די חז"ל: „אני הוא קודם שיחטא האדם ואני הוא לאחר שיחטא".

פרעגען די מפרשים: „קודם שיחטא", איידער דער מענש זינדיגט, אויב ער האָט נאָך נישט קיין שום חטאים אויף זיך, נאָכוואָס נויטיגט ער זיך אין מדת-הרחמים? ענטפערט דערויף רבי מענדעלי קאָצקער: דער מענש, וואָס זינדיגט נישט, דאַרף האָבען גרויס רחמים, אַז ער זאָל צוליעב דעם אַליין נישט אַרומגעהן אַ צופרידענער מיט זיך און נישט אַריינפאַלען אין גיאות, אינ'ם שווערסטען חטא פון אַלע חטאים...

---

## נוצר חסד וכו' פוקד עון אָבות על בנים... (לד. ז.)

אויך דאָס איז אַ חסד, וואָס „פוקד עון אבות", וואָס בשעת די אידען

זינדיגען, נעהמט השי״ת אין אכט, אז נישט אין זיי ליעגט די גאנצע שולד, דען אויך זייערע עלטערען האבען געזינדיגט און ממילא האבען זיי זיך גע-האט פון וועמען אראבצולערנען...

(דמשק אליעזר)

## כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית... (לד. כז.)

דערויף דרשנ׳ענען די חז״ל: „לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא על ידי תורה שבעל פה״. וואו איז דאס מרומז אינ׳ם דאזיגען פסוק? —

ווארום פריהער, פאר דעם פסוק, שטעהט: „לא תבשל גדי בחלב אמו״, און די חז״ל זאגען אונז, אז בשעת די מלאכים האבען מקטרג געווען געגען געבען אידען די תורה, האט זיי משה רבינו מנצח געווען דערמיט, וואס ער האט זיי פארגעווארפען, אז זיי האבען ביי אברהמ׳ן געגעסען „בשר בחלב״. פרעגט זיך: די מלאכים האבען דאך ביי אברהמ׳ן געגעסען „בן בקר וחמאה״, ווערענד די תורה האט בלויז גע׳אסר׳ט „גדי בחלב אמו״? איז דערפון אלזא א ראיה, אז מען מוז זיך אין די דבר-תורה שטיצען אויף די דברי חז״ל, וועלכע זאגען, אז „גדי בחלב אמו״ איז לאו דוקא און דער איסור איז חל אויף יעדען מין בשר-בחלב... און דערמיט איז אלזא פער-שטענדליך די סמיכות פון די צוויי פסוקים: „לא תבשל גדי בחלב אמו״ און פונ׳ם דאזיגען פסוק איז א בעוויז, אז „כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית״, אז—„לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא ע״י תורה שבע״פ״...

(רבי יעקב, דער ליסער רב)

# וַיַּקְהֵל

## ויקהל משה וכו׳ אלה הדברים אשר צוה ד׳... (לה. א.)

דאָס צונויפזאַמלען די „כל עדת בני ישראל״, דאָס איינפלאַנצען צווי־שען זיי התחברות און אַחדות, „אלה — דאָס זענען — הדברים אשר צוה ד׳״, אָט דאָס איז די הויפּט-אויפגאַבע און די הויפּט־שטרעבונג, דער אלף און דער תיו פון דער תורה...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

---

„ויקהל משה — למחרת יום הכפורים״ (רש״י)

און אויך אין פ׳ יתרו, אויפ׳ן פסוק „ויהי ממחרת וישב משה לשפוט את העם״, זאָגט רש״י: „ממחרת יום-הכפורים״. ביידע זאַכען, סיי דאָס דורכפיהרען די משפטים בין אָדם לחברו, סיי די זאַמלונג פון נדבות אויפ׳ן משכן, זענען אַלזאָ פאָרגעקומען אינ׳ם זעלבען טאָג.

משה רבנו האָט דערמיט געוואָלט פערהיטען און בעוואָרענען, אַז אינ׳ם גאָלד און זילבער, פון וועלכען עס דאַרף געבויט ווערען דאָס געט-ליכע הויז, דער משכן, זאָל זיך חלילה נישט געפינען קיין שמץ פון גנבה וגזלה, און דעריבער האָט ער פריהער אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק, זיי זאָלען זיך פערזאַמלען און פאָרלעגען פאַר איהם אַלע זייערע געגענזייטיגע טענות און געלד-תביעות, און ערשט נאָכ׳ן דורכפיהרען דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם משפט, בעת וועלכען ער האָט מוציא געווען ביי די בעלי-דינים די אַלע אומגערעכטע געלדער, וואָס איינער ביים אַנדערען האָט פערכאַפּט שלא כדין — ערשט דאַן איז ער אינ׳ם זעלבען טאָג, כל-זמן דאָס געלד איז נאָך ביי איטליכען געווען כשר און עהרליך, צוגעטרעטען צו זאַמלען נדבות אויפ׳ן משכן...

(כלי-יקר)

---

אינ׳ם זמר לשבת „חי ד׳ ברוך צורי״ ווערט געזאָגט: „אל ההרים אשא עיני כהלל ולא כשמאי״. וואָס איז די בעדייטונג פון די ווערטער?

לויט דער ערקלערונג פונ'ם פירוש „מטה יהודה" בעציהט זיך דאס אויף דער פלוגתא פון בית-שמאי און בית-הלל (אין ברכות נג.), די בית-שמאי זאגען: „מברך על היום ואח"כ מברך על היין" און די בית-הלל האלטען: „מברך על היין ואח"כ מברך על היום". אין א פריהערדיגען חרוז זאגט דער פייטן: „בכוס ישועות אשא פני", מיינענדיג דערמיט דעם כוס של קידוש, און ער פיהרט דעריבער אויס: „אל ההרים אשא עיני", אז ער ווענדעט זיינע אויגען צו די הרי-ישראל, צו די מורי הלכה ביי אידען, און ער בעשליסט צו טהון „כהלל ולא כשמאי", צו מאכען פריהער א ברכה על היין, דען — „הלל ושמאי, הלכה כהלל"...

אויף אנ'אנדער, הגם עהנליכען אופן, פרובט דאס ערקלערען אין „בית המדרש החדש" הרה"ח ר' אברהם מרדכי פיורקא, נעמליך: די חז"ל דערצעהלען אונז (אין ביצה טז.), אז שמאי פלעגט א גאנצע וואך מקמץ זיין און אבשפארען פון דער פרנסה, כדי ער זאל האבען אויף שבת, הלל דאגעגען פלעגט זיך סומך זיין אויפ'ן בטחון, זאגענדיג: „ברוך ד' יום יום", און דערויף זאגט דער פייטן: „אל ההרים אשא עיני", אז ווענדענדיג די אויגען צו די הרי-ישראל, ווי אזוי זיי האבען זיך אין דעם ענין נוהג געווען, דארף מען זיך פיהרען „כהלל ולא כשמאי", צו האבען בטחון, צו זאגען „ברוך ד' יום יום" און זיך צו פערלאזען אויף השי"ת, אז ער וועט איהם אודאי מזמין זיין די צרכי-שבת...

---

אין א צווייטען זמר לשבת — „שמרו שבתותי", איז פאראן א חרוז: „מהרו את המנה לעשות את דבר אסתר וחשבו עם הקונה לשלם אכול והותר". וואס איז דער זין פון די ווערטער?

נאר ווי עס ווייזט אויס, האט דער פייטן גענומען אלס מליצה דעם פסוק „מהרו את המן לעשות את דבר אסתר" (מגילת אסתר ד.). דאס ווארט „המן" ווערט ביי איהם געענדערט אויף „מנה", א פארציע, א סעודה (פון לשון „מנה אחת אפים"). מיט די ווערטער „לעשות את דבר אסתר" ווערט געמיינט שבת מלכתא, וועלכע ווערט פערגליכען צו אסתר המלכה, און „וחשבו עם הקונה" געהט ארויף אויף השי"ת (פון לשון „הלא הוא אביך קנך"). עס הייסט: רעכענט זיך און האט בטחון צו אייער בעשעפער, „לשלם אכול והותר", אז ער וועט אייך בעצאהלען די אויסגאבען פון שבת די והותר, מעהר וויפיעל עס האט אייך געקאסט, אנ'אנדייטונג אויפ'ן בעקאנטען מאמר — „אמר הקב"ה לוו עלי ואני פורע" (ביצה טו.)...

(הנ"ך)

---

א ריכטיגען און פערשטענדליכען פירוש ווערט אויך געזוכט אינ'ם זמר למוצאי שבת „אלקים יסעדנו", צום חרוז — „אך לא בעי ישלח את פודנו".

דער „מטה יהודה", ווי אויך דער יע"בץ, טייטשען דאָס וואָרט „בעי" פון לשון „אך לא בעי ישלח יד" (איוב ל.), איינ'ם זין פון „חורבן", פער־ניכטונג, מיינענדיג דערמיט צו זאָגען, אז בעת השי"ת וועט אונז שיקען דעם גואל, זאָל ער דורכפיהרען די גאולה אָהן שאָדען און חורבן פאַר אונז, אָהן די פאַראויסגעזאָגטע „חבלי משיח"...

עס קורסירט אָבער אויך אַ צווייטער פירוש, נעמליך: דער פייטן איז דאָ מרמז אויפ'ן בעקאַנטען מאַמר חז"ל, אז „אין אליהו בא בערב שבת ובערב יום־טוב" (עירובין מב.) און דאָס וואָרט „בעי" איז אַ ראשי־תיבות — „בערב יום". עס הייסט: „לא בעי ישלח את פודנו", דער גואל וועט נישט קומען אין קיין „ערב יום", נישט אין אַ ע"ש און נישט אין קיין ערב יו"ט.

---

## לא תבערו אש בכל משבותיכם ביום השבת (לה. ג.)

ס'רוב מחלוקת'ן ביי אידען קומען-פאָר אום שבת, דען שבת האָט דער עולם צייט, שבת איז דער עולם צוזאַמען און עס איז דאַמאָלס די בעסטע געלעגענהייט אויף קריגערייען. מיטן „לא תבערו אש בכל מושבותיכם" וואָרנט אונז די תורה אויך וועגען דאָזיגען פייער, וועגען פייער פון מחלוקת, וואָס זאָל נישט אָנגעצינדען ווערען אום שבת...

(עקדת יצחק)

---

## ויצאו כל עדת בני ישראל וכו' ויבאו כל איש אשר נשאו לבו... (לה. כ.)

צו דער דרשה, צום „ויקהל משה", זענען געקומען אַלע אידען, „כל עדת בני ישראל", אָבער ווי נור די דרשה האָט זיך געענדיגט, איז „ויצא כל עדת בני ישראל", האָט זיך דער גרויסער עולם אַרויסגערוקט, פונאַנדערגעגאַנגען, און — „ויבאו כל איש אשר נשאו לבו", און צוריקגעקומען זענען בלויז די יחידים, די נדיבי־לב...

(ספר הדרוש)

---

## ויצאו כל עדת בני ישראל מלפני משה — ויבואו כל איש וכו' (לה. כ.)

ווי עס איז צו זעהען, איז די זאַמלונג זעהר שנעל צוגעגאַנגען. אָט

נאָר-וואָס זענען זיי אוועק פון משה'ן און אָט זענען זיי שוין געקומען צוריק מיט נדבות אין די העגד. דאָס איז דערפאַר מסתמא, ווייל עס זענען דאַן קיין קאָמיטעטען און קיין גבאים נישט געווען...

(שפתי כהן)

---

## ויבאו האנשים על הנשים... (לה, כב.)

פאַרהאַן פערשיידענע קאַטעגאָריעס צווישען די נותני-צדקה. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס אַז זיי געהען געבען צדקה, מוזען זיי זיך פריהער אָנפרעגען און האָבען דערויף דעם ווייבס הסכמה — ויבאו האנשים על הנשים"... פאַרהאַן ווידער אַזעלכע, וועלכע וועלען קיינמאָל דערויף נישט קריגען די הסכמה פון זייערע ווייבער, און צדקה מוזען זיי געבען אין געהיים, אונ-טער'ן ווייב'ס וויסען, פון אַ פערבאָרגען קניפעל — „וכל אשר נמצא אתו" („אשר נמצא", ער דאַרף אויסגעפינען, ווי פון אַ בעהעלטעניש)... דאַגעגען אָבער זענען פאַרהאַן אַזעלכע מענער, וועלכע זענען אין עניני צדקה פאָל-קאָם זעלבסטשטענדיג און אונאָבהענגיג פון זייערע ווייבער — „ויבאו כל איש אשר נשאו לבו"... און אויך ווייבער, וועלכע זענען נישט אָבהענגיג און דאַרפען זיך נישט היטען פאַר די מענער—„וכל הנשם אשר נשא לבן"...

(רבי ישעי' פיק)

---

## והנשאם הביאו את אבני השהם... (לה, כז.)

„והנשאם כתיב — חסר יוד" (רש"י)

אין אונזערע צייטען איז עס ליידער אַ גאַנץ נאָרמאַלע ערשיינונג. אַ סך פון אונזערע פערשיידענע נשיאים, עסקנים און כלל-טהוער פעהלט נעביך אָפט דאָס דאָזיגע סאַמע וויכטיגסטע—די „יוד", דאָס „פינטעלע יוד"...

(קניני קדם)

---

## וימלא אותו רוח אלקים בחכמה וכו' (לה, לא.)

כמה וכמה פעמים — פלעגט זאָגען דערויף רבי שלמה ראַדאָמסקער — ווערט אין דער דאָזיגער פרשה דערמאָהנט און געריהמט די מדה פון חכמה, דען אַמערגסטען איז אַ פרומער נאַר, מחמת צווישען די זאַכען, וואָס ווערען אויסגערופען אין הימעל קודם יצירת הולד, ווערט אויך אויסגערע-כענט, צי „טפה זו תהא חכם או טיפש (נדה טז.). וויבאַלד צו אַזאַ איי-

נער איז נאָך דערצו פרום אויך, מיינט ער, אַז וויפיעל נאַר ער איז, **איז** ער נאָך אַלץ נישט יוצא לגבי דער מצוה, וואָס מען האָט אויף איהם גוזר געווען אין הימעל צו זיין אַ טיפש...

---

## והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר... (לו. ג.)

דער בעסטער סימן, דער קלאָרסטער בעווייז, אַז די נדבה ווערט געגעבען מיט חשק, מיט'ן גאַנצען הארצען, איז, ווען דער נותן קומט אַליין צו לויפען מיט זיין נדבה „בבקר בבקר", אַזש פאַרטאָג...

(כלי יקר)

---

ביי די אָרימע אַרבייטער, וועלכע האָבען נישט געהאַט וואָס צו שענקען, איז זייער נתינה בעשטאַנען פון „נדבה בבקר בבקר", פון שענקען פאַר דער מלאכת-המשכן איבער-שטונדען, קומענדיג צו דער אַרבייט פאַרטאָג, פאַר דער בעשטימטער אַרבייטס-צייט...

(ברוך טעם)

# פקודי

## אלה פקודי המשכן וכו׳ אשר פקד על פי משה (לח.כא.)

משה אליין האט געהייסען אלץ איבערצעהלען, קאנטראלירען און צו־שטעלען דעם פאלק א חשבון, אלסביישפיעל און לעהרע פאר די קינפטיגע דורות, פאר די גבאים פון אלע צייטען, זיי זאלען וויסען, אז געזאמעלטע פאלקס־געלדער דארפען ווערען קאנטראלירט, עס זאל קיינער פון זיי נישט ווארטען, ביז מען וועט פון איהם פאדערען א חשבון און עס זאל קיינער פון זיי, אפילו דער עהרליכסטער מאן, נישט פערלאנגען, מען זאל איהם גלויבען אויפ׳ן ווארט...

(תורת משה)

---

„ר׳ יוסי אומר, יהי חלקי עם גבאי צדקה, ועוד אמר ר׳ יוסי, יהי חלקי עם החושדים אותם ואין בם״ (שבת קי״ח)

דער צווייטער מאמר איז א המשך צום ערשטען און אויך דא רעדט זיך וועגען גבאי־צדקה. דעם גבאי־צדקה איז מען חושד אפילו „בשאין בו״, ווען ער האט באמת ריינע הענד...

(שיחת חכמים)

---

אשר פקד על פי משה״

אזוי איז שוין דער שטייגער ביי אונז. ביים משכן האט מען גע־חשבונ׳ט און נאכקאנטראלירט איטליכען גראשען, דאגעגען ביים עגל, וואו פון אזוי פיעל געלד איז ס׳ה ארויס איין גאלדען קעלבעל, האט קיינער גאר קיין חשבון נישט געפאדערט און קיינער האט קיין קשיות נישט געפרעגט...

(אמרי חן)

---

רבי חיים בריסקער איז געווען אן׳אויסערגעוועהנליכער בעל־צדקה, וועלכער האט קיינמאל קיינעם נישט אפגעזאגט צו שטיצען. האט ער נישט

געהאַט ביי זיך קיין אייגען געלד, איז ער אַרומגעלאָפען איבער דער שטאָדט זאַמלען נדבות, אָדער ער דאָט געבאָרגט, געליהען גמילות-חסדים און געגע-בען. אַזוי אַרום איז ער געוואָרען אַ גרויסער בעל-חוב.

— רבי — האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט — וואו וועט איהר נעהמען צו בעצאָהלען אייערע חובות?

— נישקשה, — מאַכט רבי חיים — אין בריסק זענען פאַראַן גענוג גבירים, וועלכע זענען ביכולת צו בעצאָהלען דאָס, וואָס איך גיב-אויס פאַר זייערע אָרימע לייט...

---

אויף רבי לייב, דעם שפּאָלער זיידע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פּורן אין צדקה, צוטיילענדיג זיין גאַנצע הכנסה צווישען אָרימעלייט, דער-צעהלט מען, אַז ער פלעגט קיינמאָל נישט מקפיד זיין, ווער דער מקבל איז און זאָגאַר גנבים פלעגט ער אַרויסהעלפען און אונטערשטיצען בשעת זיי פלעגען זיך צו איהם ווענדען אין אַ נויט.

די בעלי-בתים איז דאָס נישט געפעלען געווען און מען האָט איהם אַמאָל פאָרגעוואָרפען: סטייטש, רבי, גנבים זאָל מען אויסהאַלטען? היתכן?...

— עס מאַכט נישט אויס — האָט זיי דער שפּאָלער זיידע דערויף געענטפערט — עס טרעפט אַמאָל און עס ווערען איבען צוגעשלאָסען די „שערי-רחמים", שיק איך דאַמאָלס מיינע גנבים און זיי ברעכען אויף די שלעסער...

---

רבי מרדכי לעכעוויטשער פלעגט זיך נוהג זיין צו צעטיילען יעדען טאָג דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט געהאַט, נישט איבערלאָזענדיג זיך אַ גראָשען.

— אַז עס בלייבט ביי מיר — פלעגט ער זאָגען — אַ גראָשען איבער נאַכט, קאָן איך דאַן אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפען. עס רייבט מיר אָב די זייטען...

---

אַ גרויסער בעל-צדקה איז, כידוע, געווען רבי חיים צאַנזער. זיין גאַנץ געלד פלעגט ער פונאַנדערטיילען, אויסהאַלטען גאַנצע פאַמיליעס, ממש אַוועק געגעבען פון זיך דאָס לעצטע און אַליין געלעבט אין דחקות.

בעת ער האָט אויסגעגעבען זיין טאָכטער פאַר דעם האָרנאָסטאָפּאָלער רב'ס זוהן, האָט איהר די רביצין געלאָזט מאַכען אַ שענעם תתונה-אויס-

שטייער, אַ סך קליידער און תכשיטים, מען זאָל נישט פערשעמט בלייבען פאַר די מחותנים.

אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה קומט אַריין אַנ'אָרימע אידענע צו רבי חיים'ן און קלאָגט זיך:

— הייליקער רבי, כ'בין אַנ'אָרימע אַלמנה, כ'פיהר מיין טאָכטער צו דער חופה און איך האָב נישט אויף קיין חתונה-הוצאות.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט רבי חיים נישט לאַנג געטראַכט, צוגעלאָפען צו דער קליידער-שאַנק, אַרויסגענומען דער טאָכטערס'ס גאַנצען אויסשטייער און אַוועקגעגעבען דער אַלמנה.

אַז די כלה האָט דאָס דערזעהען האָט זי אָנגעהויבען וויינען:

— סטייטש, טאַטעשי, ווי אַזוי וועל איך איצט פאָהרען צו דער חתונה?

— נישקשה, מיין קינד, נישקשה — טרייסט איהר רבי חיים — דו וועסט זאָגען, אַז דו ביזט מיין טאָכטער...

---

איינמאָל איז צו רבי חיים צאַנזער געקומען דער זוהן זיינער, רבי ברוך, און זיך געקלאָגט, אַז ער דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער און האָט נישט אויף קיין חתונה-הוצאות.

אין עטליכע טעג אַרום זענען צו רבי חיים'ען געקומען אַ פּאָר חסידים זיינע, גבירים אַדירים, און איהם איבערגעלאָזען שענע פדיונות.

ווי נור די גבירים זענען אַוועק, האָט רבי חיים געשיקט רופען זיינעם אַ חסיד, וועלכער איז געוועזען אַנ'אָרימאַן אַנ'אביון און אַ מטופל מיט עטליכע בוגרת'ן און איהם אַוועקגעגעבען ס'גאַנצע געלד אויף הכנסת-כלה.

אַז דער זוהן, רבי ברוך, האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער אַריין צום פאָטער מיט אַ טענה: סטייטש, טאַטע, מיט וואָס בין איך ערגער פון אַ פרעמדען? איך דאַרף דאָך אויך חתונה מאַכען אַ קינד!

— אויף דיר — ענטפערט איהם רבי חיים — איז נישט אַזאַ גרויס רחמנות. דו קענסט זיך אַנ'עצה געבען: וואו דו וועסט קומען און וועסט זאָגען, אַז דו ביזט ר' חיים'ס זוהן, וועט מען דיר געבען אויף הכנסת-כלה. יענעם אָרימאַן אָבער וועט נעבעך קיינער נישט געבען...

---

## ויברך אותם משה... (לט. מג.)

„אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם ויהי נועם ד' אלקינו עלינו" (רש"י)

און אין תורת-כהנים פ' שמיני אויפ'ן פסוק „ויבא משה ואהרן וכו' ויברכו את העם" איז דער נוסח אַנדערש: „אמר להם תשרה שכינה במעשה

ידיכם והם אמרו לו ויהי נועם וכו'", און אזוי איז אויך משמע פון דער רש"י אויפ'ן דאָרטיגען פסוק...

(דברי חנוך)

---

„יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם"...

אום שבת ויו"ט ובכלל בעת מען פערזאַמעלט זיך אין אַ רעליגיעזער, אָדער געזעלשאַפטליכער פייערונג, איז יעדער איד דאַמאָלס אין אַ געהויבענער שטימונג, יעדער איז דאַמאָלס גוט און פרום, אָבער — „יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם", די שכינה זאָל אויך רוהען אין אייערע וואָבעדיגע מעשים, אינים טאָג־טעגליכען משא־ומתן..

(ספר הדרוש)

# ספר ויקרא

# ויִקְרָא

## ויקרא אל משה... (א. א.)

עס זענען געווען בדורו של משה די שבעים זקנים און אהרן, בצלאל וחור, אָבער פון אַלע צדיקים האָט השי״ת גערופען בלויז צו משה׳ן, ווייל ער איז געווען אַ בורח מן השררה און — „כל הרודף אחר השררה השררה בורחת ממנו וכל הבורח מן השררה השררה רודפת אחריו״...

(תנחומא)

---

רבי יצחק שמעלקיש פלעגט זאָגען: כל הרודף אחר השררה איז טאַקי השררה בורחת ממנו, אָבער דער, וואָס איז גענוג ריהרעווּדיג, געלינגט איהם נאָכצוּיאָגען איהר און צו כאַפּען, כאָטש זי אַנטלויפט פון איהם, און דער־פאַר טאַקי זעהען מיר, אַז אַ סך פּראָסטאַקעס און גראָבע יונגען, וועלכע יאָגען זיך נאָך גבאות און כבוד, בעקומען עס טאַקי, כאָטש זיי זענען נישט ראוי דערצו...

---

צו אַלע עבירות — פלעגט זאָגען רבי פנחס קאָריצער — פאָדערט זיך אַ געוויסע מיה און אָנשטרענגונג. בלויז צו דער עבירה פון גאוה דאַרף מען גאָרנישט טהון, לגמרי גאָרנישט. דער מענש ליעגט זיך פויל אויסגעצויגען אויף דער קאַנאַפּע, טהוט קיין שום זאַך נישט, געניצט פון לאַנגווייליגקייט און — רעדט זיך איין, אַז ער איז גרויס, זעהר גרויס...

---

צו דער אמת׳ער מדה פון עניוות און בריחה מן הכבוד קאָן דער מענש צוקומען נאָר דאַן, ווען ער ווערט ווירקליך דורכגעדרונגען מיט׳ן געדאַנק, אַז ער איז אַ גאָרנישט שבגאָרנישט און ער האָט זיך נישט מיט וואָס גרויס צו האַלטען. ווען אָבער דער מענש געהט אַרום מיט דער מחשבה, אַז לעולם איז ער חשוב׳ער און גרעסער פון אַלע אַרומיגע, נאָר ער וויל זיך נישט

גרויסהאַלטען, ווייל עס איז אַ מצוה צו זיין אַנ'עניו — דאָס איז אַ פאַלשע, פסול'ע עניוות...

(מאור ושמש)

---

בשעת דער ראַדאָמסקער רבי, דער „חסד לאַברהם", האָט זיך משדך געווען מיט גער, האָט ער אַהינגעשיקט איינעם פון זיינע מקורבים צו „פרו־בען" דעם חתן. ווען יענער איז פון דאָרט צוריקגעקומען פרעגט איהם דער ראַדאָמסקער:

— איז עס אמת טאַקי, וואָס מען זאָגט, אַז אין גער איז שטאַרק אָנגענומען די מדה פון עניוות און מען האַלט זיך דאָרט פאַר נאַרנישט?

— אמת — ענטפערט איהם דערויף דער מקורב — די מעשה איז אָבער, וואָס אַ צווייטען האַלט מען דאָרט פאַר נאָך אַ גרעסערען גאַרנישט...

---

## אָדם כי יקריב מכם... (א. ב.)

„בקרבנות נדבה דבר הענין, אדם למה נאמר וכו' (רש"י)

וואָס פאַר אַ סמיכות האָט די פראַגע „אָדם למה נאמר" צו די פרי־הערדיגע ווערטער „בקרבנות נדבה דבר הענין"?

דען עס איז דאָך בעקאַנט דער דרש: „אתם קרוים אדם ואין עכו"ם קרוים אדם". דאָ אָבער קאָן מען דאָך נישט זאָגען, אַז „אדם למעט עכו"ם", דען דאָ איז דאָך „בקרבנות נדבה דבר הענין" און ביי קרבנות נדבה איז דאָך דער דין, אַז „נכרים נודרים נדרים ונדבות כישראל", און אויב אַזוי — „אָדם למה נאמר"?...

(כתנות אור)

---

„אדם כי יקריב — הה"ד הבן יקיר לי אפרים" (מדרש)

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָר דעם בעל־המדרש איז קשה געווען: ווי אַזוי קאָן אויף אַ בע־גאַנגענעם חטא פועל'ן קרבן און תשובה, עס איז דאָך אַ כלל, אַז — „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול"? דערויף קומט דער ענטפער: „הה"ד הבן יקיר לי אפרים", השי"ת האָט בפירוש ערקלערט, אַז ער בעציהט זיך צו אונז בבחינת אָב און — „אב שמחל על כבודו, כבודו מחול"...

(רבי שלום מרדכי מברעזאַן)

---

## אם עולה קרבנו מן הבקר... (א. ג.)

דרייערליי עולות ווערען אויסגערעכענט אין פסוק: מן הבקר, מן הצאן ומן העוף. דער עושר, וועלכער איז גרויס און שטאָלץ ביי זיך און איז מעהר נוטה צו זינדיגען, דאַרף ברענגען אַ גרויסען קרבן, מן הבקר — אַנ'אָקס. דער בינוני, וועלכער זינדיגט ווייניגער, זי יוצא מן הצאן, מיט אַ שעפס. דער אָרימאַן אָבער, וועלכער איז ביי זיך שפל'דיג און געפאַלען און זינדיגט ווייניגער פון אַלעמען, איז גענוג פאַר איהם דער קלענסטער קרבן— מן העוף...

(זוהר ויקרא)

---

## כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לד'... (ב. יא.)

„ולמה אין מערבין בה דבש, מפני שהתורה אמרה כי כל שאור וכל דבש" וכו'

זאָלסט זיך נישט קליגען צו וועלען דורכאויס פערשטעהן די טעמי-המצוות לויט דיינע השגות, לויט דיין בעגרענעצטען מענשליכען שכל. „ולמה אין מערבין בה דבש"? — פשוט: „מפני שהתורה אָמרה", די תורה הייסט נישט, און גענוג!...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

---

## וסמך ידו על ראש קרבנו... (ג. ב.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „ובצאן ובעז כתיב את ידו, לפי שהבקר חזק ויכול לסבול הסמיכה וכו' מה שאין כן בצאן ובעז, לכך נאמר את, דמשמע ברפיון".

פרעגט זיך: מען געפינט דאָך אין דער זעלבער סדרה ביי כהן המשוח, וועלכער ברענגט אַ פר בן בקר און פונדעסטוועגען שטעהט דאָרט: „וסמך את ידו". דעסגלייכען ביים חטאת הקהל: „וסמכו זקני העדה את ידיהם על ראש הפר" (ד. טו.). ווי אויך אין פ' תצוה (כט. י.): „וסמך אַהרן ובניו את ידיהם על ראש הפר". דאַגעגען ווידער געפינען מיר אויך פערקעהרט: „והביא את קרבנו שעיר עזים" (ד. כג.) און — „וסמך ידו על ראש השעיר", אָהן דעם וואָרט „את"?...

(זאב בערענט)

---

## נפש כי תחטא בשגגה מכל מצות ד'... (ד. ב.)

פאַרהאַן אַזעלכע חטאים, וואָס זייער זינד בעשטעהט דערין, וואָס מען מאַכט דעם חטא פאַר אַ מצוה, אַ „מצות השם", ווי למשל: „עס איז אַ מצוה אין יענעם זיך נוקם צו זיין", דען „כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש ופו'", „אַ מצוה די רשעים צו רודפ'ן", „אַ מצוה יענעם צו בעגראָבען"...

(אוסם בושם)

---

## אם הכהן המשיח יחטא לאַשמת העם... (ד. ג.)

„דור דור ודורשיו, דור דור ומנהיגיו", יעדער דור בעקומט אַזעלכע מנהיגים, ווי ער פערדיענט, און „אם הכהן המשיח יחטא" איז דערפון אַ סימן — „לאשמת העם", אַז דאָס פאָלק געפינט זיך אין אַ נידעריגען, זינדיגען צושטאַנד און דערפאַר האָט עס אַזעלכע מנהיגים...

(רבי שמעון סופר)

---

„אם הכהן המשיח יחטא", אויב דער פיהרער, דער מנהיג, ערלויבט זי'ך עובר צו זיין אפילו נאָר אויף קליינע חטאים, דאַן איז — „לאַשמת העם", ערלויבט זיך שוין דאַמאָלס דאָס פאָלק צו בעגעהן פיעל הארבערע זינד...

(רבי יעקב מליסא)

---

און דאָס איז דער טייטש: „אבד חסיד מן הארץ וישר באדם אין (מיכה ז. ב.).

דער המון איז זיך תמיד מתיר צו געהן אַ שריט ווייטער, ווי דער מנהיג. איז אויב דער מנהיג איז זיך נוהג אין זיינע מעשים בבחינת „חסיד", האַנדלענדיג „לפנים משורת הדין", זענען דאַן די געוועהנליכע מענשען נזהר צו האַלטען זיך על כל פנים אין דין, אָבער אויב עס איז „אבד חסיד מן הארץ", דאַן — „וישר באדם אַין", דאַן איז זיך שוין דער געוועהנליכער מענש מורה-היתר צו פערבויגען אויף אַלעם, אויף די סאַמע הארבסטע זאַכען...

(רבי יקותיאל האַמבורגער)

---

אויף אַנ'עהנליכען אופן ווערט אויך דורך רבי יונתן אייבעשיץ געטייטשט דער פסוק: „הושיעה ד' כי גמר חסיד — כי פסו אמונים מבני אָדם" (תהלים יב. ב.)...

---

## אשר נשיא יחטא... (ד. כב.)

„אשר לשון אשרי, אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה על שגגתו״ (רש״י)

ווען א געוועהנליכער בשר-ודם איז זיך מתחרט אויף זיינע זינד איז עס קיין רבותא נישט, אבער אז א נשיא, א מנהיג, זאל האבען דעם מוט צו אנערקענען עפענטליך זיינע פעהלערן, דאס איז ווירקליך א זעלטענ־הייט, צו וועלכען נישט יעדער דור איז זוכה...

(שמן הטוב)

---

## אם לוא יגיד ונשא עונו... (ה. א.)

דאס ווארט „לוא״ איז דא געשריבען מלא, מיט א ו׳ און מיט אן א׳, אזוי, אז עס קאן האבען די בעדייטונג פון — „לו״ און — „לא״, און דערפון ווערט ארויסגעלערנט, אז אויב דער בעל-דין אליין פערלאנגט נישט פון איהם, איז ער נישט מחויב צו געהן עדות זאגען.

און דאס איז די כונה פון פסוק „אני ד׳ לא שניתי ואתם בני-ישראל לא כליתם״ (מלאכי ג. ו.), דען עס איז פאראהאן א מדרש, אז בשעת דער שטן קומט יום-כפור מקטרג זיין אויף די בני-ישראל, הייסט איהם השי״ת ברענגען דערויף עדות, דער שטן ווענדעט זיך דאן צו הימעל און ערד, ווי זאלען זיך שטעלען עדות-זאגען, ענטפערען זיי איהם, אז זיי זענען נישט מחויב צו געהן זאגען עדות, אויב דער בעל-דין, השי״ת אליין, פערלאנגט עס נישט פון זיי... און דאס איז אלזא דער פשט: „אני ד׳ לא שניתי״ — איך האב בכיון געענדערט דעם „לא״ פון „אם לא יגיד ונשא עונו״ און צוגעשריבען א ו׳, אז עס זאל בעדייטען „לו יגיד״, אז עדות זאגען דארף ער נור דאן, ווען דער בעלי-דין פערלאנגט עס פון איהם, און צוליעב דעם איז — „ואתם בני ישראל לא כליתם״, האט דער קטרוג פון שטן געגען אייך קיין ווירקונג נישט...

(רבי שמעון משעדליץ)

---

## או נפש כי תשבע וכו׳ להרע או להיטיב... (ה. ד.)

מען האט אמאל דערצעהלט דעם „חוזה״ פון לובלין וועגען איינעם א געוויסען צדיק, אז ער פאסט אפט משבת לשבת, האט ער דערויף גע־ענטפערט: אויפ׳ן פסוק „לבטא בשפתים להרע או להיטיב״, זאגען די חז״ל: „להרע—שלא אוכל, להיטיב — שאוכל״. די כונה דערפון איז, אז עס זענען פאראהן צוויי דרכים אין עבודת השם, איין דרך איז צו דיענען דעם

אויבערשטען מיט סיגופים און תעניתים און דער צווייטער דרך איז, צו עסען און צו טרינקען און דאך קיין איין רגע נישט מסיח דעת צו זיין און אין זינען האבען אלץ לשם-שמים, און דאס איז דער פשט: „להרע—שלא אוכל, להיטיב—שאוכל". נישט עסען, דאס איז א פיעל ערגערער און שלעכטער וועג... און דאס איז אויך די כונה פון פסוק: „חכמים המה להרע ולהיטיב לא ידעו", זיי זענען חכמים אויפ'ן „להרע", אויפ'ן „שלא אוכל", דאס איז אבער נישט אזא גרויסע חכמה. א פיעל גרעסערע רבותא איז צו דיענען דעם אויבערשטען און — יא צו עסען...

---

רבי משה לייב סאסאווער פלעגט זאגען: „אוילים מדרך פשעם ומעוונותיהם יתענו". נאראנים זענען די יענע, וועלכע מיינען מתקן צו זיין זייערע עוונות מיט תעניתים. עס איז א סך גלייכער צו פאסטען מיט'ן רעדען, ווי — מיט'ן עסען...

---

## ולא ידע ואשם... (ה. יז.)

אלס „חטאת" איז מען יוצא מיט א קרבן, וואס איז ווערט א „דנקא" (א קליינע מטבע), דאגעגען א קרבן, וואס ווערט געבראכט אלס „אשם תלוי", מוז ווערט זיין לכל-הפחות צוויי סלעים, דען—„ספק עבירה קשה מעבירה"...

(רבינו יונה)

---

„אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו" (ישעי' א. יח.)... אויב אייערע זינד וועלען זיין „כשנים", לויט די יאהרען נאך, „כשלג ילבינו", איז עס נאך צו דערליידען, האבען זיי נאך א תקנה. דאס ערגסטע און דאס העסליכסטע איז, ווען די זינד הארמאנירען נישט מיט די יאהרען, דען „שלשה הקב"ה שונאן וכו' — זקן מנאף"...

(הפלאה)

---

# צו

## צו את אהרן ואת בניו לאמר... (ו. ב.)

„אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס" (רש"י)

דער „ביותר צריך הכתוב לזרז" געהט ארויף אויפ'ן „לדורות", אויף די שפעטערדיגע צייטען, ווען יעדע משרת הקדש, ווי כהונה און רבנות, וועט ווערען א ירושה-זאך און וועט זיך שטיצען דער עיקר אויף חסרון-כיס, אויף געלד, אהן געלד וועט מען צו קיין משרת-כהונה און משרת-רבנות נישט קענען צוקומען. וועגען יענער צייט, צו וועלכער מיר האבען איצט בעוונותינו הרבים דערלעבט, געפינט די תורה פאר נויטיג אונז זעהר שטארק צו ווארענען...

(תולדות יעקב יוסף).

---

וועגען די רבנים, וועלכע קויפען זייער רבנות פאר געלד, פלעגט זאגען רבי שמואל מאהילעווער, אז זיי מיינט עס דער מדרש, אז „כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנו", ווארום אפילו א נבלה, וועלכע איז אסור באכילה, האט נאך פונדעסטוועגען א ווערט און מען נעהמט אב געלד פאר איהר פעל, א תלמיד-חכם אבער, וועלכער האט אין זיך אויף אזוי פיעל נישט קיין דעת און קיין זעלבסטווירדע און קויפט זיך א רבנות פאר געלד, בעווייזט ער דערמיט, אז ער האט קיין שום ווערט נישט, והראיה — ער מוז נאך פאר דעם קערפער זיינעם צוצאהלען...

---

„ביותר צריך הכתוב לזרז וכו'"

ווארום אנ'עולה, זאגען די חז"ל, קומט מכפר צו זיין אויף גאות, „על גסי הרוח", און — „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון-כיס", אממעהרסטען דארף מען וועגען דעם ווארענען די יעניגע, וועלכע האבען

קיין געלד נישט... דאס ערגסטע און העסליכסטע איז אן׳ארימאן א בעל-גאוה, דען „שלשה הקב״ה שונאם״ און איינער פון די דריי איז — „דל-גאה...״
(כתב סופר)

„ביותר צריך הכתוב לזרז וכו׳״

דען „אין צו — ווערט געזאגט אין ילקוט הראובני — אלא עבודה-זרה״, אבער „ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס״, מעהר נאך ווי אויף עבודה-זרה דארף מען מזרז זיין אויף חסרון-כיס, אויף רויבעווען פרעמד געלד, אויף גזל, דען דאס איז ליידער די עבודה-זרה פון אונזער צייט...
(רבי יחזקאל מקוזמיר)

## היא העולה על מוקדה על המזבח... (ו. ב.)

דאס ווארט „מוקדה״ איז מיט א קליינע מ׳, דאגעגען ווידער דאס ווארט „תמים״ („תמים תהי׳ עם ד׳ אלקיך״) און מיט א גרויסע ת׳. תמימות דארף דער מענש בעזיצען וואס-מעהר, דאגעגען ברען, התלהבות, דאס דארף מען וואס טיעפער טראגען אין זיך, וואס וועניגער ארויסווייזען פאר מענשען...
(רבי מענדעלי קאצקער)

עהנליך פלעגט זאגען רבי ישראל׳קע ריזשינער אויף די ווערטער: „בפי ישרים תתרומם ובשפתי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתקדש ובקרב קדושים תתהלל״, וואס גרעסער דער מענש איז, אלץ שטילער און בע-האלטענער איז ביי איהם די עבודת-השם, „בפי ישרים תתרומם״, דער גע-וועהנליכער איש ישר דאווענט מיט׳ן מויל, הויך, בקול-רם, „ובשפתי צדיקים תתברך״, ביים צדיק בעוועגען זיך בלויז די ליפען א. א. וו. „ובקרב קדושים תתהלל״, ביים קדוש איז די עבודה „בקרב״ — אינוועניג...

## ולבש הכהן מדו בד... (ו. ג.)

„מדו — שתהא כמדתו״ (רש״י)

און דעריבער — „כהן גדול שלבש בגדי כהן הדיוט עבודתו פסולה״ (ספרי) יעדער מענש דארף זיך אויפפיהרען לויט זיין מאס און לויט זיין שטאנד, וואס גרעסער דער מענש — אלץ מעהר ווערט פון איהם געפא-דערט...
(ילקוט אליעזר)

„מדו — שתהא כמדתו"...

ליידער — שרייבט דערויף רבי וועלוועלע זשיטאָמירער אין ספר „אור המאיר" — זענען אונזערע היינטיגע כהנים, די רבנים און צדיקים, נישט מקיים דעם „מדו שתהא כמדתו" און זיי לעבען אויף קהל'ס חשבון ברייטער, ווי די מאָס... אונזערע עלטערן, די הייליגע צדיקים, פלעגען פיהרען אַ חיי צער ועוני, היינט אָבער בעו"ה איז „כל מחמדיהם — דאָס טייערסטע און הייליגסטע, די תורה ויראה — נתנו באוכל", געבען זיי אַוועק פאַר'ן עסען, כדי צו פיהרען אַ בהרחבה'דיג לעבען...

---

„...אין די היינטיגע צייטען איז שווער פאַר אַ'אדם-כשר צו האָבען געלד, און ווען דו זעהסט, אַז אַ צדיק האָט געלד, איז עס אַ סימן פון ירידה ר"ל... דען וויסען זאָלסטו, אַז זינט דאָס בית-המקדש איז חרוב געוואָרען איז דאָס עשירות אַריינגעפאַלען אין די טיפעניש'ען פון די קליפות, בבחינת „ותרד פלאים", „פלאים" זענען די אותיות „אַלפים", דען נור דורך אַ טיעפע ירידה ח"ו קאָן מען קומען צו עשירות... און ווען צדיקים האָבען עשירות איז עס זיי מזיק צו עבודת-השם..."

(שיחות הר"ן אות ד')

---

## והרים את הדשן אשר תאכל האש... (ו. ג.)

מען האָט בעפוילען דעם כהן צו בעזייטיגען יעדען טאָג פון מזבח דאָס אַש פון די פערברענטע קרבנות, אַלס צייכען, אַז נאָכדעם ווי דער זינדיגער האָט זיין קרבן געבראַכט און ווזר-בתשובה געוואָרען, דאַרף מען איהם מעהר נישט דערמאָהנען די זינד פון דער פערגאַנגענהייט און יעדער זכר דערפון דאַרף אָבגעמעקט און פערגעסען ווערען...

(ר' מנחם הבבלי)

---

## ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים וכו' (ו. ד.)

רבי מאיר'ל פרימישליאַנער, צוקומענדיג איינמאָל בשעת קריאת-התורה צום דאָזיגען פסוק, האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט און אויסגעשריען: וועה וועה, זאָל זיך יעדער מענש בערעכענען און זאָל ער געדענקען, אַז עס וועט דאָך סוף-כל-סוף קומען דער טאָג, ווען עס וועט זיין „ופשט את בגדיו", ווען מען וועט אָבציהען פון איהם זיינע קליידער און „ולבש בגדים אחרים".

מען וועט איהם אנטהון אין אנדערע קליידער, יאין גאנץ אנדערע בגדים, „והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה״, און מען וועט ארויספיהרען דעם דשן, דעם מענשליכען עפר ואפר, אויסער דער שטאדט, „אל מקום טהור״, אויף א ריין ארט, און „והאש המזבח תוקד בו״, און אויפ׳ן פייער פון גיהנום וועט מען איהם ברענען. ווער, ווער, אוי לנו מיום המשפט, אוי לנו מיום הדין!...

---

## והוציא את הדשן וכו׳ אל מקום טהור... (ו. ד.)

אויך דער „דשן״, דאס פסולת פון אידען, דארף געזאמעלט ווערען אל מקום טהור...

(בית יעקב)

---

גאנץ אפט, בעת מען וויל געפונען א פונק, דארף מען זיך גריבלען אין אש...

(רבי בער ממעזריטש)

---

## וערך עליה העולה והקטיר עליה... (ו. ה.)

„שלא יהא דבר קודם על המערכה לתמיד של שחר, שלא יהא דבר מאוחר לתמיד של בין הערבים״ (רש״י)

מיט׳ן קרבן-צבור האט זיך אנגעהויבען די עבודת-הקרבנות און מיט׳ן קרבן-צבור האט זי זיך געענדיגט, בלויז אין דער צווישען-צייט האט מען אויך מקריב געווען די קרבנות פון יחידים. דען דער עיקר, דער הויפט-צוועק און דער תכלית, דער אנהויב און דער סוף איז און דארף זיין — דער צבור, דער רבים, דער כלל...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

---

## אש תמיד תוקד על המזבח... (ו. ו.)

דאס איז ווירקליך געווען א פלא׳דיגע זאך. דער מזבח איז געווען געמאכט פון האלץ און בעצויגען מיט קופער, וועלכער איז געווען דין נישט מעהר ווי א דינר, און גאנצע טעג און נעכט האט געברענט אויפ׳ן מזבח דאס פייער און דאך איז דער קופער נישט צוגאסען געווארען...

(מנחה בלולה)

---

## במקום קדש תאכל בחצר אהל מועד... (ו. יט)

ווערגן אַ חטאת און אַן אשם ווערט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי עסען נור במקום קודש, „לפנים מן הקלעים", דאַגעגען אַ תודה און שלמים מעג מען עסען „בכל העיר", אין דער גאַנצער שטאָדט. איז אין פלוג וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פערקעהרט, אַז במקום קדוש זאָלען געגעסען ווערען נור יענע קרבנות, וועלכע קומען פרייוויליג און האָבען נישט אויף זיך קיין שום זינד, ווי תודה און שלמים, דאַגעגען מיט קרבנות, וועלכע קומען צוליעב חטאיר, ווי חטאת און אשם, זאָל מען מקיל זיין און זיי זאָלען איבעראַל מעגען געגעסען ווערען?

באמת אָבער, איז וואָס זינדיגער אַ מענש איז, אַלץ אין מעהר קדושה נויטיגט ער זיך אַלס בעל־תשובה, כדי זיך צו דערהאַלטען און נישט צו פאַלען... דעם רשע רופט אָן שלמה המלך אין משלי: „עיר פרוצה בלי חומה" און כדי איהם צוריקצושטעלען דאַרף ער דעריבער האָבען וואָס מעהר חומה, וואָס מעחר גדר, וואָס מעהר אווירא דקדושה — „לפנים מן הקלעים"...

(נחלת בנימין)

---

„במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"

דער בעל־תשובה דאַרף זיך געפינען אויף אַ העכער אָרט, אום נישט נכשל צו ווערען און נישט אומצוקעהרען זיך צו זיינע פריהערדיגע מעשים...

(בעל העקדה)

---

רבי גרשון העניך ראַדזינער פלעגט זאָגען בדרך הלצה, אַז דעריבער „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד", ווייל עס טראָגט זיך אַ ריח־רע פון די געוועזענע בעלי־עבירה און עס איז אוממעגליך פאַר'ן צדיק גמור אייגצושטעהן מיט זיי אויף איין פלאַץ...

---

## במקום אשר ישחטו את העלה... (ז. ב)

„ריבה לנו שחיטות הרבה לפי שמצינו אשם בצבור" (רש"י)

עס איז אַן אַלטע קשיא און אַלע פרעגען: וואו געפינען מיר דען, אַז אַ צבור זאָל ברענגען אַ קרבן אשם? מאַנכע ווילען דעריבער האָבען, אַז עס איז דאָ אַ טעות־הדפוס און עס דאַרף זיין: „שאין מצינו אָשם בצבור"... ווי עס ווערט אָבער אָנגעוויזען אינ'ם ספר „חיי יצחק" (פון ר' חיים אייזיק

יוסטמאַן) איז דאָ קיין שום טעות נישט, דען בימי עזרא, ווי מיר געפינען בפירוש אין פסוק (עזרא י. יט.), האָט דאַן דער צבור מקריב געווען אַ קרבן אשם...

---

## לכל בני אהרן תהיה איש כאחיו... (ז. י.)

אַלע אידען דאַרפען ביים כהן, ביים מנהיג-ישראל, זיין גלייך — „איש כאחיו"...

(תפארת שלמה)

---

## וחלב נבלה וחלב טרפה יעשה לכל מלאכה... (ז. כד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין תרגום יונתן: „ותריב חיוא דמקלקלא בשעת ניכסתא ודמית נבלא במותנא וכו׳ אפשר דיתעבד לכל עבידתא, ברם תריב חיוא דמכשרא יתסק על מדבחא", ד. ה. נאָר חלב פון אַ נבלה און טרפה מעג בענוצט ווערען צו יעדע מלאכה. דאַגעגען חלב פון אַ בהמה כשרה מוז מען נור מקריב זיין אויפ׳ן מזבח (און צו קיין שום אַנדערע מלאכה טאָר עס נישט בענוצט ווערען).

און דאָס איז דאָך אונפערשטענדליך. וואו געפינען מיר דען אַזאַ דין, אַז חלב פון אַ בהמה-כשרה זאָל נישט טאָרען בענוצט ווערען צו אַ מלאכה?

נאָר דער תרגום יונתן רעדט דאָ וועגען דור-המדבר, ווען מען האָט זיי נאָכנישט געהאַט מתיר געמאַכט צו עסען פלייש אויסער פון די קרבנות, וועלכע מען האָט מקריב געווען אַלס שלמים, דאַמאָלס איז טאַקי אויסגעקומען, אַז צו אַ מלאכה האָט מען געקענט בענוצען נור דעם חלב פון אַ נבלה און טרפה און נישט פון אַ בהמה-כשרה, ווייל אַ בהמה-כשרה האָט דאָך נישט געקענט אַנדערש געשאָכטען ווערען נור אַלס קרבן און דאָס חלב פון אַ קרבן האָט מען דאָך געמוזט מקריב זיין אויפ׳ן מזבח...

(ספר ינחנו)

---

## זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת ולאשם... (ז. לז.)

זאת התורה, טיילמאָל ווערט דער לימוד-התורה אָנגענומען אין הימעל כעולה וכמנחה — אויב מען לערנט לשמה, און טיילמאָל איז זי כחטאת וכאשם — אויב מען לערנט לקנטר...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

---

## ויעש משה כאשר צוה ד׳ אותו ותקהל העדה... (ח. ד.)

משה רבינו — פלעגט זאָגען דערויף רבי מענדעלי קאָצקער — האָט פריהער נישט זוכה געווען צום „ותקהל העדה", אז די עדה זאָל זיך איינזאַמלען און „פאָהרען" צו איהם, נאָר ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבען געזעהען, אז „ויעש משה כאשר צוה ד׳ אותו", אז משה איז אַלץ מקיים, וואָס דער אויבערשטער הייסט, היינט אָבער פאָהרט מען צו אַ רבי׳ן, הגם מען ווייסט נישט, צי ער טהוט טאַקי אַלץ „כאשר צוה ד׳"...

---

## וישחט ויקח משה מדמו... (ח. כג.)

אויפ׳ן וואָרט „וישחט" איז די נגינה אַ „שלשלת", וואָס ווערט אויסגעזונגען לענגער ווי אַלע אַנדערע טעמי-הנגינה. פון דאַנען ווייזט אויס, איז אַ רמז אויף דעם אַנגענומענעם מנהג, וואָס עפ״י רוב איז דער שוחט גלייכצייטיג אויך חזן...

(אנ׳אַלט ווערטעל)

---

אַ צווייטער רמז אויף חזן-שוחט אין איין פערזאָן איז פון פסוק — „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם"...

---

אויפ׳ן פסוק „יודע נגן וכו׳ ונבון דבר" (שמואל א׳ טז. יח.) זאָגט דער אַברבנאל: „לפי שמן הרגיל השני דברים האלו הם קשה למוצאם ביחד"... און דערפון משמעות, נעהמט זיך עס דאָס ווערטעל — „אַ חזן איז אַ נאַר"...

---

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַברהם בער גאָטלאָבער׳ן: ווער האָט איינגעפיהרט חזנים ביי אידען?

— שלמה המלך — האָט דערויף גאָטלאָבער געענטפערט.

— פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?

— עס איז — מאַכט ער — אַ בפירוש׳ער פסוק: „אבי יסר אתכם בשוטים" (מלכים א׳ יב.)...

---

— וואָס איז די מעשה — האָט מען אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל חריף — וואָס אַ חזן שטעלט זיך ביים עמוד צו „שוכן עד" און נישט צום אָנהויב דאַווענען?

— גאָר פשוט — שמייכעלט רבי אייזיל — מיט אַ נאַר איז אַ מורא אָנצוהויבען...

---

אין וויטעבסק איז געווען אַ חזן, יאָשע גאָלדעס, אַ איד אַ פּקח און גרויסער וויצלינג.

— ר׳ יאָשע — פרעגט מען איהם אַמאָל — די וועלט זאָגט חזנים זענען נאַראָנים, אָט זעגט איהר אַ חזן און דוקא אַ בעל-שכל?

— עט — לאַכט ר׳ יאָשע — „אין מביאין ראיה מן השוטים״...

# שְׁמִינִי

## ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח... (ט. ז.)

„אמר לו משה, למה אתה בוש, לכך נבחרת" (רש"י)

לכך נבחרת -- אויף דעם ביזט אויסגעקליבען געוואָרען. אַ מנהיג מוז זיך געוועהנען צו קאָנען פערטראָגען כל מיני חרפות ובושות און — נישט נתפעל צו ווערען...

(רבי יחיאל מאיר אָסטראָווצער)

---

„לכך נבחרת" — שוין צוליעב דעם אַליין, וואָס דו פערמאָגסט אין זיך די מידה פון בושה, האָסטו פערדינט מען זאָל דיך וועהלען אַלס מנהיג...

(אור ישרים)

---

## יין ושכר אל תשת... (י. ט.)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט די דאָזיגע אזהרה צו די מיתת בני אהרן? דען די חז"ל זאָגען: „לא נברא יין אלא לנחם את האבלים", און דע־ריבער האָט מען אהרנ'ען מזהיר געווען, אַז ער זאָל זיין אַ יוצא מן הכלל, אפילו בשעת זיין אבלות זאָל ער קיין וויין נישט טרינקען...

(כלי יקר)

---

„רבי עקיבא — דערצעהלען די חז"ל אין שבת פ"ז — עשה משתה לבנו וכו' אמר חמרא וחיי לפום רבנן חיי וחמרא לפום רבנן".

וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? און וואָס האָט ער עפּיס געזאָגט צוויי מאָל: „חמרא וחיי" און „חיי וחמרא"?

נאָר אין צוויי פאַלען, ווי מיר געפינען, איז דאָס טרינקען וויין פער־בינדען מיט מיתה ר"ל. ווייַן ווערט געגעבען אבלים, ווי אויך אַ נידון

למיתה. אלזא, אין ערשטען פאל, — נאכ'ן טויט, אין צווייטען פאל — פאר'ן טויט... און דעריבער האט זיי רבי עקיבא ביים דערלאנגען דעם ווײן גע־וואונשען: „חמרא וחיי", און „חיי וחמרא", אז זיי זאלען שטענדיג טרינקען וויין אין גוטען אופן, אהן א שום צוזאמענהאנג חלילה מיט'ן טויט, עס זאל זיין „חיי" פאר'ן „חמרא" און „חיי" נאכ'ן „חמרא"...

(רבי נפתלי צבי יהודה בערלין)

---

ר' אריה די מודינא, וועלכער האט שטארק ליב געהאט א גלעזעל משקה, פלעגט זאגען: זיעבציג טעמים זענען פאראן, אז מען דארף קיין וויין נישט טרינקען, אבער דער איינער טעם פון וויין וועגט זיי אלע איבער...

---

נאך אין די יונגע יאהרען — דערצעהלט מען וועגען איהם — איז ער שוין געווען א גרויסער וויין-טרינקער, האט מען איהם איינמאל געפרעגט: די חז"ל זאגען דאך „עד ארבעין שנין מיכלא מעלי מכאן ואילך משתי מעלי" (שבת קנב), אז ביז פירציג יאהר דארף מען טרינקען ווייניג? די חז"ל — האט ר' אריה די מודינא דערויף געענטפערט — מיינען דערמיט עפיס אנדערש, זיי האבען געמיינט דערמיט צו זאגען, אז ערשט נאך פירציג יאהר הויבט אן דער מענש צו פערשטעהן דעם טעם פון טרינקען, דען „בן ארבעים לבינה", צו מיר אבער איז דער שכל ב"ה געקומען פריהער...

---

## ולהבדיל בין הקדש ובין החול וכו' ולהורות את בני ישראל... (י. י.)

אויך ביים „ולהורות את בני ישראל", ביי די, וואס וועלען זיך אנ־געבען אלס אייערע מורי-דרך און וועג-ווייזער, זאלט איהר אונטערשיידען „בין הקודש ובין החול", ווער און וואס זיי זענען, צי עס איז תוכם כברם...

(רבי משה פאלאק)

---

## כל מפרסת פרסה וכו' מעלת גרה... (יא. ג.)

דאס זענען די ערשטע סימני טהרה, די ערשטע אידישע סימנים —

„מעלה גרה״, געבען צדקה („עשרים גרה השקל״) און „מפרסת פרסה״, טיילען זיך זאָגאַר מיט׳ן שטיקעל ברויט (מה דרכו של עני בפרוסה)...

(רבי וועלוועלע מגיד)

---

„כבד ד׳ מהונך, אל תקרי מהונך אלא מגרונך״ — נישט נור פון דיין הון און עשירות, נאָר אַפילו „מגרונך״, פון דיין האַלז זאָלסטו אָבשפּאָרען, מיט דיין ביסען זאָלסטו זיך טיילען...

(כתב סופר)

---

## את זה לא תאכלו... (יא. ד.)

צו אַברהם זשעטלער זענען אַמאָל געקומען די קצבים מיט אַ שווערע שאלה, ס׳איז געווען פאַר פּסח, בעת שטעדטעל דאַרף האָבען פלייש און די קצבים זענען געווען גרויסע אָרימעלייט, דאָס געלד אויפ׳ן אָקס איז געווען געבאָרגט געלד — האָט רבי אַברהם געוואָלט מכשיר זיין. לויט׳ן רמ״א אָבער איז געווען שווער צו מאַכען כשר, האָט ער אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געפונען עפּיס אַ קולא אין אַ שפּעטערדיגען אחרון, זאָגט ער צום דיין:

— לאָמיר עס ביידע נעהמען אויף זיך און כשר מאַכען...

— חלילה וחס! — האָט זיך דער דיין אָבגעשאָקעלט — קעגען רמ״א?

האָט רבי אַברהם גענומען אויף זיך און אַליין כשר געמאַכט.

— היתכן? — פרעגט איהם דער דיין — האָט איהר אַזעלכע ברייטע פלייצעס צו שטעלען זיך געגען רמ״א?

— כ׳וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם רבי אַברהם — ווען כ׳וואָלט טריף געמאַכט, וואָלט איך אויפ׳ן עולם-האמת געהאַט צו טהון מיט די קצבים, זיי וואָלטען מיך געשלעפּט פאַר׳ן בי״ד של מעלה און גע׳טענה׳ט, אַז כ׳האָב זיי בדלות געשטעלט, ס׳געלד איז געווען געבאָרגט, ס׳טריפה פלייש האָבען זיי געמוזט פערקויפען מיט היזק, היינט גאָר טענה זיך אויס מיט פּראָסטע אידען... איצט אָבער, אַז כ׳האָב כשר געמאַכט, וועל איך האָבען צו טהון מיט׳ן רמ״א, און נישקשה, מיט אַזאַ גאון און צדיק וועל איך שוין ווי עס איז דורכקומען...

---

צו רבי יהושע׳לע קוטנער איז אַמאָל געקומען אַ אידענע מיט אַ שאלה אויף אַן עוף: ביים כשר מאַכען האָט זי די גאַל נישט געפונען.

ווי דער דין איז ביי אזא שאלה האט דער רב געגעבען א לעק דאס לעבערל — ס׳איז נישט ביטער. גיט ער די דיינים, זיי לעקען און שפירען אויך נישט קיין ביטערקייט, זאגט ער צו דער אידענע:

— פרובט איהר א לעק טהון... נו, ס׳איז ביטער?

— אי, רבי-קרוין — קרעכצט די אידענע — ס׳איז ביטער ווי דער טויט. כ׳בין אן אלמנה מיט קליינע יתומים, דאס עלטערע יונגעל מיינס איז א לערן-קינד, ער איז אבער קראנק געווארען און דער דאקטאר האט איהם געהייסען קאכען א היהנעריש יאיכעל, האב איך אבגעשפארט דאס לעצטע און געקויפט אנ׳עוף. נו, האב איך מזל — מאכט זיך א שאלה, א, הייליגער רבי, ווי ביטער!...

— אויב ס׳איז ביטער — פסקנ׳ט רבי יהושע׳לע — איז כשר...

---

רבי אייזיל סלאנימער איז געווען א גרויסער מקיל אין שאלות, דא-געגען דער דיין זיינער איז געווען א גרויסער מחמיר.

איינמאל זיצען זיי ביידע און שמועסען וועגען דעם ענין פון מקיל און מחמיר זיין, מאכט רבי אייזיל צום דיין:

— פערשטעהט איהר מיך, נישט אלע מאל מוז מען פסק׳ענען, ווי עס שטעהט אין דין, נאר אלע מאל מוז שטעהן אין דין, ווי מען פסק׳ענט...

---

## ואת הארנבת... (יא. ו.)

„אין בארנבת — ערקלערט דערויף דער אבן-עזרא — רק מין נקבה".

און אין תשבי פון ר׳ אליהו בחור (שורש גלגול) ווערט געזאגט, אז די ארנבת איז א רובע ונרבע, אז זי בעזיצט, הייסט עס, די אייגענשאפט צו ערפילען די געשלעכטליכע פונקציעס סיי פון א זכר, סיי פון א נקבה...

---

## ואת החזיר... (יא. ז.)

דערויף זאגט דער רבינו בחיי: „וכשהזכיר הכתוב החזיר אף הכלב בכלל, שהרי הוא כמותו שאינו מעלה גרה, אבל פרסותיו סדוקות, וכן הנביא המשילם זל״ז („עורף כלב מעלה מנחה דם חזיר״(ישעי׳ ס״ו ג׳).

פרעגט זיך: אין חולין נ״ט ווערט דאך דייטליך ערקלערט, אז אויסער

אַ חזיר איז קיין שום בעל־חי נישט מפריס פרסה, און נעמליך: „דתני דבי ר׳ ישמעאל, ואת החזיר כי מפריס פרסה, שליט בעולמו יודע שאין לך דבר שמפריס פרסה אלא החזיר, לפיכך פרט בו הכתוב וכו׳״. און אויך רש״י אין דער היינטיגער סדרה, אויפ׳ן פסוק „וכל הולך על כפיו״, ער־קלערט: „כגון כלב ודוב וחתול״, ד. ה. אַז אַ כלב האָט נישט קיין פרסות, נאָר בלויז כפים — אצבעות?

(שמעון זאַקאַן)

---

די חז״ל פערגלייכען אין פיעל ערטער דאָס מלכות רומי צו אַ חזיר, ווי „יכרסמנה חזיר מיער — זה רומי״, וכדומה.

דאָס ערקלערט זיך איינפאַך דערמיט, ווייל ביי די אַלטע רוימער איז דער חזיר געווען דער סימבאָל פון גבורה און אין די בעזיעגטע שטעדט פלעגען זיי אַוועקשטעלען אויף די עפענטליכע פלעצער חזרים־סקולפּטורען, ווי די חז״ל דערצעהלען וועגען אדרינוס׳ן, אַז ער האָט אויפגעשטעלט אַ חזיר אין ירושלים ביים טויער, וואָס פיהרט צו בית־לחם, אַלס צייכען פון מאַכט און נצחון.

(בקורי הריב״ל)

---

## ובנבלתם לא תגעו... (יא. ח.)

„לא תגעו ברגל, זהו שאמרו חייב אדם לטהר עצמו ברגל״ (רש״י)

דער משנה למלך שרייבט אין הלכות טומאת אוכלים (פרק ט״ז הלכה י״): „ודע שרש״י הביא דרשה זו בפרשת ראה ולא ידעתי למה לא הביאה בפרשת שמיני הקודמת״.

אַ פלא! רש״י ברענגט דאָך יאָ דעם דאָזיגען דרש דאָ אין פרשת שמיני!...

---

## כל הנוגע בנבלתם וכו׳ (יא. כד.)

„ת״ח שאין בו דעת נבלה טובה הימנו״ (ויקרא רבה)

וואָרום אַ תלמיד־חכם אַ בעל־שכל, אויב ער ווערט אַמאָל נכשל און זינדיגט, איז ער געניג פאָרזיכטיג צו בעהאַלטען דעם חטא, עס זאָל נישט קומען צו קיין חלול־השם, דאַגעגען אָבער אַ תלמיד־חכם אַ שוטה, אַז ער זינדיגט, ווערט דער חטא גלייך מפורסם אין דער עפנטליכקייט, פונקט ווי אַ נבלה, וואָס איהר שלעכטער ריח לאָזט זיך נישט אויסבעהאַלטען...

(אהל יעקב)

---

## וזה לכם הטמא בשרץ השורץ על הארץ... (יא. כט.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „השרץ בגימטריא כשעורה, ששעורו כשעורה״.

די דאָזיגע ווערטער זענען אונפערשטענדליך. ערשטענס, איז דאָך ביי אכילת שרצים דער דין אין דער גמרא, אַז „שיעור אַכילה כמשהו ושיעור טומאה בכעדשה״ (חגיגה י״א). צווייטענס איז די גימטריא נישט קיין ריכ-טיגע, דען דער מספר פון וואָרט „שרץ״ בעטרעפט 595 און „כשעורה״—601.

עס איז דעריבער העכסט וואהרשיינליך אַז עס איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות-הדפוס און עס דאַרף זיין „ששעורו כשערה״, עס הייסט, ווי אַ האָר, אַ משהו.

(תורה תמימה)

---

אין שרצים ורמשים איז דער עולם שטאַרק נזהר, קיין איד וועט זיך נישט צוריהרען צו עסען חלילה דאָס מינדעסטע ווערעמעל, אָבער אויף צו עסען אַ לעבעדיגען מענש, צו בע׳גזלנ׳ען איהם און צו בעראַבעווען און צו שינדען פון איהם אָהן רחמנות די הויט — דאָס איז פון די גאַנץ לייכטע זאַכען.

און דעריבער האָט דוד המלך געשריען צו די שונאים זיינע: „ואנכי תולעת ולא איש״! וואָס פייניגט איהר מיך, וואָס עסט איהר מיין פלייש, זאָל זיך אייך דוכטען, אַז איך בין אַ ווערעמעל, נישט קיין מענש!...

(קול אומר קרא)

---

## וכל כלי חרש וכו׳ כל אשר בתוכו יטמא... (יא. לג.)

„אין כלי חרס מיטמא אלא מתוכו״ (רש״י)

און דעריבער ווערט אויך דער מענש געגליכען צו אַ כלי-חרס — „הוי, רב את יוצרו חרש את חרשי אֲדמה״ (ישעי׳ מה. ט.) איך דער מענש ווערט טמא נישט דורך זיין חיצוניות, נאָר דורך זיין פנימיות...

(אורח חיים)

---

## כל הולך על גחון... (יא. מב.)

„חצי התורה באותיות״ (מסורה)

דער גחון, דער בויך! — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — איהם דאַרף מען דער עיקר היטען אין מיטען דער תורה... נישט אַרומצוגעהן מיט קיין פולען בויך, אָנגעפּאַקט מיט לומדישע גיאות...

## וכל הולך על אַרבע עד כל מרבה רגלים... (יא. מב.)

„זה גדל, שרץ שיש לו רגלים מראשו ועד זנבו לכאן ולכאן״ (רש״י)

און אין חולין דף ס״ז זאָגט רש״י: „גדל שיש לו מאה רגלים״. לעווינזאָהן אין זיין „די זאָאָלאָגיע דעס תלמוד׳ס״ בעמערקט דערויף, אַז עס איז אַ לשון-גוזמא, דען פאַקטיש בעזיצט אַ גדל אַ זכר צוויי און דרייסיג פיס און אַ נקבה — פיער און דרייסיג.

---

## להבדיל בין הטמא ובין הטהור... (יא. מז.)

„בין נשחט חציו של קנה לנשחט רובו״ (רש״י)

פון „חציו״ ביז „רובו״ איז אַן אונטערשיעד אין אַ משהו... אין אַ קליינינקייט בלויז איז עס געווענדעט: איין שפרונג איז פון טהרה ביז טומאה און — פון גן-עדן ביז׳ן גיהנום...

(רבי ר׳ בונם)

---

# כִּי תַזְרִיעַ

## אשה כי תזריע וכו׳ וטמאה שבעת ימים... (יב. ב.)

„שבשעה שכורעת לילד קופצת ונשבעת שלא תיזקק לבעלה, לפיכך אמרה תורה תביא קרבן" (נדה ל"א)

און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „כמו הרה תקריב ללדת, תחיל תזעק בחבליה, כן היינו מפניך ד׳" (ישעי׳ כו. יז.) פונקט ווי די יולדת, ווי נאָר די יסורים טרעטען אָב פון איהר האָט זי חרטה אויף דער שבועה, וואָס זי האָט געגעבען, אַזוי זענען אויך די בני ישראל: בשעת צער און יסורים נעהמען זיי אויף זיך צו זיין מהיום-והלאה גוט און פרום, נישט צו-צוריהרען זיך מעהר צו קיין זינד, אָבער ווי נור דער מצב פערבעסערט זיך א ביסעל, אַזוי האָבען זיי גלייך חרטה און פערגעסען אין זייער צוזאָג...

(נועם מגדים)

---

## וביום השמיני ימול... (יב. ג.)

ר׳ יצחק בער לעווינזאָהן ציטירט אַן׳אַלט ענגליש געשיכטע-בוך, אין וועלכען עס ווערט דערציילט, אַז דער בעקאַנטער ערשטער געלעהרטער אַנטיסעמיט אַפּיאָן, וועלכער האָט אין זיינע אָנפאַלען אויף דער אידישער תורה אַממעהרסטען מרעיש-עולם געווען געגען דער „באַרבאַרישער" מצות-מילה, איז אויף דער עלטער קראַנק געוואָרען אויף אַ מיאוסע קרענק, און לויט דער פעראָרדנונג פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבען קיין אַנדער מיטעל נישט געפונען, האָט ער זיך געמוזט לאָזען... מל זיין.

(בקורי ריב"ל)

---

אויף א ברית-מילה ווערט געזאָגט: „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים-טובים". פאַרוואָס ווערט דאָס אויסגערופען גראָד פאַר׳ן מקיים זיין די דאָזיגע מצוה?

ווייל בנוגע אַלע אַנדערע מצוות קאָן מען וועגען קיין מענש נישט זיכער זיין, אַז ער וועט זיי בלייבען טריי אויף זיין גאַנץ לעבען, דען „אַל תאמין בעצמך עד יום מותך" זאָגען אונז די חז"ל. יאָהרען לאַנג קאָן אַ איד זיין אַ שומר תורה ומצוות און מיט איינמאָל זאָל ער חלילה דעם גאַנצען עול אַראָבוואַרפען פון זיך... בלויז איין מצוה איז פאַרהאַן, מיט וועלכע מען איז זיכער מיט יעדען איד, אַז ער וועט זי שוין קיינמאָל אין לעבען נישט מבטל זיין — מצות מילה. צי ער וויל, צי ער וויל נישט, איז איהם שוין אוממעגליך צו שיידען זיך מיט איהר, זי בלייבט שוין ביי איהם אויף אייביג... ווינשען מיר דעריבער דעם רך-הנימול: „כשם שנכנס לברית", פונקט אַזוי ווי מיר זענען וועגען איהם זיכער מיט דער דאָזיגער מצוה, אַז ער וועט זי מעהר נישט מבטל זיין, „כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים-טובים", אַזוי זאָלען אויך די איבעריגע מצוות ומעשים-טובים, וועלכע ער דאַרף מקיים זיין, בלייבען ביי איהם אויף שטענדיג...

(אמרי בנימין)

---

„כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים".

הגם דער פאָטער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס אידישקייט וועט דעם זוהן, דעם רך-הנימול, זעהר טייער קאָסטען און איהם פערשטעלען דעם וועג צו פערשיעדענע פרנסות, צו וועלכע ער וועט אַלס איד נישט ווערען צוגעלאָזען, „כן יכנס לתורה", אַזוי זאָל ער אויך שפּעטער עוסק זיין בתורה, אָבוואָהל אויך דערפון קאָן מען קיין מאַטעריעלען תכלית נישט ערוואַרטען, און דאָס זעלבע אויך „לחופה", זאָל ער זיך דאַן נישט רעכענען מיט דער מאַטעריעלער זייט און נישט זיין קיין „נושא אשה לשם ממון"...

(זכרון מנחם)

---

ברית מילה איז אונזער נאַציאָנאַלער צייכען, דורך וועלכען מיר ווערען אָבגעשיידט און אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער נאַציאָנאַליזם אַליין איז ווייניג, מיט בלויז נאַציאָנאַליזם, אָהן תורה, קענען מיר נישט עקזיסטירען, און מיר מאַכען דעריבער אויפמערקזאַם דעם רך-הנמול, אַז דאָס איז נאָך נישט גענוג, נאָר אַז „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה".

(לקוי המאורות)

---

„למנצח על השמינית, זו מילה שניתנה בח'" (מנחו' מ"ג)

לויט'ן דאָזיגען דרש וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהן „על שמיני", נישט „השמינית", לשון נקבה? —

דער זעלבער דרש ווערט אויך געבראכט אין תוספתא ברכות פרק ו׳ און אין ספרי און דארט פעהלט טאקי דער אויספיהר „שניתנה בח״, און דער פשט איז, אז מילה איז די „מצוה השמינית״, די אכטע מצוה וועלכע איז געגעבען געווארען נאך די שבע מצוות בני נח...

(תולדות אדם)

---

## אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת... (יג. א.)

נגעים — זאגען די חז״ל — קומען אלס עונש אויף די זינד פון לשון-הרע, און דעריבער — „המספר לשון-הרע ראוי להשליכו לכלבים״ (פסחים קי״ח) דען דער לשון-הרע׳ניק שטעהט פיעל נידריגער פון די כלבים, וועלכע האבען געהיטען די צונג — „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו״...

(רבי אלי׳ קלאצקין)

---

צום קאנינער רב, רבי הירש אויערבאך, איז אמאל, בשעת ער איז קראנק געווען, געקומען דער דאקטאר, וועלכער האט איהם בעטראכט און זיך געהייסען ווייזען די צונג.

— אייער צונג, רבי — מאכט צו איהם דער דאקטאר — איז נישט ריין.

— יא — ענטפערט איהם מיט מיט א זיפץ דער קאנינער רב — כ׳וויס... ווער האט דען היינט בעוונותינו הרבים א ריינע צונג...

---

דער מענש ווערט אין לשון קודש אנגערופען מיט פערשידענע נעמען: איש, גבר, אנוש און אדם. לויט׳ן זוהר איז דער אויסדרוק „אדם״ א בע-צייכנונג פון דער העכערער קאטעגאריע מענשען.

און דעריבער ווערט אין פרשת נגעים דערמאהנט דאס ווארט „אדם״, דען נגעים קומען אלס עונש אויף לשון-הרע און די דאזיגע מדה מגונה איז אממעהרסטען שכיח ביי גרויסע מענשען...

(רבי מרדכי יוסף איזשביצער)

---

## והיה בעור בשרו לנגע צרעת והובא אל אהרן הכהן... (יג. ב.)

דער לשון-הרע׳ניק און רכילות-טרעגער, בשעת מען מאכט איהם פאר-וואורף אויף זיין העסליכער בעשעפטיגונג, פערענטפערט ער זיך, אז דאס

נעהמט זיך פון זיין ליעבע צום אמת, ער קאָן נעביך נישט פערטראָגען און צוזעהן, ווי דיין חבר איז פאַלש צו דיר און ער רעדט אויף דיר שלעכטס און ער מוז דעריבער גלייך לויפען און דערצעהלען, וואָס אַזעלכעס יענער האָט אויף דיר גערעדט, ער מוז זאָגען דעם אמת... און דעריבער — „והובא אל אהרן הכהן", ברענגט מען איהם צו אהרנ'ען און מען ווייזט איהם אַ ביי־שפּיעל: אויך אהרן איז ב"ה אַ גאַנץ עהרליכער און פרומער איד און פונ־דעסטוועגען ערלויבט ער זיך מפני דרכי שלום נישט צו זאָגען שטענדיג דעם אמת, ווי די חז"ל דערצעהלען: בשעת אהרן פלעגט זיך דערוויסען וועגען צוויי מענשען, אַז זיי האָבען פיינד איינער דעם צווייטען, פלעגט ער אריינגעהן צו איינעם פון זיי און זאָגען צו איהם: „יודע אתה? חברך מתחרט שכועס עליך", דו ווייסט? דיין חבר בעדויערט שטאַרק, הלמאי ער האָט זיך מיט דיר צוקריעגט. דאָס זעלבע פלעגט ער אויך זאָגען דעם צוויי־טען, ביז זיי האָבען זיך איבערגעבעטען און שלום געוואָרען, און דאָס דוקא אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט נישט געזאָגט דעם אמת...

(רבי מאיר יחיאל גאָסטינינער)

---

## ושער בנגע הפך לבן... (יג. ג.)

„מתחלה שחור והפך ללבן בתוך הנגע ומעוט שער שנים" (רש"י)

וואָס מיינט רש"י מיט דעם „ומעוט שער וכו'"? צווייטענס, דער „ומעוט שער וכו'" איז דאָך אַ פירוש אויפ'ן וואָרט „ושער", וואָלט דאָך עס רש"י געדאַרפט זאָגען פריהער פאַר'ן „מתחלה שחור וכו'", דען דאָס וואָרט „ושער" איז דאָך פריהער דערמאָהנט אין פסוק?

נאָר רש"י וויל דערמיט בעמערקען, אַז דער „הפך לבן" געהט אַרויף אויף דער נגע, נישט אויפ'ן „ושער", נישט די האָר, נאָר די נגע איז גע־וואָרען ווייס. אַ ראיה דערצו איז דאָס, וואָס „מיעוט שער שנים", און ווי־באַלד כ'זאָל זאָגען, אַז דער „והפך לבן" בעציהט זיך אויפ'ן „ושער", וואָלט דאָך געדאַרפט שטעהן: „והפכו לבן", אַ לשון רבים...

(ווילנער גאון)

---

אויב אַ מענש פערזינדיגט זיך אַמאָל אין די יונגע יאָהרען, קאָן מען נאָך וועגען איהם האָפען, אַז ער וועט קומען צום שכל, טהון תשובה און זיך אומקעהרען בדרך הישר, אָבער אויב „ושער בנגע הפך לבן", אויב די נגעים האָבען שוין גרויע האָר, זיי עלטערען זיך ביי איהם — „טמא הוא", אַזאַ איינער איז שוין אַ פערפאַלענער...

(תפארת יונתן)

---

רבי הירש לעווין, וועלכער איז געווען רב אין האלבערשטאדט, נאכ-הער אין לאנדאן, שפעטער אין בערלין, האט אמאל געזאגט:

— דריי מאל האב איך זיך בעגעגענט מיט א געוויסען פערזאן, אין דריי פערשיעדענע צייטען. דאס ערשטע מאל איז ער געווען טרויעריג און פערצווייפעלט, דאס צווייטע מאל איז ער געלאפען איילענדיג איבער דער גאס נישט האבענדיג גאר קיין צייט זיך אבצושטעלען, דאס דריטע מאל האט ער שפאצירט א רוהיגער, א צופרידענער, ווי אייגער, וואס איז שוין מיט אלעם פערזארגט און ער דארף שוין מעהר נישט ארבייטען.

געווען איז דער דאזיגער אייגער — דער יצר-הרע... בשעת איך בין געווען רב אין האלבערשטאדט האב איך איהם געזעהען א טרויעריגען, מחמת אין דער דאזיגער שטאדט פון יראים-ושלמים האט ער נעביך קיין שום ערפאלג נישט געהאט. שפעטער, ווען איך בין געזעסען אויפ'ן כסא-רבנות אין לאנדאן, האב איך איהם געטראפען שטענדיג לויפען — ער האט דארט געהאט גאר א סך ארבייט. דא אבער, אין בערלין, בעגעגען איך איהם ארומשפאצירען א צופרידענעם די הענד אין די טאשען. דא דארף ער מעהר נישט ארבייטען, דא דארף ער מעהר נישט לויפען — מען לויפט איהם אליין נאך...

---

## והסגיר הכהן את הנגע... (יג. ד.)

לויט רש"י'ס ערקלערונג קומט אויס, אז מען האט דעם מצורע אבגע-שלאסען און אבגעזונדערט אויף זיעבען טעג, אבער דער רא"ש איז נישט מסכים מיט'ן דאזיגען פירוש, אנווייזענדיג, אז אין מס' נגעים געפינען מיר לגמרי נישט דערמאהנט, אז דער מצורע זאל ווערען אויף זיעבען טעג אב-געשלאסען אין א בעזונדער הויז. דער רא"ש וויל אלזא האבען, אז „והסגיר הכהן את הנגע" איז דער פשט: די נגע ווערט אבגעשלאסען, עס ווערט גע-מאכט א ספעציעלער צייכען ארום דער נגע און זי ווערט אבגעזונדערט פון איבעריגען קערפער, בכדי צו זעהן, אויב זי האט זיך במשך פון די זיעבען טעג פערגרעסערט אדער נישט...

(פירוש הטור על התורה)

---

# מְצוֹרָע

## זאת תהיה תורת המצורע וכו׳ והובא אל הכהן (יד. ב.)

עס שטעהט נישט „ובא״ נאר „והובא״, ער זאל געברענגט ווערען, בעל־כרחו... וואָרום צרעת קומט אויף דער זינד פון לשון־הרע, און דער לשון,הרע׳ניק, וועלכער רעדט אויף אַלעמען שלעכטס, וועט מסתמא אויך געגען כהן זיך אויפפיהרען חוצפה׳דיג און נישט וועלען געהן צו איהם, אויסרעדענדיג אויף איהם כל דבר אָסור... דעם מצורע וועט מען, אַלזא, דארפען שלעפען בגוואַלד...

(דורש טוב)

---

„תורת המצורע — תורת המוציא רע״ (מדרש רבה)

פאַרוואָס, פרעגט דער אַלשיך, זעהט מען היינט נישט קיין מצורעים, צי דען עקזיסטירט שוין היינט נישט קיין לשון־הרע ביי אידען?...

און אַרומרעדענדיג דעם ענין באריכות פיהרט אויס דער אַלשיך, אַז אדרבה, דעריבער האָט דער דאָזיגער עונש אויפגעהערט, ווייל דער אויר איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט לשון־הרע, אַז ווען מען זאָל דערפאַר נענש ווערען מיט צרעת, וואָלטען מיר אַלע מכף רגל ועד ראש געדאַרפט פערוואַנדעלט ווערען אין מצורעים...

---

מען האָט אַמאָל דערצעהלט דעם קראָקאָווער רב, רבי צבי הירש, אַז געוויסע לייט פון פראָסטען המון זענען איהם מבזה און פערשפּרייטען ווע־גען איהם רכילות און פליאָטקעס. האָט ער שבת אין זיין דרשה זיך גע־ווענדעט צום עולם און געזאָגט: דוד המלך קלאָגט זיך אין תהלים: „ישיחו בי יושבי שער ונגינות שותי שכר״, איז וואָס האָט ער עפּיס אָנגעכאַפּט „יושבי שער״ און „שותי שכר״, און ווי וואָלט זיין, אַז די, וואָס דערצעהלען אויף איהם לשון־הרע, וואָלטען געווען צדיקים, נישט קיין „יושבי שער״ און

„שותי שכר", וואָלט ער שוין דאַן צופרידען געווען? — נאָר די חז"ל זאָגען (ראש-השנה י"ז), אַז דער, וואָס רעדט אויפ'ן צווייטען לשון-הרע, נעהמט ער צו ביי יענעם זיינע עבירות און יענער ביי איהם — די מצוות, און אָט דאָס קלאָגט זיך דוד המלך. ווען די מספרי לשון-הרע וואָלטען כאָטש געווען שומרי-תורה ומצוות, וואָלט ער דאַן פאַר דעם בזיון זייַנעם בעלוינט געוואָרען מיט ריוח — ער וואָלט איבערגענומען זייערע מצוות, אָבער אַז „ישיחו בי יושבי שער ושותי שכר", אַז דערמיט פערנעהמען זיך נאָר די גראָבע יונגען, די ביער-טרינקער און פראָסטאַקעס, וואָס-זשע פאַר אַ ריוח קאָן ער דערביי מאַכען און וואָס מ'שטיינס געזאָגט האָט ער פון זיי איבערצונעהמען?...

(דבש וחלב)

---

ווענען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער דערצעהלט מען, אַז בעת ער פלעגט הערען, ווי איין איד רעדט לשון-הרע אויפ'ן צווייטען, פלעגט ער צוגעהן צו איהם און זאָגען: סערדצע קרוין! ווי אַזוי האָסטו קיין מורא נישט צו זיין אַ מוציא לעז אויף די תפילין פון רבונו של עולם, אין וועלכע עס שטעהט דאָך געשריבען: „ומי כעמך ישראל"!...

---

דער „שפּאָלער זיידע" האָט, כידוע, אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע התנגדות צו רבי נחמן בראַצלאַווער, און געגומען האָט זיך עס פון רכילות, וואָס עס האָט אויף איהם אָנגעטראָגען אייניגע פונ'ם שפּאָלער'ס מקורבים, אַנ'אַלטער חסיד, וועלכער איז גאַנצע אַכט און צוואַנציג יאָהר געווען אַ שותק...

פלעגט רבי נחמן דערויף זאָגען: ליעבע ברידער, זעהט, ווי גרויס עס איז דער כח פון לשון-הרע ר"ל! אַכט און צוואַנציג יאָהר האָט דער יצר געצוואונגען דעם דאָזיגען מענש צו שווייגען, כדי אויסצואַרבייטען איהם אַ גוטען נאָמען און אויסצוטרעטען פאַר איהם אַ וועג, אַז זיין לשון-הרע זאָל אָנגענומען ווערען...

---

דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי נתן שידלאָווצער — זענען מיר מתפלל „ולמלשינים אל תהי תקוה", הגם מיר האַלטען דאָך, אַז „יתמו חטאים כתיב ולא חוטאים", ווייל אויף מלשינים קאָן מען נישט מתפלל זיין און וואַרטען ביז זיי וועלען תשובה טהון, מחמת ביני לביני, ביז זיי וועלען ביי זיך פועל'ן צו טהון תשובה, קענען זיי דערווייל נאָך אַ איד מסר'ן...

---

אין די לעצטע בריעף, וואָס דער ווילנער גאון האָט געשריבען צו זיין ווייב און קינדער, בעת ער האָט זיך געגרייט צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל, און וועלכע טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ צואה, געפינט זיך אַ שטעלע, אין וועלכע ער שרייבט צו די טעכטער, אַז זיי זאָלען נישט גיין שבת דאַווענען אין שוהל אריין, כדי זיי זאָלען נישט נכשל ווערען אין די הארבע זינד פון לשון-הרע, וועלכע איז ווי אומפערמיידליך דאָרט, וואו עס פערזאַמעלט זיך אַ גרעסערע צאָהל ווייבער... און עס איז פיעל גלייכער, אַז זיי זאָלען דאַווענען אין שטוב ביחידות...

---

בעת דער מהר"ם איז געקומען נאָך לובלין איז ער געגאַנגען מיט אַ וויזיט צום מהרש"ל, וועלכער האָט אָבער געהאַט אויף איהם תרעומות, מחמת מען האָט איהם דערצעהלט, אַז דער מהר"ם זאָל עפּיס האָבען גערעדט אויף איהם לשון-הרע. ער האָט זיך דעריבער נישט געאיילט איהם מקבל-פנים צו זיין און אויפגענומען האָט איהם די רביצין.

די רביצין, וועלכע האָט געהאַט אַ שם אַלס אַ זעהר קלוגע אשת-חיל און גרויסע למדנ'טע, האָט לכבוד דעם אורח דערלאַנגט צום טיש פּירות, דערביי זענען די כלים, אין וועלכע די פּירות זענען דערלאַנגט געוואָרען, נישט ריין געוועזען פון שטויב.

— כ'האָב מורא — רופט זיך אָן דער מהר"ם מיט אַ שמייכעל — אַז דאָס איז „אבק רבית".

(אַנ'איידעלער שטאָך, מחמת אויף דער רביצין, דעם מהרש"ל'ס ווייב, פלעגט מען זאָגען, אַז זי פערבאָרגט געלד אויף פּראָצענט).

— און איך, זעהט איהר, האָב מורא — רופט זיך אָן די רביצין — אַז דאָס איז „אבק לשון-הרע"...

---

## ויצא הכהן אל מחוץ למחנה... (יד. ג.)

אין מס' כלים פּרק א' ווערט געזאָגט, אַז מצורעים ווערען אַרויסגע-שיקט מחוץ-למחנה נור פון די שטעדט „המוקפות חומה", דערויף ערקלערט דער ברטנורה: „המוקפות חומה מימות יהושע בן נון".

איז דאָך קשה: דער פּסוק „וארבעה אנשים מצורעים ישבו פתח השער" (מלכים ב. ז.) בעציהט זיך דאָך אויף דער שטאָדט שומרון, און רש"י זאָגט דאָרט אויפ'ן אָרט: „פתח השער — מטעם מחוץ למחנה מושבו", אַז מען האָט זיי, הייסט עס, אַרויסגעשיקט פון דער שטאָדט מחוץ למחנה, און שומרון

איז דאָך געבויט געוואָרען ערשט אין די צייטען פון עמרי, ווי מיר געפינען אין מלכים א׳ קאפ. ט״ז: „ויבן את העיר״, און ווי עס ווערט אויך געזאָגט אין סנהדרין ק״ב: „מפני מה זכה עמרי למלכות מפני שהוסיף כרך א׳ בא״י״ — איז דאָך דערפון אַלזאָ צו זעהען, אַז דאָס משלח זיין די מצורעים מחוץ-למחנה איז אויך חל אויף אַזעלכע שטעדט, וועלכע זענען נישט „מוקפות חומה מימות יהושע בן נון״?

(רבי יעקב צבי מעקלענבורג)

## וכפר עליו הכהן וטהר... (יד. כ.)

דער דאָזיגער פסוק שטעהט געשריבען ביי אַ מצורע עשיר, דאַגעגען ביי אַ מצורע עני שטעהט סתם „וכפר הכהן״, אָהן דעם וואָרט „וטהר״... דען אַן אָרימאַן ווערט קיינמאָל נישט ריין, וואָרום פריהער, בעת ער איז געווען מצורע איז — „מצורע חשוב כמת״, און איצט, ווען ער איז שוין אַפילו גע-וואָרען אויס מצורע, איז ווידער אַמאָל — „עני חשוב כמת״...

(נידבר משה)

## ואם דל הוא ואין ידו משגת... (יד. כא.)

דעריבער איז דער אָרימאַן יוצא מיט אַ קלענערען קרבן, ווייל ווי עס זאָגען די חז״ל: „עניות מזבח כפרה״, און אויסער דעם קרבן, וואָס ער ברענגט, ווערט זיין זינד אויסגעקויפט אויך דורך אַ צווייטע כפרה — דורכ׳ן אָרימקייט...

(תכלת מרדכי)

## ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם... (יד. לג.)

„בשורה היא להם וכו׳ לפי שהטמינו אמוריים מטמוניות של זהב בקירות בתיהם וכו׳ ועל ידי הנגע נותץ הבית ומצאן״ (רש״י)

איז אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס רעדט דער פסוק פון די נגעי-הבתים ווי פון אַ ן עונש...

ווייל רייך צו ווערען דורך נגעים — אויך דאָס איז נישט פון די איבריג אַנגענעהמע זאַכען, אויך דאָס איז אַן עונש...

(אמרי שפר)

## כנגע נראה לי בבית... (יד. לה.)

„אפילו תלמיד־חכם שיודע שהוא נגע ודאי, לא יפסוק דבר ברור לומר נגע נראה לי בבית, אלא כנגע נראה לי" (נגעים פ"ו)

און דערמיט ווערט פערשטענדליך דער מאמר חז"ל (ב"מ פ"ו): „ולא עוד אלא אפי' בשעה שעוסקין בנגעים ואהלות אומרים לי הבא על אשת איש מיתתו במה וכו'"... דען עוסק זייענדיג אין נגעים, ווייסען זיי דאך פונ'ם פסוק „כנגע נראה לי", אז מען טאר נישט שטעלען אויף זיך אפילו ביי א זאך, וואס זעהט אויס צו זיין א דבר ברור, בפרט נאך, אויב ס'איז פארהאן דערביי דער קלענסטער ספק, די מינדעסטע אונזיכערקייט...

(רבי חיים זונדעל)

---

## וצוה הכהן ופנו את הבית... (יד. לו.)

„נגעי בתים באים על הגזל", זאגען די חז"ל, איז דעריבער האט דער כהן געהייסען, מען זאל פונאנדערנעהמען דאס הויז און ארויסטראגען אלע כלים אין דרויסען, כדי, גאנץ פשוט, יעדער זאל זעהן די חפצים און דער־קענען, צי עס געפינט זיך נישט צווישען זיי זיינס א גע'גזל'ט חפץ...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## והנוגע בבשר הזב וכו' וטמא... (טו. ז.)

פארוואס — האט מען אמאל געפרעגט רבי מענדעלי קאצקער — אויב א טהור ריהרט זיך אן אין א טמא, ווערט דאן דער טהור דורכגענומען מיט'ן ריח־הטומאה, פארוואס זאל נישט זיין פערקעהרט, אז דורך דער דאזיגער בע־ריהרונג זאל דער טמא דורכגענומען ווערען מיט'ן ריח־טהרה און ווערען טהור? „מדה טובה — האבען מיר דאך א כלל איז — מרובה ממדה של פורעניות"?

— וויל וועגען דעם טמא — האט דערויף רבי מענדעלי געענטפערט — איז קיין שום ספק נישטא, ער אליין איז דאך מודה, אז ער איז טמא... דאגעגען וועגען דעם טהור איז שווער צו זאגען, צי ער איז טאקי באמת א טהור...

---

# אַחֲרֵי מוֹת

## אחרי מות שני בני אהרן... (טז. א.)

„בשביל ד׳ דברים מתו בני אהרן וכו׳ על שהיו שתויי יין וכו׳ ועל שהיו מחוסרי בגדים, מה היו חסרין? מעיל וכו׳ (מדרש רבה פ״כ)

דערויף פרעגט דער רא״ש (שו״ת הרא״ש סוף כלל י״ג) אַ באמת זעהר הארבע קשיא: ווי אַזוי זענען זיי געשטראָפט געוואָרען „על שהיו שתויי יין" ווערענד דער איסור פון „יין ושכר אל תשת" איז דאָך ערשט געזאָגט געוואָרען שפעטער, נאָך מיתת בני אהרן? דעסגלייכען איז אונפער־שטענדליך דער צווייטער אויסגערעכענטער חטא: „על שהיו חסרים מעיל". מעיל געהער דאָך צו די בגדי כהן גדול און זיי זענען דאָך בלויז געוועזן כהנים הדיוטים?...

---

## בקרבתם לפני ד׳ וימתו... (טז. א.)

אַ מערקווירדיגע אונפערשטענדליך־שווערע שטעלע געפינען מיר אין אור־החיים אויפ׳ן דאָזיגען פסוק, נעמליך:

„ואודיע למתבונן בפנימיות השכלת המושכל שהשכלת ההשכל תשכיל ההשכלות ובהשכיל בהשכלתו ישכיל שמושכל מושלל ההשכל וכשישכיל בהערת עצמו ולא עצמו ישכיל שהמושכל מושכל ממושכל בלתי מושכל מהשכל והשכילו למשכילים ביחוד השכלותו בסוד נשמה לנשמתו וכו׳..."

פערשיעדענע חוקרים בעמיהען זיך צו ערקלערען די דאָזיגע שטעלע מיט דער הילף פון לאַנגע פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען.

---

## כתונת בד קדש ילבש... (טז. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן-עזרא: „ולא הזכיר האפוד והחשן ומציל האפוד, כי כבר הזכיר ונשמע קולו בבואו אל הקדש".

דאָס זעלבע זאָגט אויך דער רשב"ם אין פ' תצוה, און אַ פּלא! עס איז דאָך אַ בפירושע גמרא (ר"ה כ"ו), אַז בשעת דער עבודת יום הכפורים האָט דער כהן געטראָגען נור אַרבעה-בגדים!...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָן)

---

## ונתן את הקטורת על האש וכו' (טז. יג.)

חסידים דערצעהלען: דער בעש"ט האָט אין דער יוגענד משמש געווען דעם בעריהמטען גאון רבי יצחק'ל דראָהאָביטשער. איינמאָל בשעת ער האָט איהם דערלאַנגט קאַווע, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט וואַרטען ביז דער גאון וועט אויסטרינקען און נאָכהער האָט ער צוריטגעטראָגען דאָס לעדיגע טעפעל.

צושמייכעלט זיך רבי יצחק'ל און זאָגט: מילא דאָס ברענגען די קאַווע פערשטעה איך, ווייל דו מיינסט אַודאי, אַז דו ביזט דערמיט משמש אַ תלמיד-חכם, אָבער וואָס פאַר אַ מצוה האָסטו פונ'ם צוריקטראָגען די לע-דיגע טעפלען?

ענטפערט דער בעש"ט: אויך דער החזרת הכף (דאָס צוריקנעהמען דעם אויסגעלעדיגטען לעפעל פון די קטורת ביי דער עבודת יוכ"פ) האָט געהערט צו דער עבודה...

רבי יצחק'ל דראָהאָביטשער איז נתפעל געוואָרען פון דער תשובה און ער זאָל איהם האָבען דערויף געענטפערט, אַז — „אויב אַזוי, דאַרף איך פון היינט אָן אייך משמש זיין"...

---

## השוכן אתם בתוך טומאותם... (טז. טז.)

„אעפ"י שהם טמאים — שכינה ביניהם" (רש"י)

רבי העשיל אַפּטער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, האָבען זיך צוויי רייכע בעלי-בתים געריסען איבער איהם, יעדער פון זיי האָט גע-וואָלט, ער זאָל האָבען ביי איהם אכסניא. איינער פון זיי איז געווען אַ איד אַ ת"ח, נאָר אַ גרויסער בעל-גאוה, דער צווייטער ווידער האָט געהאַט אַנ-אַנדערען חסרון — ער איז נישט געווען קיין גרויסער זהיר במצוות.

אויסגעקליבען האָט דער אַפּטער דעם צווייטען, און ווען די חסידים

האבען זיך דערויף געחידוש׳ט, האט ער זיי געענטפערט: אזיף א בעל-עבירה זאגט די תורה „השוכן אתם בתוך טומאותם״ — „אעפ״י שהם טמאים שכינה ביניהם״, איז אויב דעם רבונו של עולם שטעהט אן צו וואוינען מיט איהם אין איין דירה, שטעהט מיר אודאי אן, דאגעגען אויף א בעל-גאוה ווערט געזאגט: „אין אני והוא יכולים לדור בכפיפה אחת״...

---

## ונתן אותם על ראש השעיר... (טז. כא.)

„על ראש השעיר״ — אויף עשו. „הן עשיו אחי איש שעיר״... אויף איהם, אויף זיין קאפ דארפען ארויפגעלייגט ווערען אלע אונזערע חטאים ועונות. ער — מיט זיינע אונאויפהערליכע רדיפות געגען אונז, איז פאר-אנטווארטליך. דאס האט ער, עשו, צוגעפיהרט אונז צום דאזיגען געפאלענעם זינדיגען מצב...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

---

עהנליך פלעגט אויך זאגען רבי פנחס קאריצער: „מואב סיר רחצי, על אדום אשליך נעלי״! זיי זענען אין אלעם שולדיג, זיי... בעפריי אונז נור, רבונו של עולם, פון זייערע הענד, פיהר אונז צוריק אין אונזער לאנד און דו וועסט זעהען, אדרבה, צי מיר וועלען נישט איבערנאכט שענער און בעסער ווערען!...

---

## לכפר על בני ישראל מכל חטאתם אחת בשנה...(טז. לד.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „אחת בשנה—ולא שתים, ולא שלש״. וואס ווערט געמיינט דערמיט? —

אין יומא (פ״ו) ווערען אויסגערעכענט „ארבעה חלוקי כפרה״ אויף פער-שיעדענע עבירות, וועלכע טיילען זיך אויף דריי קאטעגאריעס: א) עבירות אויף וועלכע יום כפור אליין איז מכפר ב) עבירות אויף וועלכע עס קענען נור מכפר זיין יסורים, ג׳) עבירות אויף וועלכע עס קאן קיין שום זאך נישט מכפר זיין א חוץ מיתה... און דאס, אלזא, איז דער זין פון מדרש: „אחת בשנה״ — זאלען על כל פנים, די זינד געהערען צו דער ערשטער קאטעגאריע חטאים, אויף וועלכע יום-כפור איז מכפר — „ולא שתים ולא שלש״, און נישט חלילה צו דער צווייטער און דריטער קאטעגאריע, וועלכע מען קאן אנדערש נישט אויסקויפען, נור דורך יסורים און מיתה...

(חתם סופר)

---

## ושמרתם את חקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם... (יח. ה.)

איהר זאָלט אָבהיטען אויך די חקים ומשפטים, וועלכע וועלען געמאכט ווערען דורך מענשען, אויך די תקנות, די גדרים, די סייגים, וואָס די חז״ל האָבען מתקן געווען...

(רבי שלום מרדכי מברעזאַן)

---

## איש איש אל כל שאר בשרו וגו׳ (יח. ו.)

דער פשוט׳ער טעם, פאַרוואָס מען לייענט די פרשת עריות אום יום-כפור איז, ווי עס דערצעהלען אונז די חז״ל: „לא היו ימים טובים לישראל כבט״ו באב ויום הכפורים שבהם בנות ישראל יוצאות במחולות ואומרות בחור שא עינך״, האָט מען דעריבער געלייענט אינ׳ם דאָזיגען טאָג די פ׳ עריות, כדי מזהיר צו זיין דאָס יונגוואַרג און זיי צו וואָרענען, זיי זאָלען נישט נכשל ווערען בעבירה...

(רבי אליעזר מגדמיוא)

---

## ולא תעשו מכל התועבות האלה... (יח. כו.)

רבי הערשעלע בערלינער האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ דרשה:

„רובן בגזל ומעוטן בעריות״ (בבא בתרא קכ״ח). אין פוילען זענען די אידען אַ גרויסער קיבוץ (רובן) איז זייער חטא „בגזל״, מחמת זייענדיג אַזוי פיעל אידען ע״ה צוזאַמען אויף איין אָרט, צווינגט זיי די ביטערע פרנסה צו קאָנקורענץ, צו נישט עהרליכען האַנדעל. דאַגעגען „ומעוטן״—אין דייטש-לאַנד, וואו דער אידישער קיבוץ איז אַ קלענערער און די פרנסה קומט אָן לייכטער, איז ווידער אַנ׳אומגליק „בעריות״, איז נעביך דאָס אידישע פאַ-מיליען-לעבען געשלאָגען, עס מעהרען זיך בעו״ה די געמישטע חתונות...

— רבי — רופט זיך אָן דערויף אַ בערלינער בעל-הבית — איך בין געווען אין פוילען און אויך דאָרט האָב איך געזעהען פאַלען פון געמישטע חתונות...

— רבי הערשעלע טהוט אַ טרויעריגען זיפץ און ענטפערט:

— קיין חדוש נישט. אַז עס איז „רובן בגזל״, נו, האָבען זיי שוין, ווייזט אויס, אויך די דאָזיגע התנהגות גע׳גזל׳ט ביי די דייטשע אידען...

(צבי לצדיק)

---

## ולא תקיא הארץ אתכם... (יח. כה.)

ארץ-ישראל האט אין זיך די אייגענשאפט, אז דער, וואס איז נישט ראוי צו זיצען אין הייליגען לאנד און דאס לאנד וויל איהם נישט האבען ביי זיך, דעם גיט די השגחה אריין אנ׳עקעל צום דאזיגען לאנד, כדי ער זאל נישט האבען קיין חשק זיך צו בעזעצען דארט און ער נעהמט אויסרייידען אויף א״י די ערגסטע רכילות. ער ווייסט אבער נישט, דער דאזיגער מענש, אז דאס רעדט נישט פון איהם זיין פיינדשאפט צו ארץ-ישראל, נאר די פיינדשאפט פון ארץ-ישראל צו איהם...

(רבי צבי הירש קאלישער)

---

צום הרב קוק איז אמאל אריינגעקומען אנ׳ארטאדאקסישער אמעריקאנער איד, וועלכער האט זיך בעזעצט מיט זיין פאמיליע אין ארץ-ישראל, און איהם ערקלערט, אז ער האט בעשלאסען צוריקצופאהרען קיין אמעריקא. עס געפעלט איהם נישט דא.

— וואס איז?

— בעזעצט האט ער זיך אין ארץ-ישראל צוליעב דעם, כדי ער זאל קענען ערציהען די קינדער אין פרומען אידישען גייסט, ולסוף — זענען פארהאן אין לאנד אזוי פיעל מחללי-שבת, אזוי פיעל פרייע חלוצים...

הרב קוק פערטראכט זיך א ווייל און דאן פערפיהרט ער מיט איהם א שמועס אויף אנ׳אנדערע טעמא. דרך-אגב גיט ער איהם א פרעג, וועלכעס עס איז דאס בעסטע קור-ארט אין אמעריקא... דער איד אינפארמירט איהם און רופט איהם אן דעם נאמען פונ׳ם בעסטען אמעריקאנער קור-ארט, וועלכעס צייכענט זיך אויס מיט איהר זעלטענער לופט.

— עט — מאכט הרב קוק — זייענדיג אין אמעריקא בין איך גראד געווען אינ׳ם דאזיגען קור-ארט און אויף טריט און שריט האב איך דארט בעגעגענט לונגען-ליידענדע, מענשען, וואס שפייען ל״ע מיט בלוט, טא וואס איז עס פאר א גוטע לופט?

— אדרבה — גיט איהם דער אמעריקאנער איד צו פערשטעהען — ווייל די לופט איז אזוי גוט, קומען דארט אהין אלע קראנקע...

— זעהר ריכטיג — איז הרב קוק מיט איהם מסכים — מיט ארץ-ישראל איז אויך אזוי... דערפאר זעהט מען דא אזויפיעל קראנקע אידען אין רעליגיעזען זין, ווייל „אוירא דארץ ישראל מחכים", ווייל די לופט דא איז זעהר היילבאר פאר אזעלכע קרענק און פון דער גאנצער וועלט קומט מען דא אהער געזונט ווערען...

---

# קְדוֹשִׁים

## לעני ולגר תעזוב אותם וכו׳ לא תגנובו... (יט, י.)

האָב רחמנות אויף אָרימע לייט, געב צדקה, אָבער — „לא תגנובו״, צדקה זאָלסטו געבען נור מיט דיין געלד, נישט מיט אַזעלכע געלדער, וואָס שטאַמען פון גנבה וגזילה...

(תפארת שלמה)

---

## לא תגנובו...

דערפאַר שטעהט דאָ בלשון-רבים, ווייל איין גנבה איז גורם די צווייטע. עפ״י רוב זענען זיך מענשען מורה-היתר: יענער האָט מיך בעשווינדעלט און בע׳גנב׳עט, מעג איך בעגנב׳ענען אַ צווייטען...

(תפארת יהונתן)

---

## ולא תשקרו איש בעמיתו... (יט, יא.)

דער אמת — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער — האָט ליעב צו זיין אַ נאַקעטער, קיין שום דעק-מאַנטלען פערטראָגט ער נישט און קיין שום בעקליידונג, און היות ווי מענשען זענען בטבע גרויסע צנועים און בעלי-בושה, שעמען זיי זיך דריבער צוצוריהרען צו איהם...

---

„מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי״ (שבת קי״ח)

דען אויף אַ שקרן זאָגט די וועלט, אַז ער דאַרף האָבען אַ גוטען זכרון און געדענקען, וואָס ער האָט מיט אַ צייט פריהער געזאָגט, כדי ער זאָל זיך אַמאָל נישט סותר זיין אין די ווערטער און מען זאָל איהם נישט כאַפּען ביי קיין ליגען... און דאָס איז דער פשט: „לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי״,

רעדענדיג אמת, האָב איך זיך קיינמאָל נישט געניטיגט אומצוקוקען זיך און צו האַלטען קאָפּ, וואָס כ׳האָב פריהער געזאָגט...

(ר׳ יוסף זונדעל)

---

רבי רפאל בערשאַדער האָט אַמאָל בעמערקט, ווי זיין ווייב, די רבי׳-צין, בענשט ליכט איבער אַ פּאָר נייע זילבערנע לייכטער. הא — פרעגט ער אַ פערוואונדערטער—פון וואַנען מיט אַמאָל אַזא עשירות? די לייכטער זענען גלעזערנע — שמייכעלט די רביצין, נאָר בלויז איבערגעזילבערט פון דרויסען, זיי זאָלען אויסזעהען ווי זילבער... ווי רבי רפאל האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהון פאר׳ן קאָפּ און זיך צושריען: געוואַלד! מען דאַרף אַנטלויפען פון דער דאָזיגער שטוב! ס׳איז דאָך אַ שטוב מיט גניבת-דעת, אַ שטוב מיט שקר!...

---

## לא תלך רכיל בעמיך.. (יט. טז.)

רעד נישט קיין רכילות אויף דיין פאָלק, זוך נישט קיין חסרונות אויפ׳ן כלל-ישראל...

(בעש״ט)

---

דאָס וואָרט „רכיל״ שטאַמט פון „רוכל״, הענדלער, פעדלער, וועל-כער געהט אַרום מיט זיין סחורה איבער די הייזער און ווייסט, וואָס עס טהוט זיך איבעראַל, וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדען אין טעפּעל און כדי אויסצונעהמען ביי די קונים דערצעהלט ער יעדען איינעם, וואָס ער האָט געהערט און געזעהען ביים צווייטען, און דעריבער ווערט דער לשון-הרע׳-ניק אָנגערופען: „הולך רכיל״ און — „לא תלך רכיל״...

---

## הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא (יט. יז.)

בשעת דו געהסט וועמען מוסר׳ן זאָלסטו זיך ווענדען צו איהם בלשון „עמיתך״, ווי צו אַ פריינד און חבר, מיט אַ ווייכען ליעבליכען טאָן, „ולא תשא עליו חטא״, זאָלסט איהם נישט מאַכען פאר קיין חוטא און רשע, דען דאַמאָלס וועלען דיינע רייד אויף איהם זיין קיין שום ווירקונג נישט האָבען.

(דברי גאונים)

---

אויף אַנ׳עהנליכען אופן טייטשט אויך דער אַלשיך דעם פסוק „אַל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך״ (משלי ט׳). פרעגט זיך: דער חכם נויטיגט זיך דאָך נישט, מען זאָל איהם מוסר זאָגען, מוסר׳ן דאַרף מען דאָך דוקא דעם לץ, דעם רשע, וואָס מאַכט ליצנות און שפּעט־אָב פון דער תורה? נאָר דער פשט איז: „אַל תוכח לץ״, בשעת דו געהסט יענעם מוסר׳ן זאָלסטו נישט זאָגען צו איהם: דו און דו לץ, דו און דו רשע, פאַרוואָס האָסטו דאָס און דאָס געטהון? נאָר — „הוכח לחכם״, זאָג צו איהם: היתכן, ווי קומט צו אַ קלוגען מענש, צו אַזאַ חכם ווי דו, דו זאָלסט טהון אַזאַ און אַזאַ זאַך?... נור אויף אַזאַ אופן קענען דיינע רייד האָבען אויף איהם אַ געוויסע ווירקונג...

---

בשעת דו געהסט זיין אַ מוכיח און זאָגען אימיצען מוסר, זעה פריהער, אַז דו אַליין זאָלסט קודם כל זיין אין אָרדנונג, „ולא תשא עליו חטא״, דו זאָלסט אַמאָל אַליין נישט זיין געכאַפּט אינ׳ם זעלבען חטא, וואָס דו וואַרפסט יענעם פאַר...

(כתב סופר)

---

„האי צורבא מרבנן — זאָגען די חז״ל — דסנו ליה בני מאתיה, משום דמוכח להו במילי דשמיא״. איז אויב אַזוי, טאָ ווי אַזוי מעג מען יענעם שטראָפען און איהם ברענגען דאַדורך צו אַ חטא פון „לא תשנא אחיך בלבבך״?

ענטפערט דערויף רבי אייזיל חריף: לעולם האָט יעדער עם־הארץ פיינד אַ תלמיד חכם, אַפילו ווען ער האָט גאָר קיין שום אורזאַך נישט דערצו, אַפילו ווען ער שטראָפט איהם נישט, ווי רבי עקיבא דערצעהלט אונז: „כשהייתי עם־הארץ אָמרתי מי יתן לי ואנשכנו כחמור״, און — „גדולה שנאה ששונאין עמי־הארץ לתלמיד־חכם יותר משנאה ששונאים הרשעים את ישראל״ (פסחים מט.)... און וויבאַלד אַזוי, איז איידער ער זאָל איהם פיינד האָבען פאַר גאָרנישט, איידער עס זאָל זיין אַ שנאת־חנם, וואָס דאָס איז דאָך איינס פון די הארבסטע חטאים, וואָס האָט גורם געווען צום חורבן בית־המקדש, טאָ זאָל ער איהם, דעם עם־הארץ, זאָגען אַ ביסעל מוסר, וועט ער איהם כאָטש פיינד האָבען פאַר עפּעס, וועט עס לכל־הפחות קיין שנאת־חנם נישט זיין...

---

„עמיתך״ מיינט מען אַ תלמיד־חכם, ווי די חז״ל דרשנ׳ען אויפ׳ן פסוק „בצדק תשפוט את עמיתך״ — „עם שאתך בתורה ובמצוות״. אויך די תלמידי־

חכמים מעגען אמאל הערען א שארף מוסר-ווארט, אויך זיי בעגעהן אפט פעהלערען, אויף וועלכע מען דארף זיי אנווייזען...

---

„לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה" (שבת קי"ט)

דאס אומגליק פון ירושלים איז געווען, וואס די מנהיגים פלעגען רק שטראפען און מוסר'ן די נידריגערע פון זיי, דעם המון, דאגעגען „לא הוכיחו זה את זה", די פעהלערען פון די אייגענע חברים פלעגען זיי געגענזייטיג פערשווייגען...

(בינה לעתים)

---

„תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום וכו' בודאי עשה תשובה" (ברכות י"ט)

אז א תלמיד-חכם — פלעגט דערויף רבי אייזיל חריף זאגען בדרך-הלצה — טהוט אנ'עבירה, „בודאי עשה תשובה", זעצט ער זיך אוועק און שרייבט אן א „שאלה ותשובה", אין וועלכען ער ווייזט אויף עפ"י דין, אז די עבירה איז גאר קיין עבירה נישט...

---

## לא תקם ולא תטר את בני עמך... (יט. יח.)

אויפ'ן מאמר „גדול המצווה ועושה יותר משאינו מצווה ועושה" (ע"ז ג.) זאגט דארט תוספות: „מפני שהוא דואג תמיד לבטל יצרו". ביי א מצוה-זאך איז דער יצר-הרע, הייסט עס, פיעל שטארקער איידער דאן, ווען די זעלבע זאך וואלט נישט געווען קיין מצוה, נאר א דבר רשות... עס ווערט, אלזא, אזוי ארום פערשטענדליך, פארוואס עס הערשט ביי אידען אזא מורא'דיגע שנאה פון איינעם צום צווייטען. דאס איז דערפאר, ווייל דאס ליעב האבען זיך איז ערקלערט געווארען אלס מצוה...

(הרב בנציון ביתן)

---

## ואהבת לרעך כמוך... (יט. יח.)

„ואהבת לרעך כמוך — זה כלל גדול בתורה".

„בתורה", אין עניני פרומקייט און אידישקייט זאלסטו ליעב האבען דיין חבר „כמוך", ווי זיך זעלבסט, נישט מעהר... מחמת עפ"י רוב איז

מען אין אזעלכע זאכען יענעם טרייער, ווי זיך. פון יענעם פערלאנגט מען שטענדיג מעהר פרומקייט און מעהר יראת-שמים, ווי פון זיך אליין...

(נועם מגדים)

---

„ואהבת את ד׳ אלקיך״ און „ואהבת לרעך כמוך״ זענען צוויי גלייכע מצוות. מען קאן נישט האבען קיין אהבת-השם אהן אהבת-ישראל...

(תורת אמת)

---

„ואהבת לרעך כמוך אני ד׳״... אני ד׳ און אזוי ווי דו וועסט זיך אויפפיהרען מיט דיין חבר, אזוי וועל איך זיך אויפפיהרען מיט דיר...

(רבי מאיר יחיאל ממאגעלניצע)

---

## ואהבת לרעך כמוך אני ד׳... (יט. יח.)

רבי נפתלי ראפשיצער דערצעהלט, אז בשעת ער איז געווען א קינד האט איהם דער מלמד געלערנט, אז ווען צוויי „יוד׳ען״ שטעהען צוזאמען (י י.) זענען זיי א שם, האט ער זיך איינמאל טועה געווען און אויך אויף א שוא (:) געזאגט א שם, האט איהם דער מלמד דערויף אויפמערקזאם געמאכט און געזאגט: זאלסט האבען א כלל מיין קינד, ווען די „אידען״ שטעהען צוזאמען, אין איין שורה, דאמאלס זענען זיי א שם, אבער ווען איין „איד״ שטעלט זיך העכער פאר׳ן אנדערען, דאמאלס איז עס א שוא — א גארנישט.

און דאס—האט דער ראפשיצער אויסגעפיהרט — איז דער פשט: „ואהבת לרעך כמוך״, ווען דו וועסט ליעב האבען דיין חבר און שטעלען דעם צווייטען איד „כמוך״, אין איין רייה און גלייך מיט דיר, דאן איז—„אני השם״...

---

## ובגד כלאים שעטנז לא יעלה עליך... (יט. יט.)

רבי ישראל סאלאנטער און רבי שמואל ליובאוויטשער זענען אמאל געווען צוזאמען אין איין קור-ארט. דער ליובאוויטשער פלעגט יעדען טאג פאהרען צום וואסער טרינקען אין א קארעטע, אויף וואס די מוסר׳ניקעס, דעם סאלאנטער׳ס מקורבים, האבען שטארק מתרעם געווען צוליעב׳ן חשש פון שעטנז (צוליעב׳ן זעלבען חשש פאהרען דעריבער נישט פיעל חסידים אין דער באהן צווייטע קלאס, וואו מען זיצט אויף פלושענע בענק). דער

ליובאַוויטשער אָבער האָט זיך סומך געווען אויף אַ תשובה אין „שבות-יעקב", וואו עס ווערט אָנגעוויזען, אַז מען דאַרף דערויף נישט מקפיד זיין.

פאָהרט איינמאָל דער ליובאַוויטשער אין דער קאַרעטע און זעהענדיג אויפ'ן וועג דורכגעהן רבי ישראל'ן, בעט ער איהם אַריין צו זיך, זאָגענדיג דערביי אַ ווערטער: לייכטער צו זיצען אויפ'ן „שבות יעקב", ווי צו געהן צופוס...

פערדריסט עס רבי ישראל'ן און ער ענטפערט מיט הקפדה:

— מילא, מיט'ן חשש שעטנז קאָן מען זיך נאָך, ווי עס איז, סומך זיין אויפ'ן „שבות יעקב", אָבער מיט'ן חשש גאוה (צו פאָהרען אין אַ קאַרעטע, אַרומגערינגעלט מיט מחנות חסידים), אויף וועמען איז זיך דאָ סומך צו זיין?...

---

## ולא תשחית את פאת זקנך... (יט. כז.)

אויפ'ן דאָזיגען לאו — פלעגט זאָגען רבי אַברהם טיקטינער — קלאָגען מיר זיך אין די סליחות: „עונותינו רבו מלמנות", דען לויט'ן דין איז אַ גלוח עובר אויף פינף לאו'ן אויף יעדע צוויי שערות, און אויב אַ מענש גאָלט זיך דעם גאַנצען לעבען מיט אַ תער, איז ווען ער זאָל אַפילו זיין דער גרעסטער בעל-חשבון, וועט ער נישט אימשטאַנד זיין איבערצוצעהלען די צאָהל לאו'ן, וואָס ער האָט במשך פון זיין לעבען עובר געווען...

---

## מפני שיבה תקום... (יט. לב.)

פאַרהאַן אַ מדרש-פליאה: „כשעלה משה למרום מצאו להקב"ה כותב מפני שיבה תקום, אמר ליה מאי מפני שיבה תקום, א"ל היינו דכתיב קום בתולת ישראל"...

וואָס איז דער זין פונ'ם דאָזיגען מדרש?

נאָר די שאלה פון משה רבינו איז געווען, ווי אַזוי עס לייענט זיך דאָס וואָרט „תקום", צי געהער עס צום ערשטען האַלבען פסוק — „מפני שיבה תקום", אָדער עס בעציהט זיך אויך צום צווייטען האַלבען פסוק — „תקום והדרת פני זקן", אַז אויך ביי איהם איז מען חייב בקימה והידור? און דערויף איז געקומען דער ענטפער: „היינו דכתיב קום בתולת ישראל", אַז פונקט ווי אינ'ם פסוק „נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל", איז דאָס וואָרט „קום" שייך צו די לעצטע ווערטער און מען לייענט: „נפלה לא תוסיף, קום בתולת ישראל", אַזוי איז אויך דאָ מיט'ן וואָרט „תקום"...

(רבי שלום מרדכי מבּרעזאַן)

---

## כאזרח מכם יהיה לכם הגר וכו׳ ואהבת לו כמוך... (יט. לד.)

דאָס איז אַ סך מעהר ווי עמאַנציפּאַציע, אַ סך מעהר ווי גלייכבע־רעכטיגונג. נישט נור גלייכע רעכט זאָלסטו געבען דעם פרעמדען, נאָר אויך ליעב האָבען זאָלסטו איהם — „ואהבת לו כמוך!״...

(ילקוט הדרוש)

---

## איש איש מבני ישראל וכו׳ אשר יתן מזרעו למולך... (כ. ב.)

„מזרעו ולא כל זרעו, המעביר כל זרעו למולך פטור״ (סנהדרין ס״ד)

אַ כומר האָט אַמאָל אין אַ וכוח מיט׳ן מהר״ל מפּראָג זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן דאָזיגען מאמר און געפרעגט: וואָס איז עס פאַר אַ שכל? „מזרעו״ איז ער חייב און „כל זרעו״ פטור. וואו איז דאָ די לאָגיק?

— דיזעלבע שאלה — האָט איהר דער מהר״ל דערויף געענטפערט — וואָלט מען אויך געקענט פרעגען וועגען אַ צווייטען דין. דער דין איז, אַז „העושה כל גרנו תרומה אין תרומתו תרומה״. איז דאָך עס אַ חדוש. היתכן? צי דערפאַר, ווייל מען איז יוצא מיט ווייניגער, טאָר מען שוין נישט געבען מעהר? אדרבה!... נאָר דער תירוץ איז: אויב אַ מענש גיט אַוועק די גאַנצע תבואה אַלס תרומה, איז עס אַ סימן, אַז מיר האָבען פאַר זיך נישט קיין נאָרמאַלען מענש, דען די תורה פערלאַנגט עס נישט פון דיר און עס איז נישט דער דרך־העבודה... און דאָס זעלבע איז אויך דאָ. דער „דרך־העבודה״ פון מולך איז געווען, אַז די עלטערען זאָלען פון צווישען זייערע קינדער מקריב זיין איין זוהן פאַר דער עבודה־זרה. איז אויב אַ איד טהוט דאָס זעלבע, וואָס עס בעווייזט, אַז ער איז געוואָרען אַנ׳אַנהענגער פון מולך, דאַרף מען איהם משפט׳ן און בעשטראָפען ווי דער דין איז, אָבער ווען ער נעהמט און איז מקריב אַלע זיינע קינדער צום מולך, אַ זאַך, וואָס די פאָרשריפטען פון דער דאָזיגער עבודה־זרה פאָדערען עס גאָרנישט, בעווייזט עס קלאָר, אַז מיר האָבען פאַר זיך נישט קיין געזעצנדיגער, נאָר אַנ׳אונ־נאָרמאַלען קראַנקען מענש, אַ משוגע׳נעם, און אַ משוגע׳נעם משפט מען נישט...

---

## והבדלתם בין הבהמה הטהורה לטמאה ובין העוף הטמא לטהור... (כ. כה.)

פאַרוואָס שטעהט ביי בהמה פריהער „הטהורה" און ביי עוף—„הטמא" פריהער ?

ווייל בייביידע מינים ווייזט אונז אָן דער פסוק אויף דעם מיעוט, וואָס מען האָט אויסצוקלויבען פונ׳ם רוב: ביי בהמות דאַרף מען אויסקלויבען די טהורות, דען דער רוב בחמות זענען טמא, דאַגעגען ביי עופות דאַרף מען אויסקלויבען די טמאים, דען דער רוב עופות זענען טהור...

(הכתב והקבלה)

---

## והייתם לי קדושים וכו׳ ואבדל אתכם מן העמים.. (כ. כו.)

נאָך דאַמאָלס, ווען מיר וועלען זיין מובדל פון די פעלקער און עקזיסטירען אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק אויף אונזער אייגען לאַנד, וועט מעגליך זיין פאַר אידען צו לעבען ווי קדושים...

(כתב סופר)

# אֱמוֹר

## כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאָביו... (כא. ב.)

פאַרוואָס — פרעגען די מפרשים — שטעהט ביים כהן-הדיוט פריהער „לאמו" און ביים כהן-גדול „לאָביו" פריהער — „לאָביו ולאמו לא יטמא"?

דער תירוץ איז אָבער גאַנץ איינפאַך: „לאמו ולאָביו" איז משמע, אַז די מוטער שטאַרבט פריהער, ווען דער פאָטער לעבט נאָך, דאַגעגען „לאָביו ולאמו" בעדייט פערקעהרט, פריהער איז געשטאָרבען דער פאָטער און נאָכהער די מוטער. איןביידע פאַלען זאָגט אונז, אַלזאָ, די תורה אַ רבותא: דער כהן-הדיוט מעג זיך מטמא זיין אויב זיין מוטער שטאַרבט, ווען אַפילו דער פאָטער לעבט נאָך, און ער, דער פאָטער, קאָן זיך דאָך מתעסק זיין מיט'ן מת. דאַגעגען דער כהן-גדול טאָר זיך נישט מטמא זיין ביי זיין מוטערס טויט, אַפילו ווען דער פאָטער וועלכער זאָל זיך מתעסק זיין מיט איהר, לעבט נישט מעהר...

(אור תורה)

---

## ואשה גרושה מאישה לא יקחו... (כא. ז.)

אין עסטרייך האָט זיך אַמאָל שטאַרק געקאָכט מיט אַ געשיכטע וועגען אַ בעקאַנטען אידישען גביר, אַ כהן, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַ גרושה, וועלכע האָט געג'עט איהר מאַן, און די רבנים האָבען נאַטירליך נישט געוואָלט געבען קיין חופה וקידושין.

דער גביר, וועלכער איז געווען אַ מקורב למלכות, האָט פערקלאָגט די רבנים פאַר דער רעגירונג און מאָטיווירט האָט ער זיין אַנקלאַגע מיט דער ערקלערונג, אַז דאָס, וואָס די תורה פערוועהרט אַ כהן צו נעהמען אַ גרושה, איז עס דערפאַר, ווייל אויב דער מאַן האָט זי געג'עט, בעווייזט עס, אַז זי איז אַנ'אונווירדיגע פרוי און עס איז דעריבער נישט פאַסענד פאַר אַ כהן מיט אַזאַ פרוי צו הייראַטען. דאָ אָבער איז דער פאַל אַ גאַנץ אַנדערער: נישט דער מאַן האָט איהר געג'עט, נאָר זי — דעם מאַן און די רבנים האָבען דעריבער נישט דאָס רעכט צו שטערען איהם.

די רעגירונג האט זיך דאן געווענדעט מיט אנ׳אנפראגע צו די רבנים, וועלכע האבען געענטפערט מיט פאלגענדער תשובה:

אין דער תורה זעלבסט ווערט לגמרי נישט דערמאהנט וועגען דער מעגליכקייט, אז א ווייב זאל מעגען גט׳ן א מאן. דאס איז א תיקון חכמים, וואס מען האט מתיר געווען אין די שפעטערדיגע צייטען, כדי צו בעפרייען די פרוי פון א שלעכטען מאן און צו צווינגען איהם, אז אויב זי פערלאנגט עס, מוז ער איהר געבען גט... ווען אבער דער דאזיגער גביר וויל זיך נישט רעכענען מיט די חז״ל, וועלכע זענען נישט מבחין פון א גרושה ביז א מגרשה, און ער גלויבט נור, וואס עס שטעהט אין תורה שבכתב, איז לויט דער תורה איז זי דאך כלל נישט קיין גרושה, נאר אנ׳אשת איש...

(שו״ת חתם סופר)

---

## והכהן הגדול מאחיו... (כא. י.)

„גדלהו משל אחיו" (יומא י״ח)

זיין גדלות זאל שטאמען משל אחיו, פון זיינע ברידער, זיי זאלען איהם גרויס מאכען, פון זיי זאל ער בעקומען די כהונה, נישט פון פרעמדע...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

---

## אשר יהי׳ בו מום לא יקרב... כא. יז.)

דער כהן דארף זיין געאכטעט ביים פאלק און דעריבער האט די תורה פערבאטען, אז א בעל-מום זאל נישט טהון די עבודה, דען דער המון האט אכטונג נאר פאר אזעלכע מענשען, וועלכע זענען אויך קערפערליך שען און טראגען שענע קליידער...

(מורה נבוכים)

---

די גאנצקייט פון גוף סימבאליזירט אויף די גאנצקייט פון נפש, דען דער בעל-מום איז בטבע מקנא דעם פיזיש געזונטען און דאס ווירקט אויף איהם, ער זאל זיין שלעכט און פערביטערט...

אגב, איז פון דאנען אויך צו זעהען, אז די אידען האבען זיי ערשטע ארויסגעוויזען א בעדייטענדען זין פאר עסטעטיק...

(צ״ון)

---

וועגען א געוויסען גאון ווערט דערצעהלט, אז ער האט געהאט א ווייב, וועלכע איז געווען געבענשט מיט אלע מעלות: א הינקענדיגע אויף

אַ פוס, אַ האָרבאַטע און מיט אַ בלאָנע אויף אַנ׳אויג, און צו דעם אַלעם איז זי נאָך געווען אַ שלעכטע, אַ שרייערין...

האָט דער גאון זיך אויסגערעדט אַמאָל פאַר זיינעם אַ פריינד, וועלכען ער האָט געגעבען צו פערשטעהן, אַז דאָס, וואָס זיין אידענע איז „געבענשט" מיט אַזוי פיעל מעלות, איז דערפאַר, ווייל זי שטאַמט פון אַ פאַמיליע מיט גרויסע מיוחסים... ווען מען האָט אין הימעל — האָט ער עס איהם מסביר געווען — אויסגערופען אַרבעים יום קודם יצירת הולד, אַז פלונית בת פלונית זאָל זיין מיין בעשערטע, איז געקומען צו לויפען דער זיידע איהרער, אַ גרויסער גאון, און גע׳טענה׳ט, אַז דער שידוך מיט מיר שטעהט איהם נישט אָן. נו, האָט איהם דערויף דער מלאך געענטפערט, אַז דאָס דאָזיגע אייניקעל זיינס וועט זיין אַ הינקענדיגע, און דאַן איז ער שוין מרוצה געוואָרען און האָט מסכים געווען. שפּעטער איז געקומען צו לויפען אַ צווייטער זיידע, נאָך אַ גרעסערער צדיק, און ווייטער נישט בעשטאַנען אויפ׳ן זיווג. אפילו אַזאַ הינקענדיגע יחסנ׳טע האָט ער מיר נישט פערגינען. האָט מען איהם געענטפערט, אַז זי וועט זיין אַ האָרבאַטע. אַ דריטער קרוב ווידער, וועלכער איז געקומען מיט פרעטענזיעס, האָט מען מפייס געווען מיט דער ערקלערונג, אַז זי וועט האָבען אַ בלאָנע אויפ׳ן אויג. אַ גליק — האָט דער גאון פערענדיגט מיט אַ ביטערען שמייכעל, — וואָס זי האָט שוין אפנים נישט געהאַט מעהר קיין מיוחסים אין דער משפחה, וואָרום דאַמאָלס, ווער ווייסט, וואָסערע נאָך „מתנות" מען וואָלט מיר צוגעגעבען...

---

## שור או כשב או עז כי יולד (כב. כז.)

מיר האָבען דאָ פאַר זיך דריי פסוקים, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען דריי פערשיעדענע דיני-קרבנות און אין יעדע פון זיי ווערט דער זמן פון דער נאַכט גערעכענט לויט אַ גאַנץ אַנדער אופן... אין ערשטען פסוק ווערט געזאָגט: „שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו" און ערשט אויפ׳ן אַכטען טאָג מעג מען עס מקריב זיין אַלס קרבן, וואָס שייך אָבער די נאַכט צווישען זיבענטען און אַכטען טאָג, איז דער דין, אַז מקריב זיין טאָר מען נאָך דאַן נישט, אָבער עס מקדיש זיין פאַר אַ אַ קרבן מעג מען שוין יאָ. אויף אַזאַ אופן איז, אַלזאָ, די נאַכט אַ זמן בפני עצמה, נישט זי געהער צום פערגאַנגענעם טאָג, וואָרום דאַן טאָר מען דאָך אפילו נישט מקדיש זיין, און נישט צום מאָרגענדיגען, אַכטען טאָג, אין וועלכען מען מעג דאָך שוין זאָגאַר מקריב זיין... אין צווייטען פסוק רעדט זיך וועגען „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד", און דאָ איז דער

דין, אז וויבאלד מען האט די מוטער געשאכטען בייטאג מעג מען שוין אויפ-דערנאכט שעכטען דעם ולד. הייסט עס, אלזא, אז די נאכט ווערט צוגע-רעכענט צום מארגענדיגען טאג... אין דריטען פסוק רעדט זיך וועגען א קרבן תודה, אז „ביום ההוא יאכל לא תותירו ממנו עד בקר", מען מעג עס עסען א גאנצען טאג און בייגאכט (א תודה — ביז האלבע נאכט, און שלמים — א גאנצע נאכט), אבער צומארגענס נישט. הייסט עס, אז די נאכט געהער נישט צום מארגענדיגען, נאר צום פערגאנגענעם טאג... אין יעדען פסוק ווערט אלזא אנדערש גערעכענט דער זמן פון דער נאכט, און דעריבער טאקי קומט נאך די דאזיגע פסוקים דער אויספיהר — „אני ד'". אזוי איז דאס געזעץ, „ואין לך רשות להרהר אחריו!"...

(„בי חיים זונדעל)

---

## ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל... (כב. לב.)

רבי עקיבא גראניצער האט אמאל געמוסרט איינעם, הלמאי ער שיקט זיין זוהן שטודירען אין א גוי'אישע שול און דערצו נאך אויך אום שבת. דערויף האט איהם יענער געענטפערט, אז ער טהוט עס פאר'ן אידישען פאלק, פאר וועלכען עס איז נויטיג צו האבען געבילדעטע אידען, וועלכע זאלען קענען פערטיידיגען דעם אידישען כבוד. אלס ביישפיעל האט ער איהם דערביי אנגעוויזען אויפ'ן דאמאלסדיגען ד"ר נתן בלאך פון וויען, וועלכער האט זיך קונה שם געוועזען מיט זיין פערטיידיגען דעם תלמוד געגען אנטיסעמיטישען גלח דר. ראהלינג. אויך זיין זוהן, האפט ער, וועט אלס געבילדעטער מאן קענען שפעטער מקדש השם זיין און פערטיידיגען דעם אידישען כבוד געגען די שונאי־ישראל.

— געגען אזא מין היתר — ענטפערט איהם דערויף רבי עקיבא — צו זיין שוין איצט א מחלל את השם און א מחלל את השבת, ווייל שפעטער וועט ער אפשר זיין א מקדש השם, וואס עס איז נאך אלענפאלס א גרויסער ספק, ווארענט אונז טאקי די תורה. אט זאגט זי אונז טאקי בפירוש: „ושמרתם מצותי ועשיתם אותם וכו' ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל". זייט נישט מחלל דעם אויבערשטענס נאמען מיט'ן אויסרייד און אויף דער קאנטא פון „ונקדשתי בתוך בני ישראל", אז שפעטער וועט איהר מכלומרשט זיין א מקדש את השם...

---

## ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה (כג. יד.)

אין קידושין ל"ח ברענגט תוספות די קשיא פון ירושלמי: פאַרוואָס האָט מען נישט מתיר געמאַכט, אַז מצה זאָל מען מעגען עסען אויך פון דער נייער תבואה? דער עשה פון „בערב תאכלו מצות" דאַרף דאָך דוחה זיין דעם לא תעשה פון „חדש"?

ענטפערט דערויף ר' יונתן אייבעשיץ:

די גמרא זאָגט, אַז בימי אבלו של משה זענען פערגעסען געוואָרען דריי הונדערט הלכות. איינע פון זיי איז געווען די הלכה פון „שיעורין", ווי גרויס עס דאַרף זיין דער שיעור פון יעדע מצוה, האָט מען דעריבער נישט געקאָנט מתיר מאַכען, אַז מען זאָל קאָנען יוצא זיין די מצוה פון אכילת מצה מיט דער תבואה פון חדש, וואָרום וויפיעל זאָל ער מעגען עסען? זאָל ער עסען אַ כזית? טאָמער איז גאָר דער שיעור פון אכילת מצה צוויי זתים, האָט ער דאָך דאַן נישט מקיים געווען די מצוה און איז עובר אויף אַ חצי שיעור. זאָל ער עסען צוויי זתים? אפשר איז דער שיעור פון דער מצוה אַ כזית, טאָר ער דאָך שוין דעם צווייטען כזית נישט עסען! און אָט דערפאַר האָט מען עס נישט געקאָנט מתיר מאַכען...

---

## וספרתם לכם ממחרת השבת... (כג. טו.)

די ספירה, האָט די תורה בעשטימט, דאָס צעהלען די טעג ביז צום יום-טוב פון קבלת-התורה, זאָל מען אָנהויבען דאַן, ווען מען ברענגט דעם עומר און מען שניידט די נייע תבואָה, און פערקעהרט ווידער, דער עומר איז בעשטימט געוואָרען צו ברענגען דאַן, ווען מען וועט אָנהויבען צעהלען די ספירה צו קבלת-התורה, עס איז הא בהא תליא—„אם אין קמח אין תורה" און „אם אין תורה אין קמח"...

(מהר"ל מפראָג)

---

דעריבער זאָגען מיר אינ'ם ערשטען ספירה-טאָג: „היום יום אחד לעומר", נישט „יום ראשון", אַזוי ווי מיר זאָגען אין די ווייטערע טעג — „יום שני", „יום שלישי" וכו', כדי דערמיט אָבצעווענדען די מיינונג פון די קראים, וועלכע טייטשען, כידוע, אַז „ממחרת השבת" מיינט מען זונטאָג, אַז אין וועלכען טאָג דער פסח זאָל נישט געפאַלען, דאַרף מען אָנהויבען צו צעהלען ספירה אינ'ם ערשטען זונטאָג'דיגען טאָג פון דער נעכסטער וואָך...

איז דערפאַר זאָגען מיר נישט „יום ראשון״, פון וועלכען עס וואָלט דאָך געקאָנט זיין משמע, אַז עס ווערט דערמיט געמיינט — זונטאָג...

(רבי צבי הירש חיות)

---

אינטערעסאַנט! אין ספר „מטה משה״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רבינו יהודה החסיד, אַז דער טעם, פאַרוואָס די תורה האָט געהייסען צעה־לען ספירה איז, ווייל אין די דאָזיגע טעג, צווישען פסח און שבועות, איז דאָס פאָלק בעשעפטיגט ביי דער אַרבייט אויפ׳ן פעלד, און זייענדיג די גאַנצע צייט דערווייטערט פון שטאָדט און היים קאָן אַמאָל פּאַסירען, אַז זיי זאָלען פערגעסען די צייט-רעכנונג און זיך טועה זיין אינ׳ם חשבון, ווען עס דאַרף אויספאַלען דער יום-טוב שבועות, האָט מען זיי דעריבער געהייסען די גאַנצע צייט צעהלען יעדען טאָג ספירה, כדי זיי זאָלען קיין טעות נישט האָבען...

---

## ועניתם את נפשותיכם וכו׳ וכל מלאכה לא תעשו...
## (כג. כז.)

צוליעב וואָס ווערט שפעטער (אין פסוק לא.) נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דיזעלבע אזהרה — „כל מלאכה לא תעשו״?

נאָר דער ערשטער „וכל מלאכה לא תעשו״ בעציהט זיך אויפ׳ן „ועניתם את נפשותיכם״. עס איז אַ בעזונדערע אַזהרה, אַז פייניגען זאָל מען זיך נישט צופיעל, אַז מען זאָל דערביי נישט נאָכטהון דעם געצענדינערישען ביישפיעל פון „ויתגודדו בחרבות וברמחים כמשפטם״. טאַקי „ועניתם את נפשותיכם״, אָבער — „וכל מלאכה לא תעשו״, קיין מלאכה אויף צו פייניגען זיך, קיין מלאכת-ענוי זאָל דערביי נישט אָנגעווענדעט ווערען...

(מלאכת מחשבת)

---

## ולקחתם לכם ביום הראשון... (כג. כז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן-עזרא: „אנחנו נאמין בדברי המעתיקים כי לא יכחישו הכתוב, אף על פי שמצאנו ויקחו להם שה לבית אבות״.

דער זין פון די דאָזיגע ווערטער ווערט דורך די מבארים ערקלערט אויף פערשיעדענע אופנים, וועלכע בעפרידיגען אָבער נישט. דער ריכטיג־סטער און איינפאַכסטער פשט שיינט צו זיין פאָלגענדער: די מצוה פון אתרוג איז, לויט דעם אופן ווי זי ווערט אויסגעפיהרט, אַנ׳אויסנאַהם פון

אלע אַנדערע מצוות, מחמת מיר געפינען נישט נאָך אַזאַ עהנליכע מצוה, וועלכע זאָל בעשטעהן בלויז פון נעהמען דעם אָנגעוויזענעם געגענשטאַנד אין דער האַנד און דערמיט אַליין זאָל מען שוין האָבען מקיים געווען די מצוה, און ווען נישט די „מעתיקים", די חז״ל הייסט עס, וועלכע לערנען אונז, אַז די דאָזיגע מצוה דאַרף אויסגעפיהרט ווערען נור אויף אַזאַ אופן, וואָלט מען געקאָנט זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ולקחתם" האָט דאָ די זעלבע בעדייטונג ווי דער „ויקחו להם איש שה לבית אָבות", וואו מען מיינט נישט בלויז נעהמען, נאָר עסען, אָבער — „אנחנו נאמין בדברי המעתיקים"...

(ח. סלוזעווסקי)

# בְּהַר

## ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו... (כה. י.)

בשעת עס וועט זיין „ושבתם איש אל אחוזתו", בעת מיר וועלען זיך אומקעהרען אין אונזער לאנד, צו אונזער אלטער אחוזה, דאן — „ואיש אל משפחתו תשובו", וועלען מיר דאן צוריק געווינען אונזערע משפחות, אונ-זערע קינדער, וועלכע מיר פערלירען אין גלות, וועלכע האלטען זיך ליידער אין איין דערווייטערען פון אונז, אין איין אנטלויפען פון אידישען פאלק און פון דער אידישער תורה...

(רבי שמואל מאהילעווער)

---

## וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו... (כה. יד.)

„או קנה מיד עמיתך — דבר הנקנה מיד ליד, יצאו קרקעות שאינן מטלטלין" (ב"מ נ"ו)

פרעגט זיך: אינ'ם ווייטערען פסוק ווערט דאך דייטליך געזאגט: „במספר שני תבואות ימכר לך", בפירוש, אז דאס בעציהט זיך אויך אויף קרקעות?

ווי עס ווייזט אויס, האט אויך דעם רמב"ן געאהרט די דאזיגע קשיא און דעריבער שרייבט ער טאקי אויפ'ן דאזיגען פסוק, אז הגם דער דין איז: „אין אונאה לקרקעות", דאך אויפ'ן לאו פון „לא תונו" איז מען אויך ביי קרקעות עובר.

(רבי מנחם מענדיל קרענגיל)

---

## ולא תונו איש את עמיתו וכו' ועשיתם את חקותי ואת משפטי... (כה. יז.)

אויב איהר וועט נישט נארען איינער דעם אנדערען און וועט פיהרען

אנ׳עהרליך לעבען, וועט איהר דאן זיכער אבהיטען אויך אלע אנדערע חוקים ומשפטים פון דער תורה, דען די גאלד-פראבע—דאס איז די הויפט-פראבע... פון אנ׳עהרליכען מאן איז לייכט צו מאכען אנ׳עהרליכען איד...

(רבי נפתלי ראפשיצער)

---

רבי מענדעלי קאצקער פלעגט טייטשען: „אמת קנה ואל תמכור״ (משלי כג. כג.). פארהאן מענשען, וועלכע זענען שטארקע אנהענגער פון אמת — פאר יענעמס וועגען. די גאנצע וועלט וואלט וועלען זיי מזכה זיין מיט׳ן אמת — א חוץ זיך אליין... צו אט אזעלכע ווערט עס געזאגט: אמת קנה — קויף דעם אמת פאר זיך זעלבסט, פאר׳ן אייגענעם געברויך — ואל תמכור, האלט איהם נישט בלויז צום פערקויפען פאר יענעם...

---

חסידים דערצעהלען, אז דער רבי ר׳ בונם, אינ׳ם טאג וואס ער האט דערפיהלט, אז ער האלט ביי בלינד ווערען ל״ע (כידוע, איז דער רבי ר׳ בונם געווען אין די לעצטע יאהרען א סגי נהור), האט ער כסדר גע-חזר׳ט דעם פסוק „העבר עני מראות שוא״ און ביי יעדען מאל די ווערטער פערטייטשט אויף אידיש: נעהם בעסער צו ביי מיר, רבונו של עולם, די אויגען, איידער איך זאל צוזעהן דעם שקר!...

---

## גאולה תתנו לארץ — כי ימוך אחיך... (כה. כד. כה.)

פון אט דער סמיכות צווישען די צוויי פסוקים איז א ראיה צו די דברי חז״ל, אז—„אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״ (סוכה נ״ב). דער „גאולה תתנו לארץ״ וועט קומען ערשט דאן, ווען עס וועט זיין — „כי ימוך אחיך״...

(רבי שלמה קלוגער)

---

דעריבער — פלעגט זאגען רבי שמואל מאהיליווער — איז „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״, מחמת דער שטן איז כסדר מקטרג אויף אידען, אז זיי זענען נישט ראוי צו ווערען אויסגעלייזט פון גלות, דען עס שטעהט געשריבען: „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״, אז די גאולה וועט קומען דורך צדקה, און היות ווי אידען ווילען קיין צדקה נישט געבען און זיי האבען אויפגעהערט רחמנות צו האבען איינער אויפ׳ן

צווייטען, דארף מען אויך פון הימעל אויף זיי קיין רחמנות נישט האבען... אָבער אַז עס איז שוין ר״ל „כלתה פרוטה מן הכיס״, און מען האָט מעהר נישט צו געבען, פאַלט דאָך שוין דאַן ממילא אוועק אָט דער גאַנצער קיטרוג...

מען האָט מיט׳ן פאָלק ישראל — פלעגט זאָגען רבי מאיר יחיאל מאָ-געלניצער — געמאַכט צוויי פערשיעדענע פּרובען. פריהער, ערב די ערשטע גאולה, האָט מען זיי פערזאָרגט מיט עשירות. אַז אידען, איז געווען דער חשבון, וועלען האָבען פרנסה און זיין רייך, וועלען זיי דיענען דעם אוי-בערשטען, מקיים זיין די תורה און געהן בדרך-הישר. אויסגעלאָזען האָט זיך אָבער פערקעהרט — „וישמן ישורון ויבעט״... פאַר דער צווייטער גאולה, פאַר דער גאולה האחרונה, איז דעריבער געבליבען צו פּרובען זיי מיט אָרימקייט, — בשעת אַ מענש איז אָרים, ווערט ער גוט און פרום און האָט מורא פאַר גאָט. ווייזען ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אויך דאָס פועל׳ט נישט, פערקעהרט—„עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״, זיי ווערען נאָך דאַדורך וואָס אַמאָל ערגער און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד דאָס צווייטע מיטעל פון „כלתה פרוטה מן הכיס״ העלפט שוין אויך נישט, איז שוין אויף אַזאַ אופן נישטאָ מיט׳ן ביסעל אידען וואָס צו מאַכען און — עס מוז שוין קומען משיח...

## ואיש כי לא יהיה לו גואל והשיגה ידו... (כה. כו.)

אומגליקליך איז אָפט דער יעניגער, וועלכער איז געבענשט מיט „גואלים״, מיט רייכע קרובים. פערלאָזענדיג זיך אויף די רייכע קרובים, צו וועלכע ער האָלט אין איין לויפען, פערנאַכלעסיגט ער צו זוכען פאַר זיך אַ וועלכע עס איז אַרבייט און בעשעפטיגונג. אַגב, אַלס יחסן און זוהן פון אַ רייכער משפחה, איז נישט מיט יעדע בעשעפטיגונג שטעהט איהם אָן צו פערנעהמען זיך און דער סוף איז, אַז ער איז דעם גאַנצען לעבען אַ׳ן עני ואביון... דאַגעגען אָבער „ואיש כי לא יהיה לו גואל״, פערלאָזט ער זיך נישט אויף קיינעם, ער שעמט זיך נישט מיט קיין שום אַרבייט און — „והשיגה ידו״...

(רבי משה חפץ)

## וכי ימוך אָחיך וכו׳ (כה. לה.)

פריהער, אין דער פרשת שמיטה, ווערען די אידען געוואָרענט, זיי

זאָלען האָבען בטחון, זיי זאָלען אין שמיטה-יאָהר נישט זאָרגען פאַר'ן „ואם תאמר מה נאכל", נאָר פערלאָזען זיך אויפ'ן אויבערשטען און אויף זיין הבטחה פון „וצויתי את ברכתי". דאָס אַלץ איז אָבער בנוגע דיר זעלבסט, דאַגעגען ווען עס קומט צו דיר אַן אָרימאַן נאָך הילף, איהם טאָרסטו נישט אָב'פטר'ן מיט דער מדה פון בטחון, מיט'ן „וצויתי את ברכתי", נאָר — „והחזקת בו"...

און דערפאַר טאַקי זאָגט דער מדרש אויפ'ן דאָזיגען פסוק: „הדא הוא דכתיב אשרי משכיל אל דל", בנוגע צום אָרימאַן מעגסטו דוקא זיין אַ „משכיל", אַ שטיקעל „אַפּיקורס", נישט טרייסטען איהם בלויז מיט בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפען. קודם-כל זאָלסטו איהם אַליין העלפען — „והחזקת בו"!...

(קהלת יצחק)

## אַל תקח מאתו נשך ותרבית וכו' וחי אָחיך עמך... (כה, לו.)

ביי די מלוי-ברבית לעבען דער מלוה און דער לוה נישט גלייך: דער מלוה וואָלט וועלען, אַז די טעג זאָלען פאַראיבער וואָס שנעלער, מחמת מיט יעדען טאָג וואַקסען די צינזען, דאַגעגען דער לוה וואָלט וועלען, זיי זאָלען זיך ציהען וואָס-לענגער. ביים מלוה איז אַ טאָג אַ יאָהר און ביים לוה — אַ יאָהר אַ טאָג... אָבער ווען „אל תקח מאתו נשך ותרבית", ווען עס וועט איינער ביים צווייטען נישט נעהמען קיין פראָצענט, דאַן „וחי אחיך עמך", וועלען ביידע לעבען גלייך. ביי ביידע וועט זיין אַ טאָג — אַ טאָג, און אַ יאָהר — אַ יאָהר...

(אלשיך בדרך צחות)

## ובמרבית לא תתן אכלך... (כה, לז.)

מאַך דיר נישט קיין פרנסה און ציה נישט דיין חיונה, דיין אַכילה, פון רבית...

(קב בשמים)

## והתנחלתם אותם לבניכם... (כה, מו.)

דאָס, וואָס די תורה האָט בעשטימט אַלס געזעץ, אַז ירשנ'ען זאָלען

נאָר די זיהן און נישט די טעכטער, איז צוליעב דעם גאַנץ איינפאַכען און לאָגישען טעם, וואָס פאַקטיש וועט נישט דער זוהן דערפון עפּעס געווינען און נישט די טאָכטער וועט דאַדורך עפּעס פערלירען. וואָרום די טאָכטער, איז אָדער זי האָט שוין געהייראַט, אָדער זי וועט הייראַטען מיט אַ מאַן, וועלכער וועט בעקומען ירושה פון זיין פאָטער׳ס נכסים, און דאָס זעלבע אויך דער זוהן: אָדער ער האָט שוין געהייראַט, אָדער ער וועט הייראַטען מיט אַ פרוי, וועלכע וועט נישט בעקומען קיין ירושה פון איהר פאָטער. אויף אַזאַ אופן ווערען אַלזאָביידע גלייכגעשטעלט אין דער ירושה-פערטיילונג: נישט דער זוהן פערמאָגט סוף כל סוף מעהר, ווי די טאָכטער, און נישט די טאָכטער — וועניגער ווי דער זוהן...

(סניגור)

---

## ומקדשי תיראו... (כו. ב.)

אין זהר ווערט זעהר פיעל אַרומגערעדט וועגען די האַרבע זינד פון „מאן דמשתעי בבי כנישתא״, פון די, וואָס שמועסען אין שוהל ביים דאַוונען.

צוליעב׳ן דאַזיגען איסור — ערקלערט רבי משה פּאַלאַק — איז דעריבער אין בית הכנסת דבאַלכסנדריא של מצרים, ווי די חז״ל דערצעהלען אונז, איינגעפיהרט געווען, אַז — „לא היו יושבין מעורבין אלא זהבין בפני עצמן וכספין בפני עצמן ונפחין בפני עצמן וטרסיים בפני עצמן וגרדיים בפני עצמן וכו׳״ (סוכה נ״א)... דאָס האָט מען בכיוון אַוועקגעזעצט יעדע גרופּע בעלי-מלאכה צוזאַמען, ווייל עס איז דאָך אַ כלל, אַז „כל אומן שונא את בני אומנתו״, און קוים האָבען זיי זיך פיינד, וועלען זיי דאָך זיכער די גאַנצע צייט שווייגען און נישט רעדען צווישען זיך ביים דאַוונען...

---

## את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו... (כו. ב.)

דעריבער ווערט ספּעציעל אויף שבת אָנגעזאָגט: „ומקדשי תיראו״, ווייל אַממעהרסטען ווערט דער חלול-המקדש בעגאַנגען אום שבת. ס׳רוב מחלוקת׳ן און קריגערייען אין די שוהלען און בתי-מדרשים קומען פאָר ביי אידען אינ׳ם שבת׳דיגען טאָג...

(צרור המור)

---

דער דובנער מגיד איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען שבת אין בערלין פאַר אַ רעפאָרמירטער סינאַגאָגע און געזעהען, ווי די שמשים וואַרפען זיך ביים

איינגאַנג אויף די פרעמדע, וועלכע ווילען זיך אַריינבעקומען אין סינאַגאָגע אָהן איינטריטס-קאַרטען, און שלאָגען זיי מכות-רצח.

— עס איז מיר אַ גרויסער חידוש — רופט זיך אָן דערויף דער דובּ-נער — אויף די מפרשים, וועלכע מאַטערען זיך צו זאָגען אויפ'ן פסוק „ומקדשי תיראו" פערשיעדענע פשטים, ווערענד ווי איך זעה, איז דער פשט גאַנץ איינפאַך: „ומקדשי תיראו" — איהר זאָלט מורא האָבען פאַר'ן מקדש, ווייל די שמשים קאָנען אייך נאָך דאָרט די ביינער אָנברעכען...

# בְּחֻקֹּתַי

## ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח... (כו. ה.)

ווען ס'איז נישטאָ קיין פרנסה, קריגט מען זיך אַרום: איין איד מיט'ן צווייטען קאָנקורירט, איינער דעם צווייטען רייסט דעם ביסען ברויט פון מויל, איינער דעם צווייטען מסר'ט, אָבער ווען „ואכלתם לחמכם לשובע", ווען עס וועט זיין פרנסה, דאַן „וישבתם לבטח", וועט זיין מנוחה און שלום ביי אידען...

(ארונו של יוסף)

---

## ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד... (כו. ו.)

עס שטעהט דאָך שוין פריהער: „וישבתם לבטח בארצכם"?

— נאָר — טייטשט איינער פון די קדמונים — דער „ואין מחריד" איז אַ המשך צום „בארץ", און דער זין איז: „ונתתי שלום בארץ", אויך די ערד זעלבסט וועט זיין פריעדליך, „ואין מחריד", עס וועט קיינער דורך איהר נישט ציטערען — עס וועט נישט פאַרקומען קיין ערד-ציטערניש...

---

## ואם תלכו עמי קרי... (כו. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין דער מסורה: „סימן בהדין ענינא, קדמאה תניינא וחמשאה קרי, תליתאה רביעאה שתיתאה שביעאה בקרי, וכך דינך, אָן דאית את — קרי, אָן דאית ואת — בקרי.

אָהן אַ שיעור מבארים האָבען זיך געמאַטערט צו פערשטעהן דעם פשט אין דער דאָזיגער מסורה, אָבער די ריכטיגע ערקלערונג גיט דערויף דער ווילנער גאון (ווערט אויך געבראַכט אין מנחת שי):

זיעבען מאָל ווערט אין דער דאָזיגער פרשה דערמאָהנט דאָס וואָרט „קרי". אין ערשטען, אין צווייטען און אין פינפטען אָרט, שטעהט „קרי",

אָהן אַ ב׳, און פיער מאָל, אין דריטען, אין פיערטען, אין זעקסטען און אין זיעבּעטען אָרט שטעהט „בקרי״, מיט אַ ב׳. און כדי דאָס צו געדענקען ווערט אין דער מסורה אָנגעגעבען אַלס סימן דער פסוק אין מלכים א׳ קאַפּ. ח׳: „ביום ההוא קדש המלך את תוך החצר אשר לפני בית ד׳, כי עשה שם את העולה ואת המנחה ואת חלבי השלמים, כי מזבח הנחושת אשר לפני ד׳ קטן מהכיל את העולה ואת המנחה ואת חלבי השלמים״.

אינ׳ם דאָזיגען פסוק געפינען מיר זיעבּען מאָל דאָס וואָרט „את״. לויט דעם זעלבען סדר וואָס דאָ ביי „קרי״. דריי מאָל, אין ערשטען, אין צווייטען און אין פינפטען אָרט, שטעהט „את״ אָהן אַ ו׳ און פיער מאָל, אין דריטען, אין פיערטען, אין זעקסטען און אין זיעבּעטען אָרט — „ואת״, מיט אַ ו׳. און דאָס, אַלזאָ, איז דער סימן: אויף די ערטער, וואו דאָרט שטעהט „את״ — שטעהט דאָ „קרי״, און דאָרט וואו עס שטעהט „ואת״ — שטעהט דאָ „בקרי״...

## ואכלתם בשר בניכם... (כו. כט.)

מען מיינט עס נישט דווקא אין בוכשטעבּליכען זין, נאָר אין זין פון פסוק: „ואשר אכלו שאר עמי ועורם מעליהם הפשיטו״ (מיכה ג. ג.), און די כוונה איז: איהר וועט דאַרפען אָנקומען צו אייערע קינדער און עסען ביי זיי — דאָס אַליין איז שוין אַ גענוג שווערע קללה...

(דברי חכמים)

## וכשלו איש באחיו כמפני חרב... (כו. לז.)

דער שפּאַנישער קעניג אַלפאָנס, ווערט דערצעהלט, איז אַמאָל שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף די אידען און ער האָט זיי געוואָלט אומברענגען, אָבער איינער פון זיינע פריינד האָט איהם אָבגעהאַלטען פון אויספיהרען אַזאַ אכזריות און דערביי האָט ער איהם געראַטען, אַז אויב ער וויל דורכ-אויס נקמה נעהמען אין די אידען, איז דאָ דערצו אַ פיעל „ליבעראַלער״ מיטעל: ער זאָל בעשטימען פאַר די אידען פון גאַנצען לאַנד איין וואוין-פּלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך אַלע האַלטען צוזאַמען, קיין איין פרעמדער זאָל זיך צווישען זיי נישט געפינען און אויך די בעאַמטע און מושלים זאָלען זיין אידען און דאַן — האָט ער פערענדיגט זיין עצה טובה — וועסטו זעהן, ווי אין אַ קורצע צייט וועלען זיי זיך אַליין אומברענגען און אויפעסען איינער דעם צווייטען...

## וזכרתי את בריתי יעקב וכו׳ והארץ אזכור... (כו. מב.)

די תוכחה וועט דערפיהרען צום „והארץ אזכור״, צום דערמאָהנען זיך און צו געדענקען אינ׳ם אידישען לאַנד...

(רבי יעקב שמשון שעפעטיווקער)

---

דאָ אין פ׳ בחקותי ווערט די תוכחה געזאָגט בלשון רבים, דאַגעגען אין פ׳ תבוא — בלשון יחיד.

מחמת די ערשטע תוכחה — זאָגען די חז״ל — איז געווענדעט געגען בית-ראשון, וועלכער אין חרוב געוואָרען צוליעב די זינד פון עבודה-זרה וגלוי עריות, דאַגעגען די צווייטע תוכחה איז געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן בית-שני, וועלכער איז געוואָרען חרוב צוליעב שנאת-חנם, מען האָט זיך איינער דעם צווייטען פיינד געהאַט, יעדער האָט געלעבט אָבגעזונדערט, ביחידות, זאָרגענדיג נאָר פאַר זיך, און דעריבער ווערט דאָרט די תוכחה גערעדט צום יחיד...

(אמרי חן)

---

## איש כי יפלא נדר בערכך נפשות וכו׳ (כז. ב.)

וואָס האָט מען עפּעס געשטעלט די פרשה פון ערכין נאָך דער תוכחה? — ווייל בשעת אַ איד — האָט דערויף געענטפערט דער „חוזה״ פון לובלין — לייענט דורך די „תוכחה״, קאָן ער חלילה אַריינפאַלען אין עצבות און מיינען, אַז ער איז שוין חס-ושלום נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט איהם, האָט מען דעריבער באַלד דערנאָך אוועקגעשטעלט די פרשה פון ערכין, כדי צו ווייזען איהם, אַז נאָך אַלעמען האָט ער נאָך פונדעסטוועגען אַ שטיקעל ערך און ער איז נאָך ב״ה עפּיס ווערט...